STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00296

IN SHPIGL FUN NEKHTN

Helen Londyn

Permanent preservation of this book was made possible by
Milton & Judy Silverman
in honor of
Cynthia & Robert Shilkret

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העלען לאַנדינסקי

אין שפּיגל פון נעכטן

זכרונות

שער־בלאַט געצייכנט פון ברוך מערין

HELEN LONDYNSKI

IN THE MIRROR OF YESTERDAY

(In Shpigl Fun Nechtn)

Copyright, 1972
by
HELEN LONDYN
518 West 111th Street
New York, N. Y. 10025

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
העלען לאָנדינסקי בוך־קאָמיטעט

PRINTED IN U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96



העלען לאַנדינסקי

געצייכנט פֿון עוועלין לאַנדין

מײַן דאַנק און אָנערקענונג

מײַן האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג וויל איך אויסדריקן די חשובֿע שרײַבערס, קולטור־טוערס און יוניאָן־פֿירערס פֿאַרן צוטײלן מיר דעם כּבֿוד זיך צו באַטײליקן אין מײַן בוך־קאָמיטעט און פֿאַר זײער פֿינאַנציעלער הילף בײַם אַרויסגעבן דאָס בוך.

דעם ערשטן וואָלט איך געדאַרפֿט דאַנקען יעקבֿ גלאַטשטײן ז״ל פֿאַר זײַן עצהן מיר און דערמוטיקן מיך אַרויסצוגעבן מײַנע זכרונות אין בוכפֿאָרעם. ער איז אויך געווען דער ערשטער צו באַ־טײליקן זיך אין מײַן בוך־קאָמיטעט.

אָט האָב איך מיט אים געשמועסט, געהערט זײַנע קלוגע עצות אין שײַכות מיטן אַרויסגעבן מײַנע זכרונות, אָפּגערעדט זיך מיט אים צו טרעפֿן אין פֿינף יאָר אַרום, ווען מיר וועלן יום־טובֿן זײַן 80סטן געבוירנטאָג.

„מיר וועלן זיך זען פֿריִער, אָבער אין פֿינף יאָר אַרום האָבן מיר אַ ׳ראַנדעוווּ׳, בלי־ספֿק״. — האָט ער מיך פֿאַרזיכערט מיט אַ שמייכל. איז איצט, נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעפֿאָלגט זײַנע עצות, זיך אָנגעשטרענגט און אַרײַנגענומען מײַנע זכרונות צווישן צוויי טאָוולען, מוז איך, צו מײַן גרויסן צער און ווייטיק, צושרײַבן ז״ל נאָך גלאַטשטײנס נאָמען.

וועל איך דאַנקען, אַלע צו לענגערע יאָר, באַטײליקטע אין מײַן בוך־קאָמיטעט, לויטן אַלף־בית: יצחק באַשעוויס־זינגער; חיים בעז; ישׂראל ברעסלאו; יצחק גאָלדקאָרן; אַבֿע דאָלזשען; דוד וואַרמאַן (טאָראָנטאָ, קאַנאַדע); פּערל ווייסענבערג (קאַלגאַרי, קאַנאַדע);

טשאַרלס ס. זימערמאַן; יהודה זעליטש (פֿילאַדעלפֿיע, פּ״ע); זשיראַרדאָווער־דוד בערגעלסאָן ברענטש 44־301 אַ״ר; נ. טוראַק; לייבל כּהן; ראָזע מאַזיאַ (אַטלאַנטיק סיטי, נ״דזש); חיים מילער; קיילע מינקין; יוסף מלאָטעק; העניאָך מענדעלסאָן; ברוך מערין; פּראָפֿעסאָר דבֿ סדן (ישׂראל); ד״ר ל. מ. פּרוכטבוים; אַהרן צייטלין; יעקבֿ קאַצמאַן; מאַרטין ל. קאָהען; מלך ראַוויטש; ל. ראָזאָף; משה שטאַרקמאַן; עדוואַרד שניידער; ד״ר מרדכי שעכטער.

אַ באַזונדערן דאַנק קומט מײַן טאָכטער סילוויע און איר מאַן בערט בעערבאָם פֿאַרן מוטיקן מיך בײַם שרײַבן מײַנע זכרונות; מײַן טאָכטער עוועלין — פֿאַרן צייכענען מײַן פּאָרטרעט; מײַן פֿרײַנד ברוך מערין — פֿאַרן צייכענען דעם שער־בלאַט פֿונעם בוך; פֿרײַנד יחזקאל ליפֿשיץ — אַרכיוו־דירעקטאָר פֿון ייִוואָ — פֿאַר זײַן געבן זיך די מי אויסצוגעפֿינען פֿאַר מיר אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער גרופּע שרײַבערס פֿון אונדזער פֿאַרלאַג „די צײַט“; מלך ראַוויטש און ד״ר ישעיה טרונק פֿאַרן באַזאָרגן מיר די פֿעלנדיקע פֿאָטאָ־גראַפֿיעס פֿון די שרײַבערס, וואָס זײַנען געווען פֿאַרטראָטן מיט זייערע ווערק אין פֿאַרלאַג „די צײַט“, לשבֿח דאַרף אויך דערמאָנט ווערן פֿרײַנד הערשל קופּפֿערשטיין — אייגנטימער פֿון דער דרוקערײַ „נאַיט פּרינטינג“ — פֿאַר זײַן אַחריותפֿולער און איבערגעגעבענער אַרבעט בײַם דרוקן דאָס בוך.

העלען לאַנדינסקי

אינהאַלט

פֿיר־רובלדיקע מלחמה ... 11
מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ יונגל ... 21
אַ פֿאַרשטערטער פֿרײַטיק צו נאַכטס ... 25
די גרינדונג פֿון דער י. ל. פרץ קינדערהיים ... 30
מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט ש. י. לאַנדינסקי ... 47
אויף דער זומער־וווינונג שפּעטאַל ... 65
כ׳אַנטלויף פֿון דער היים ... 73
אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין ... 87
די חתונה ... 93
די גרינדונג פֿון פֿאַרלאַג „די צײַט“ ... 103
מײַנע באַגעגענישן מיט י. מ. ווייסענבערג ... 112
ה. ד. נאָמבערג אין דערמאַנונג ... 123
לאַנדינסקיס פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור ... 127
לאַנדינסקיס „געדעקטע“ רײַזע־ביוראָ ... 149
מיט די באָלשעוויקעס אין לעמבערג ... 179

פּיר־רובלדיקע מלחמה

דער דורות־ריס וואָס דאָמינירט הײַנט צו טאָג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן רעפֿלעקטירט אין רעטראָספּעקט אויפֿן דורות־ריס, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין פּוילן אין אָנהייב פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט, דער עיקר אין די קאָנסערוואַטיווע, חסידישע היימען.

מיטן שילדערן מײַנע איבערלעבונגען אין מײַן אָרטאָדאָקסישער סבֿיבֿה, מײַן האַרטנעקיקן קאַמף מיט מײַן חסידישן טאַטן, בין איך אויסן צו סימבאָליזירן די דערוואַכונג פֿון אונדזער יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט זיך צו באַפֿרײַען פֿון די קייטן, אין וועלכע זי האָט זיך דעמאָלט געפֿילט געשמידט.

װען איך האָב געענדיקט פּאַני פּאָזנערס פֿיר־קלאַסיקע פּריוואַטע שול, האָב איך געוואָלט זיך ווײַטער לערנען. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם אין מײַן חסידישער היים. דער הימל האָט זיך ממש געשפּאָלטן.

טאַטע־מאַמע האָבן געפֿירט מיט מיר אַ קאָלטע מלחמה. ס׳האָט ניט געהאָלפֿן מײַן טאַטנס שטורעמען:

— אַ שיינע ריינע כּפּרה זאָל זי מיר זײַן, דײַן פּאָזנער־שמאָזנער. ס׳איז איר נאָך ווייניק, וואָס יאַך האָב דיך געלאָזט ענדיקן איר שקאָלע, אַ טובֿה גייט זי מיר טיִען, שיקן די מיידלעך ווײַטער לאַרנען. שיקסעס וויל זי פֿין זיי מאַכן! ניין, נישט בײַ מײַן לעבן! — פֿאַררוקט ער מיט כּעס דאָס סאַמעטענע קאַפּל טיפֿער אונטער זײַן קאָפּ — אַ יחסנטע ווילסטי בײַ מיר זײַן? דײַנע שוועסטערס האָבן זיך באַניגנט מיט די פֿיר קלאַסן און וואָס פֿעלט זיי? מיר טיִען מיט זיי גיטע שידוכים, ברוך־השם, אויף אַלע מײַנע גיטע פֿרײַנד געזאָגט געוואָרן. נאָך עטלעכע יאָר וועלן אַריבער און מיר וועלן, כּלעבן, אויך מיט דיר טיִען אַ גיטן שידוך, אם ירצה השם.

ס׳האָט אויך ניט געווירקט אויף מיר מײַן מאַמעס הכנעהדיק בעטן זיך בײַ מיר:

— כ׳בעט דיך, חיהלע, שלאָג דיר אַרויס דעם פּיפּטן קלאַס פֿון קאָפּ. נאָך וואָס דאַרפֿסטו דערצערענען דעם טאַטעשי? ער איז דאָך אויסן דײַן טובֿה. אַ מיידל דאַרף נישט צו פֿיל לאַרנען, מיין זי לאַרנט, מיין טויג זי אויף כּפּרות און פֿאַרזיצט ביזן גרויען צאָפּ אַרײַן.

אַליין וואָלט זי אָוודאי זײַן צופֿרידן, די מאַמע מײַנע, צו קענען זיך באַרימען פֿאַר די יידענעס, אונדזערע שכנות, אַז איר טאָכטער איז אַ „געבילדעטע״, זי גייט שוין אין פֿיפֿטן קלאַס, אָבער אַז דער טאַטע זאָגט „ניין״, וועט זי זיך אים ניט אַנטקעגנשטעלן, און זי הערט ניט אויף מיט מיר אײַנצוטענהן, ביז דעם לעצטן טאָג פֿונעם שוליאָר.

דעם אָוונט פֿאַרן לעצטן טערמין מודיע צו זײַן דער שול־פֿאַרוואַל־טעריק, צי מען וועט ממשיך זײַן דאָס לערנען אויך אין פֿיפֿטן קלאַס, בין איך געזעסן אין שטוב ווי אויף שפּילקעס. דער טאַטע האָט גע־לערנט אַ בלאַט גמרא מיט אַ ניגון; די מאַמע האָט געשטריקט זעקעלעך פֿאַר איר נײַ־געבוירענעם אייניקל משהלע. איך מוז דאָך הײַנט אַרויס־קריגן פֿון טאַטן דעם ענדגילטיקן ענטפֿער אויף מײַן בקשה זיך צו לערנען ווײַטער אין דער שול. מײַן האַרץ ציטערט אין מיר, ס׳פֿיבערט מײַן גוף און מײַן נשמה, פֿונדעסטוועגן נעם איך זיך אָן מיט דרייסט־קייט:

— נו, מאַמעשי, מאָרגן איז דאָך דער לעצטער טאָג פֿונעם שוליאָר...

— שאַ, — מאַכט זיך די מאַמע ניט פֿאַרשטיין, וואָס איך בין אויסן — זעסט דאָך דער טאַטעשי לאַרנט, שטער אים נישט, האָב דרך ארץ!

— אָבער מאָרגן, — הייב איך שוין אויף מײַן קול אויף אַ העכערער אָקטאַווע — מאָרגן מוז איך דאָך...

— וואָס דרשנט זי דאָרט ווידער, די טאָכטער דײַנע — פֿאַרמאַכט דער טאַטע די גמרא מיט אַ קוש — נאָך אַלץ וועגן די „שקאָלעס״? ניין, האָב יאָך געזאָגט, גענוג געלאַרנט!

— ס׳וועט נישט מער קאָסטן ווי פֿיר רובל אַ חודש — זאָג איך מיט אַ ציטערדיקער שטים — די מיידלעך אין דעם פֿיפֿטן קלאַס אין קאַלעצקאָס שול צאָלן אַ סך מער, בלויז מיר, די שילערינס פֿון פּאָזנערס שול, האָבן די הנחה...

— אַ מציאה מע קריגט עס. — לאַכט דער טאַטע סאַרקאַטיש אין זײַן קורצער באָרד אַרײַן — זאָג דײַן טאָכטער, חנהלע, זי האָט פֿליטער־לעך אין קאָפּ. מנע... אַן אַנשיקעניש עפּעס אויף מיר. אַ סוף מיז עס נעמען מיט די „שקאָלעס״!

דערזען דעם טאַטנס אַנגעכמורעט פּנים, אַפּעליר איך ווידער צו דער מאַמען, וואָס זיצט אַ שווײַגנדיקע מיט פאַרלייגטע הענט.

— מאַמעשי, מאָרגן איז דאָך שוין דער לעצטער טאָג. וואָס וועל איך מאָרגן זאָגן דער פאַרוואַלטערין? — ברעך איך אויס אין אַ געוויין.

— מאָרגן, — שטייט דער טאַטע מיט רוגזה אויף פון שטול — מאָרגן וועסטו איר זאָגן, אַז פּין מײַנעט וועגן מעג זי גלײַך אײַננעמען אַ מיתה משונה, אַז פאַרברענט זאָל זי ווערן צוזאַמען מיט איר שקאָלע!

— אַזוי זאָגט די גמרא?

דער טאַטע מאַכט זיך ניט הערן און לאָזט מיך איבער מיט אַן אָפּן מויל.

אַ פאַרצווייפלטע גיי איך צו מאָרגנס אין שול. ס'איז הײַנט לעבעדיק און לוסטיק אין פּאַני פּאָזנערס שול. אַריבערגעפּטרט די עקזאַמענס, זײַנען אַלע שילערינס אויפגעלייגט, אין אַ יום־טובֿדיקער שטימונג. דער עיקר קערט זיך וועלטן אין דעם פערטן קלאַס. די שילערינס, ס'רובֿ דרייצן־ און פערצן־יאָריקע, געזעגענען זיך דאָ הײַנט מיט די לערערינס. טייל מיט די אויסצייכענונגען — אַ בוך געדריקט צום האַרצן, ווי אַ פרומער ייִד אַ ספר־תורה אין שיל — דערציילן מיט פרייד, אַז זייער טאַטע־מאַמע וועלן זיי לאָזן ווײַטער שטודירן, זיי וועלן זיך אָנשטרענגען, שפּאָרן דעם ביסן פון מויל און צאָלן דעם שׂכר־לימוד אין דער זיבן־קלאַסיקער שול פון זאָפיע קאַלעצקאַ.

מײַן פּנים פלאַמט פון חרפּה און קנאה. אָט־אָ די אָרעמע מיידלעך: באַלבינע — איר פאָטער אַ שוסטער; סאַבינע — אַ יתומה, דער טאַטע געשטאָרבן פון שווינדזוכט, די מאַמע געבליבן מיט פיר קליינע קינדער, אַ גייערקע געוואָרן, גייט פון הויז צו הויז פאַרקויפן וועש אויף אויסצאָלן — זיי דאַרפן ניט קעמפן אין דער היים, אַז מע זאָל זיי לאָזן ווײַטער זיך לערנען. איך פאַררוק זיך אין אַ ווינקל אין קלאַס. כ'וויל ניט, אַז מע זאָל זען ווי איך האַלט צוריק די טרערן, וואָס שטיקן מיך.

— העלענקע, וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, ווי אַ מײַזל, און קוקסט מיט דערשראָקענע אויגן. ווילסט זיך גאָר ניט געזעגענען מיט מיר? — רײַסט מיר איבער די געדאַנקען מײַן פּויליש־לערערין איזאַבעלאַ גראָסער. שוין צוויי יאָר ווי זי לערנט אונדז אין אונדזער שול. מע זאָגט, אַז זי נעמט ניט קיין געהאַלט. זי איז אַ בת־יחידה פונעם פּראָמינענטן אַדוואָקאַט ניקאָדעם גראָסער און איר איינ־ציקער ברודער, בראָניסלאַוו גראָסער, איז איינער פון די גרינדערס פון „בונד" (סלאָוועק).

— נו, האָסט זיך שוין פֿאַרשריבן בײַ דער פֿאַרוואַלטערין? דו וועסט דאָך זיכער גיין און פֿאַרענדיקן קאַלעצקאַס זיבן־קלאַסיקע שול — גלעט מיך איזאַבעלאַ גראַסער איבערן קאָפּ און קוקט מיר מיט וואַרעמ־קייט טיף אין די אויגן.

מיר דוכט, אַז זי פֿילט וואָס אין מיר קומט איצט פֿאָר, לאָז איך מײַנע טרערן זיך קײַקלען איבערן פּנים און שאָקל בלויז מיטן קאָפּ אויף: „ניין".

פֿאַרוווּנדערטע, בלויע אויגן קוקן מיך אָן. זי פֿרעגט ניט מער גאָר־ניט, זי בעט בלויז, אַז איך זאָל צו איר קומען מאָרגן אַהיים, זי ווינט מיט אירע עלטערן אויף „נאָווי שוויאַט".

מיט שטילע טריט טרעט איך איבער די שוועל פֿונעם ליכטיקן צימער פֿון איזאַבעלאַ גראַסער. אַנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג — אַ גרויסע ביכער־שאַנק אָנגעפּאַקט מיט ביכער. די ווײַן־רויטע פֿאַרבן פֿון מאַטייקאָס איילבילדער אויף די ווענט, „קאָשציושקאָ הינטער ראַצלאַוויץ", די „קאָנ־סטיטוציע פֿון דריטן מײַ", באַלעבן דאָס צימער, וואָס אָטעמט מיט פּוילישער געשיכטע. בײַם שרײַבטיש, לעבן דער קושעטקע, זיצט איזאַ־בעלאַ גראַסער, פֿאַרטאָן אין לייענען, אין איר שוואַרצן, באַשיידענעם קלייד. די שאַטיינענע האָר פֿאַרפֿלאָכטן, ווי תּמיד, פֿון הינטן אין אַ גרעק, פֿאַרנט אָפּגעצויגן, גלײַך פֿאַרקעמט, וואָס מאַכט בולטער איר הויכן שטערן. זי נעמט מיך וואַרעם אַרום, צעקושט זיך מיט מיר און שמייכלענדיק זאָגט זי:

— גוט, העלענקע, וואָס דו ביסט געקומען. דו ביסט אַזאַ שווײַגנדיקע. ווען דו קוקסט אויף מיר מיט דײַנע גרויסע, ברוינע אויגן, פֿיל איך, אַז דו ווילסט מיר עפּעס דערציילן, נאָר דו שעמסט זיך. בײַ מיר אין דער היים, ווו קיינער זעט דיך ניט און וועט דיך ניט הערן, וועסטו מיר אַלץ דערציילן, ניט אמת?

איך ענטפֿער מיט אַ שמייכל.

— פֿאַר וואָס האָסטו מיר נעכטן געזאָגט, אַז דו וועסט ניט גיין זיך לערנען אין דעם פֿיפֿטן קלאַס פֿון קאַלעצקאַס שול? דו ביסט דאָך אַ פֿעיִק מיידל, געווען אַ גוטע שילערין, וואָס זשע וועסטו טאָן? — רוקט מיר מײַן לערערין אונטער אַ שטול לעבן זיך.

מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם הערט זי זיך אײַן אין מײַן שילדערן פֿאַר איר מײַן היים. עס איז פֿאַר איר אַזוי נײַ, כּמעט אומגלייבלעך, זאָגט זי, ווי עלטערן ווילן ניט אָדער קאָנען ניט פֿאַרשטיין זייער אייגן קינד. בפֿרט מאַכט אויף איר אַן אײַנדרוק מײַן איבערגעבן איר, ווי אַזוי איך פֿלעג אויסווײַנען בײַ מײַן טאַטע־מאַמע געלט אויף צו קויפֿן אַ נײַ בוך, בעת איך בין געווען אַ שילערין בײַ דער פֿאַזנערין.

דאָס פֿלעג איך בכיוון בעטן אין אונדזער אײַנקראָם. אין דער היים וואָלטן מיך דאָך מײַנע עלטערן גלײַך אָפּגעפּטרט מיט אַ: „דריי אונדז נישט דעם קאָפּ, מיר האָבן נישט קיין געלט״. פֿלעג איך גיין אין אונדזער געוועלב אויף באַנגע־גאַס, זיך אַוועקשטעלן וואַרטן ביז אַ קונה וועט געבן צו לייזן פֿאַר עפּעס. ווי נאָר די מאַמע האָט אַרונטערגעלאָזט דאָס גע־לייזטע געלט אין איר לעדערנעם בײַטל, וואָס איז געווען צוגעבונדן הינטער דעם פֿאַרטעך, אַרום די לענדן, בין איך צוגעשטאַנען צו איר:

„מאַמעשי, כ׳דאַרף איין רובל אויף אַ נײַער אַריטמעטיק״.

„וואָס עפּעס זאָגסטי עס מיר? בעט דעם טאַטעשי״.

„טאַטעשי, כ׳מוז דאָס ביכל הײַנט קויפֿן, כ׳וועל ניט קענען מאַכן די לעקציעס פֿאַר מאָרגן״.

„לעקציעס, שמעקציעס, שוין גענוג געלאַרנט״.

— מאַמעשי, — זאָג איך שוין מיט אַ וויינענדיקן קול — מע וועט באַלד פֿאַרמאַכן די בוכהאַנדלונג בײַ פּערלמאַנען אויף טוואַרדע גאַס נומער 6, און אַז איך וועל מוזן גיין אויף שוויענטאָקזשיסקע גאַס עס קויפֿן, וועט דאָס בוך דאָרט קאָסטן אַ סך מער ווי אַ רובל.

„ני, וואָס זאָגסטי, לייבל?״ — פֿרעגט די מאַמע דעם טאַטן, זי האָט מורא אײַנצושטעלן אָן דעם טאַטנס הסכמה.

און אַזוי, מיט גרויסע צרות, פֿלעגט מיר יעדעס מאָל אָנקומען צו קויפֿן אַ נײַ בוך.

מיט אַ באַדויערנדיקן אויסדרוק אין אירע גוטע אויגן פֿרעגט מײַן לערערין:

— און וואָס ווילסטו טאָן, אויב דו וועסט זיך יאָ ווײַטער לערנען און ענדיקן קאַלעצקאַס שול?

— איך וויל זײַן אומאָפּהענגיק — זאָג איך אַנטשלאָסן — אפֿשר וועל איך זײַן אַ לערערין און אפֿשר... ווער ווייסט? אפֿשר וועל איך נאָכן פֿאַרענדיקן קאַלעצקאַס שול ווײַטער שטודירן און זיך שאַפֿן אַ מעמד, אַז איך זאָל קענען לעבן דערווײַטערט פֿון מײַנע עלטערנס היים.

אַרויפֿלייגנדיק איר האַנט אויף מײַן אַקסל, זאָגט מיר מײַן לערערין:

— העלענקע, זאָרג ניט, איך זע, אַז דו וועסט דערגרייכן וואָס דו ווילסט. פֿיר רובל אַ חודש איז פֿאַר מיר אַ קלייניקייט. גיי צו דער פֿאַרוואַלטערין און בעט זי דיך אויפֿצונעמען אויף דער ליסטע. די ערשטע פֿיר רובל וועל איך דיר געבן, ווען דאָס שוליאָר וועט זיך אָנהייבן. איך וועל צאָלן פֿאַר דיר אַזוי לאַנג, ביז דײַן טאַטע וועט ווייכער ווערן. ער וועט זיך אפֿשר שעמען, אַז עמעץ אַנדערש זאָל צאָלן פֿאַר דיין שטודירן.

מיט טרערן אין די אויגן דריק איך איר אויס מײַן קינדיש־האַרציקן דאַנק און פֿאַרלאָז מײַן טײַערע לערערין אַ דערמוטיקטע און אויפֿגעלעבטע.

שפעטער, ווען איך בין געקומען צו זיך נאָך דעם איבעראַשנדיקן פֿאָרשלאָג פֿון מײַן לערערין, האָט אָנגעהויבן עגבערן אין מײַן מוח דער געדאַנק, אַז איך טאָר ניט אָננעמען איר הילפֿאָנבאָט. ווי קען איך — האָב איך געטראַכט — מיט אַ רויִק געוויסן דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל צאָלן פֿאַר מיר, פֿאַר מיר — דער טאָכטער פֿונעם רײַכן גערער חסיד ר׳ לייבעלע טויבנבלאַט? איך בין אָלץ מער געקומען צום אויספֿיר, אַז ס׳איז ניט יושרדיק, אַז ס׳וואָלט געווען אַ בושה אַזוינס צו טאָן. מײַן קאָפּ האָט גענומען אַרבעטן ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פֿון מײַנע עלטערן די ערשטע פֿיר רובל, לכל הפחות פֿאַרן ערשטן חודש אין דעם פֿיפֿטן קלאַס.

ס׳מזל האָט מיר דאָס מאָל אַ ביסל צוגעשפּילט. געווען בײַ אונדז אַ מנהג, אַז ערבֿ יום־טובֿ זאָל מען יעדעס קינד אין דער משפּחה באַנײַען מיט עפּעס. אַזוי ווי די ימים־טובֿים האָבן זיך שוין אָנגערוקט, האָט די מאַמע באַשלאָסן מיך צו באַנײַען מיט אַ פּאָר שיך. זײַענדיק פֿאַרנומען אין געוועלב, קאָן די מאַמע אַליין ניט גיין קויפֿן די זאַכן פֿאַר די קינדער, פֿאַרטרעט זי אין דעם איינע פֿון די עלטערע שוועסטערס מײַנע. צו מײַן גליק, האָט מײַן מאַמע באַשטימט די עלטערע שוועסטער שׂרהלע אײַנצוקויפֿן פֿאַר מיר אַ פּאָר שיך.

שׂרהלע איז די איינציקע פֿון מײַנע פֿינף שוועסטערס, וועמען איך קען אָנפֿאַרטרויען מײַנע סודות. זי איז מסכּים מיט מיר. זי איז אויך אין כּעס אויף די עלטערן פֿאַר וואָס מען האָט איר ניט געלאָזט זיך ווײַטער לערנען, נאָכן ענדיקן די פֿיר קלאַסן.

— איך האָב אַן אײַנפֿאַל — זאָג איך צו מײַן שוואַרץ־חנעוודיקער שוועסטער — אָנשטאָט צו קויפֿן, ווי תּמיד, געמזענע שיך וועלן מיר קויפֿן ביליקערע, כראָמענע, און דער אונטערשייד פֿון פּרײַז וועט זײַן אַן אַדערויף אויף מײַנע ערשטע פֿיר רובל.

איך וואַרט אָפּ מיטן ווײַזן דער מאַמען מײַנע נײַע שיך ביז פֿרײַטיק צו נאַכטס. דער טיש איז געגרייט אין ליכטיקן עסצימער, געדעקט מיט אַ שניי־ווײַסן טישטעך. עס פֿינקלען די ווײַנגלעזלעך, די חלות זײַנען באַדעקט מיט אַ בונטפֿאַרביק־געהאַפּטענעם, זײַדענעם חלה־טישטעכל. די מאַמע האָט שוין געבענטשט ליכט אין דער זילבערנער מנורה, דער טאַטע איז נאָך ניט צוריקגעקומען פֿון שיל. די קינדער, מיט אויסגעצוואָגענע קעפּ לכּבֿוד שבת, אין שבתדיקע קליידלעך, רינגלען אַרום די מאַמע בײַם טיש. זי איז איצט אויפֿגעלייגט, הערט מיט אַ שבתדיקער רויִקייט, וואָס די קינדער דערציילן איר. איך ניץ אויס דעם מאָמענט און שפּרינג אונטער צו דער מאַמען מיט אַ גדולה:

„אײַ, האָט מיר שרהלע אײַנגעקויפֿט אַ פּאָר שיך, אַ מחיה, שײן און באַקוועם".

„ ני, אַדרבא, לאָמיך טאַקע זען דײַנע נײַע שיך".

איך טו זײ אויף גיך אָן, שטײ פֿון דער װײַטנס, די מאַמע זאָל זײ, חלילה, ניט װעלן אָנטאַפּן, זי װאָלט דאָך גלײַך דערפֿילט דעם אונטער־שייד: כראָמלעדער איז דיקער פֿון געמזע און מײַנע שיך קאָסטן מיט אַנדערט האַלבן רובל ביליקער.

„טאַקע זײער שײן. טראָג זײ געזינטערהייט, חיהלע!"

זי װײסט גאָר ניט סאַרא גליק ס'האָט מיך געטראָפֿן. איצט פֿעלן מיר בלויז צװײ און אַ האַלב רובל צו פֿאַרװירקלעכן מײַן חלום.

אָבער װוּ נעמט מען די פּאָר פֿעלנדיקע רובל? די צײַט שטײט ניט. סך־הכל עטלעכע טעג זײַנען פֿאַרבליבן און ס'װעלן זיך עפֿענען די טירן פֿאַר די נײַע שילערינס פֿון דעם פֿיפֿטן קלאַס אין קאַלעצקאַס שול. די לערערין גראָסער? — נײן, שטױס איך אָפּ פֿון מיר דעם געדאַנק, נײן, בשום אופֿן ניט, ס'איז אַ חרפּה.

אַזוי זיצנדיק בײַ מײַן שרײַבטיש און טראַכטנדיק, הער איך: ס'קומט אַהײם מײַן פֿאָטער מיט אַ קונה. איך קען אים: פּאַן װישליצקי. ער קויפֿט תּמיד בײַ אונדז לעדערנע פּאַסן פֿאַר זײַן מיל. די פּאַסן האַלט דער טאַטע ניט אין קראָם, פֿאַר דעם האָט ער אַ ספּעציעל צימער אין דער הײם.

„קים אַרײַן, חיהלע, װעסט מיר העלפֿן אויסמעסטן דעם פּאַס פֿאַרן קונה".

דער טאַטע שטעלט אויס אויף דער פֿראַטירטער פּאָדלאָגע אין עס־צימער אַ גאַנצע קאָלעקציע לעדערנע רעדלעך.

„דער פּאַס — זאָגט דער טאַטע, אָנװײַזנדיק אויף אַ רעדל — איז ניט אַזוי דיק, אָבער שטאַרק װי אײַזן".

דער קונה באַטאַפּט דעם פּאַס, ענטפֿערט ניט. דער טאַטע זעט שוין, אַז ס'װעט זיך אים ניט אײַנגעבן אײַנצורעדן דעם קריסט דאָס צו קויפֿן.

„אַזאַ פּאַס האָט איר, פּאַניע װישליצקי, ניט געהאַט אַפֿילו אונטער אײַער חופּה" — װיצלט זיך דער טאַטע, אויפֿװיקלענדיק אַ צװײט רעדל.

איך װער אומגעדולדיק. צו װעלכע גוטע יאָר דאַרף איך דאָ זיצן און אויסהערן די אַלערלײ סוחרישע קונצן בײַם פֿאַרקויפֿן אַ פּאַס? עס הײבט מיך פֿון שטול, איך שפּאַן הין און צוריק איבער דעם לאַנגן עס־צימער.

— אויב איר װעט ניט זײַן קײן מבֿין אויף דעם שטיקל סחורה — ציט דער טאַטע אויס אַ דריטן פּאַס אין זײַן גאַנצער לענג — זאָג יאָך אײַך, פּאַניע װישליצקי, איר זאָלט אַזוי לעבן און איר זאָלט אַזוי געזונט זײַן, אַז איר װעט הײַנט אַהײמפֿאָרן אָן אַ פּאַס.

איך וואַרף אַ בליק צום קונה, כ'האָב חשק אים צו זאָגן: כ'בעט אײַך, האָט רחמנות אויף מיר, מאַכט אַ סוף. קויפֿט יאָ אָדער קויפֿט ניט, אַבי אַ סוף זאָל עס נעמען. צום גליק דערזע איך אַ שמייכל אויף די דיק־לעכע ליפּן, וואָס קוקן אַרויס צו מיר פֿון אונטער די דין־פֿאַרדרייטע בלאָנדע וואָנצעס פֿונעם פּאַן ווישליצקי.

„נו, גוט — זאָגט ער — זאָל שוין זײַן, מעסט אים אויס, פּאַניע טויבנבלאַט".

אַ צופֿרידענער נעמט דער טאַטע אַ הילצערנעם אַרשין. איך האַלט דעם פּאַס מיט ביידע הענט, אַז ער זאָל זיך ניט אַוועקגליטשן אין אַ זײַט. דער טאַטע מעסט, שנײַדט אָפּ מיט אַ שאַרפֿן מעסער, פֿאַרוויקלט אים אין אַ רעדל און פּאַקט אים אײַן.

איך שרײַב אויס אַ רעכענונג, דער קריסט באַצאָלט. דער טאַטע דאַרף אים אַ רעשט געבן צוויי און אַ האַלב רובל פֿון אַ גאָלדשטיקל — אַ פֿינפֿערל. ס'טוט מיר אַ זעץ אין האַרצן: צוויי און אַ האַלב רובל, דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס מיר פֿעלט.

דער טאַטע זוכט אין זײַנע קעשענעס.

„ניין, יאָך האָב נישט. גיי, חיהלע, אַראָפּ מיטן קונה, בײַט אויס די פֿינף רובל און גיב אים דעם רעשט".

אין אײַלעניש וואַרף איך אַרויף אויף מיר מײַן מאַנטל און לויף אַראָפּ מיט אימפּעט, באַגלייט פֿונעם מולדיקן קונה.

די צוויי און אַ האַלב רובל, וואָס איך דאַרף אומקערן דעם טאַטן, דריק איך פֿעסט אין מײַן האַנט. ניט אַנדערש, ווי אַ גוטער מלאך האָט עס מיר צוגעשיקט. טויט אָדער ברויט, טראַכט איך, כ'וועל דעם טאַטן דאָס געלט ניט אומקערן.

— באַהאַלט מיר גוט דאָס געלט — זאָג איך צו מײַן חבֿרטע, וואָס וווינט אין שכנות מיט אונדז — היט דאָס מיר אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ. בלויז עטלעכע טעג... — רעד איך נערוועזיש, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, ס'פּלאָנטערט זיך מײַן צונג, ס'ציטערן מײַנע הענט, ווי בײַ מײַן באָבע פּעסע, בעת זי הייבט דעם לעפֿל וואַרעמס צו אירע אײַנגעצויגענע ליפּן.

ווי ס'וואָלט מיך עמעצער נאָכיאָגן, לויף איך אויף דער קרולעווסקע גאַס, ס'איז נאָך איצט צו פֿרי אַהיימצוגיין. דער טאַטע וואַרט מסתּמא אויף דעם געלייזטן פּדיון, כ'מוז פֿאַרצײַען דאָס באַגעגענען זיך מיט אים איצט אויג אויף אויג. גיי איך אַרײַן אין זאַקסישן גאָרטן, זעץ זיך אַוועק אויף אַ באַנק אין דער קרולעווסקער אַלעע, אונטער אַ הויכן, צעצווײַגטן בוים.

סע שמעקט מיט האַרבסט. די ביימער כמעט נאַקעט. דער אלול־ווינט האָט צעזייט און צעשפּרייט די אַראָפּגעטרייסלטע, געלבלעכע בלעטער אויף דער פֿײַכטער ערד אין גאָרטן. איצט פֿאַלן אויף זיי גאָלדענע

שקיעה־שטראַלן. דער טאַטע דאַרף שוין גיין אין בית־המדרש דאַווענען מנחה־מעריב. די פּאַסיקסטע צײַט אַהיימצולויפן.

— אַזוי לאַנג האָט דיר גענומען דאָס אויסבײַטן דאָס גאָלד־שטיקל? — פרעגט דער טאַטע מיט אַ פאַרשנדיקן בליק — שוין צײַט צו גיין דאַווע־נען און יאָך זיץ דאָ און וואַרט אויף איר. ני, געב שוין אַהער די צוויי און אַ האַלב רובל, ס'איז שפּעט.

— וואָס? צוויי און אַ האַלב רובל? — שטאַמל איך כלומרשט פאַר־וווּנדערט.

— ס'טײַטש? צי ביסטו חסר־דעה? די ווייסט גאָרנישט? מאַך זיך נישט תּמעוואַטע און געב מיר שוין דאָס געלט, וואָס דער גוי האָט דיר באַצאָלט.

— אַ, דאָס מיינט דער טאַטעשי? דאָס האָב איך דאָך שוין אײַנגע־צאָלט דער פּאַני קאַלעצקאַ. מיר הייבן דאָך שוין אין גיכן אָן צו גיין אין איר שול.

„חצופּה!" — שטורעמט דער טאַטע און וויל מיך אָנכאַפּן בײַ דער האַנט. איך לויף אַרום דעם טיש און לאָז זיך ניט כאַפּן.

„זאָל מיר אָסור זײַן, איך זאָל אַזוי לעבן און געזונט זײַן, איך האָב ניט, איך האָב ניט דאָס געלט".

געשלאָגן האָט מיך מײַן טאַטע נאָך קיין מאָל ניט, קיין פײַערדיקע פעטש האָב איך אויך איצט ניט באַקומען, אָבער פײַערדיקע בליקן וואַרפט ער מיר יאָ צו:

— ני, ני, — הייבט זיך בײַ אים דאָס קורצע בערדל, בעת ער בײַסט צאָרנדיק זײַנע דינע ליפּן — ס'איז דײַן גליק, וואָס כ'דאַרף איצט גיין דאַווענען, כ'על זיך שוין אויסטענהן מיט דיר הײַנט בײַ נאַכט. יאָך 'על דיר ווײַזן, וואָס דאָס מיינט כאַפּן בײַ מיר געלט, די פאַרשײַטע מויד, די!...

איך עטעם אָפּ, ווען איך הער אים האַסטיק פאַרקלאַפּן הינטער זיך די טיר. כ'לויף אַרײַן אין מײַן צימער, לייג זיך שלאָפן אומגעגעסן, כדי אויסצומײַדן די בײַנאַכטיקע באַגעגעניש מיטן טאַטן.

אויף מאָרגן — דער טאַטע רעדט ניט צו מיר. ער האָט אונטער־געשטעלט די מאַמע, זי זאָל בײַ מיר פועלן, אַז כ'זאָל אָפּנעמען דאָס געלט פון דער פרוי קאַלעצקאַ.

— חיהלע, כ'בעט דיך — פאַרברעכט זי טראַגיש די הענט — זײַ נישט מצער דעם טאַטעשי. אַזאַ מין חרפּה, אַזאַ בזיון. ווי און וויינד איז מיר. קענסט דען נישט יוצא זײַן מיט די פיר קלאַסן? ווערסט דאָך אים, חלילה, פאַרקירצן די יאָרן, דעם טאַטעשי דײַנעם. דאָס ווײַטערדיקע גיין אין

שקאָלע וועט דיך פירן אויף קרימע וועגן — רעדט צו מיר הכנעהדיק מײַן מאַמע.

— אָבער... ווען די מאַמעשי איז געווען יונג, צי האָט זי קיין מאָל... צי איז דאָס אַזוי שווער צו פאַרשטיין? איך וויל לערנען דאָס לעבן, קומען נאָענטער צום אמת אויף מיין שטייגער. דער טאַטעשי זוכט דאָך אויך דעם אמת אין די הייליקע ספרים. אַט לערנט ער דאָך: „זאָגט תוספות פאַרקערט"...

אַ פּאָר שטאַרע אויגן קוקן מיך אָן.

— און פאַר וואָס וויל דער טאַטעשי מיך נישט פאַרשטיין?

— יאָך פאַרשטיי דיך אויך נישט.

— פאַראַן אַ פּאָעמע בײַ אַ פראַנצייזישן דיכטער — פּרוביר איך דערקלערן מײַן מאַמען — דערציילט ער דאָרט וועגן אַ יינגל, וואָס האָט געוואָלט מאַכן אַ שׂרפה אין אַ ביבליאָטעק, ווײַל ער איז קיין מאָל אַליין אין קיין שול ניט געגאַנגען און ער האָט ניט געקאָנט לייענען.

די מאַמע קוועטשט מיט די אַקסלען: „וואָס האָקסטי מיר אַ טשײַניק, די ביסט אַ צו־להכעיסניצע ביסטי, האָסט נישט קיין יאַנדעס".

מיט פאַרקריצטע ציין דראָט זי מיר מיט אַ פינגער אין דער לופטן: „געדענקען זאָלסטי, דער טאַטע וועט עס דיר קיין מאָל נישט מוחל זײַן!"

מײַן מאַמע פאַרשטייט מיך ניט. אַ צו־להכעיסניצע בין איך? ניין, איך האָב גרויס עגמת־נפש פון דעם. אָט איז נאָך אַ בולטער סימן, אַז זי פאַרשטייט מיך נישט. זי קען מיך אפשר טאַקע נישט פאַרשטיין, זי איז קיין מאָל אַליין אין קיין שול ניט געגאַנגען. איך לעב אין אַן אַנדער צײַט, און האָב אַנדערע פאַרלאַנגען. זי זעט נישט דאָס אויפגייענדיקע ליכט, איך גיי דעם גורל אַנטקעגן אויף נײַע וועגן, כאָטש ס'טוט מיר וויי דאָס האַרץ, וואָס די ברכה פון טאַטע־מאַמע וועט מיך נישט באַגלייטן.

מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ ייִנגל

מײַן לערנען אין דער קאַלעצקאַ־שול, דער עיקר די ערשטע צײַט, האָט נישט געשפּינט אַרום מיר קײן לויטערע רו: ערשטנס, כּדי אויסצומײַדן די שפּיזיקע בליקן פֿון טאַטן יעדן פֿרימאָרגן, האָב איך געמוזט מאַרקירן אַזוי, אַז איך זאָל אַרויס פֿון מײַן צימער נאָך דעם ווי דער טאַטע איז אַוועק דאַווענען שחרית; צווייטנס, מײַנע נײַע שיך זײַנען פּלוצעם נעלם געוואָרן — טאַטע־מאַמע האָבן זיי ערגעץ באַהאַלטן.

דאָס אַלץ האָט מיך מצער געווען, אָבער ניט אָפּגעשטעלט מײַן גיין אין שול. האָב איך ניט געהאַט די נײַע שיך, בין איך געגאַנגען אין מײַנע אַלטע, אויסגעריבענע לאַטשן. האָב איך ניט געהאַט קײן צען גראָשן אויף אַ טראַמווײַ, בין איך געגאַנגען צו פֿוס, כאָטש ס׳איז געווען אַ מהלך פֿון אַ האַלבער שעה. בײַ מײַנע רײַכע, חסידישע עלטערן מוז איך שפּאָרן יעדן גראָשן, דערפֿאַר אָבער לעב איך אויף אין דער שול.

די מיידלעך, ס׳רובֿ פֿון רײַכע, אַסימילירטע היימען, נעמען אונדז אויף, די נײַע אָנגעקומענע שילערינס פֿון דער פֿיר־קלאַסיקער פּאָזנערס שול, מיט אָפֿענע אָרעמס. אין צווייען זיצן מיר אויף איין באַנק. פֿעלע, וואָס זיצט לעבן מיר, דערציילט מיר וועגן אירע עלטערן. איר פֿאָטער טראָגט ניט קײן לאַנגע קאַפּאָטע, ער גייט „דײַטש" געקליידט: אַ קורץ רעקל, אַ קאַפּעליוש שטאָט אַ היטל מיט אַ דאַשיק, עסט אין בלויזן קאָפּ און רעדט מיט איר פּויליש. „זשאַרגאָן", — זאָגט זי — פֿאַרשטייט זי, אָבער ריידן קען זי ניט. דער עיקר ווער איך נתפּעל פֿון איר דערציילן מיר וועגן אירע חבֿרים־גימנאַזיסטן, וואָס גייען מיט איר שפּאַצירן און באַזוכן זי אַפֿילו אין דער היים. איך שעם זיך גאָר איר צו שילדערן מײַן היים. זאָגן איר, אַז איך טאָר ניט קוקן אַ ייִנגל אין פּנים, וועט זי מיר אפֿשר ניט גלייבן, אָדער אַפֿילו גאָר אויסלאַכן און זיך ניט וועלן חבֿרן מיט מיר. שווײַג איך, טיף אין האַרצן בין איך זי מקנא און עס פֿאַרדריסט מיך, פֿאַר וואָס איך בין געבוירן געוואָרן בײַ מײַנע חסידישע עלטערן. וואָס וואָלט דאָס זיי געשאַדט, אַז כ׳זאָל גיין שפּאַצירן מיט קובאַן?

קובאַ, אַ פּופצן־יאָריקער גימנאַזיסט, וווינט מיט זײַנע עלטערן אין שכנות מיט אונדז. מײַנע עלטערן מײַדן זיי אויס.

— דאָס זענען דאָך ריכטיקע גויִים — זאָגט מײַן מאַמע — זי טראָגט דאָך אַפילו נישט קיין שייטל, די פֿרוי ווײַנרעב, אַן אמתע גויע, אַפילו זייער קעכין איז אַ שיקסע.

קובאַ ווייסט, אַז ער טאָר צו מיר ניט ריידן. זאָל ווער פֿון מײַן משפחה אונדז זען גיין צוזאַמען, וואָלט מען אונדז ביידן אויסגעריסן די אויערן. וואַרט ער מיך אָפּ אין דער פֿרי פֿאַרן טויער און באַגלייט מיך אַ האַלבן וועג צו מײַן שול. ער רעדט צו מיר רוסיש. עס האָט אים גענומען אַ סך צײַט און מי, ביז איך האָב באַוויליקט אים אָנצוקוקן און ענטפֿערן אויף זײַן „זדראַווסטוווּיטיע" (גוט מאָרגן). אַ מאָל פֿון דער ווײַטנס פֿלעגט ער ציִען זײַן טונקל־בלוי גימנאַזיסטיש היטל. איך פֿלעג מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך זע אים ניט, אָוועקדרייען דעם קאָפּ און זיך מאַכן ניט וויסנדיק.

אַ שיין יִינגל איז ער, מיט צוויי קעפּ העכער פֿון מיר. ברייטפּלייציק, קאַשטאַנעוואַטע, געקרײַזלטע האָר. אין דער אמתן האָב איך שטאַרק חשק געהאַט צו באַקענען זיך מיט אים. זײַן אויסזען און זײַן באַנעמען זיך זאָגן עדות, אַז ער איז אַן אינטעליגענט יִינגל, אָבער די שרעק פֿאַר מײַנע עלטערן און די שעמעוודיקייט אים דאָס צו זאָגן האָבן מיך אָפּגעהאַלטן פֿון דעם.

איין מאָל האָב איך באַמערקט אַן אויפֿשריפֿט אויף דער וואַנט לעבן אונדזער טיר. גרויסע אותיות מיט אַ רויטן בלײַשטיפֿט: „ראָזאַ, יאַ וואַס ליובליו (ראָזאַ, איך האָב אײַך ליב). צי איז דאָס ניט אַ מאָל קובאַס שטיקל אַרבעט? אפֿשר מיינט ער דאָס מיך? איך געפֿעל אים באמת, הייסט עס?

מאַכט זיך אַ מאָל, איך קום פֿון שול מיט אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם. קובאַ לויפֿט אויף די שטיגן הינטער מיר. ער טוט אַ שטויס מײַן עלנבויגן. מײַנע ביכער צעשיטן זיך אויף די שטיגן. ער פֿאַרענטפֿערט זיך העפֿלעך און העלפֿט מיר צונויפֿזאַמלען די ביכער. עס פֿלאָנטערן זיך דערבײַ אונדזערע הענט, מיר לאַכן זיך ביידע פֿונאַנדער.

סאַראַ לאַכעדיקע, גרינע אויגן ער האָט דאָס. און ווען איך זע אים צו מאָרגנס אויף דער גאַס, דריי איך מער ניט אָוועק דעם קאָפּ. מיר גייען צוזאַמען אַהיים, שמועסן, שטיפֿן און זײַנען פֿריילעך. ער בעט מיך, אַז איך זאָל אים רופֿן: קובאַ. אַזוי רופֿט מען אים אין דער היים.

„און איר ווילט גאָר ניט וויסן ווי אַזוי איך הייס?" — פֿאַרוואַרף איך אין אַ זײַט קאָקעטיש מײַן קאָפּ.

„כ׳פֿאַרשפּאַר צו פֿרעגן, איך ווייס, איר הייסט ראַזאַ״.

„ראַזאַ? ווער האָט עס אײַך געזאָגט? — קײַקל איך זיך פֿון געלעכ־טער — מײַן נאָמען איז גאָר: העלענע״.

„פֿאַר מיר זענט איר אַ שיינע, בליִענדיקע רויז״.

איך פֿאַררייטל זיך. דער ערשטער קאָמפּלימענט פֿון דעם ערשטן באַ־קענטן יִנגל. בײַם געזעגענען זיך דריקט ער מיר שטאַרק די האַנט, קוקט מיר לאַנג אין די אויגן, ווי ער וואָלט װעלן דערגיין, צי ער געפֿעלט מיר אויך אַזוי ווי איך געפֿעל אים.

נאָך דעם איז מיר קובאַ שוין ניט אַרויס פֿון קאָפּ. איך טראַכט נאָר וועגן אים. אַ קלייניקייט, מײַן ערשטע נאָענטע באַגעגעניש מיט אַ יִנגל. בײַם משפּחהדיקן אונטערוויט איז אָבער געשעען אַן אומגליק. איך האָב פּלוצעם דערפֿילט, אַז עמעצער צופּט מיך אונטערן טיש. מײַן זיבן־יאָריק ברודערל יאַנקעלע האָט זיך באַהאַלטן אונטערן טיש און קוועטשט צו מיר מיט איין אויג:

„זאָל יאָך דערציילן?״

כ׳קוק אים אָן פֿאַרחידושט, כ׳פֿאַרשטיי ניט וואָס ער מיינט.

„יאָ, יאָך גיי דערציילן, הײַנט אויף גראַניטשנע גאַס״...

ס׳איז ביטער, טראַכט איך, ער האָט אונדז געזען.

„ניין, שווײַג, הערסט יאַנקעלע, דערצייל נישט; כ׳וועל דיר מאָרגן קויפֿן „ליאָדעס״ (אײַזקרעם), אַ סך ליאָדעס, וויפֿל דו וועסט נאָר וועלן״ — גלעט איך אים בײַ זײַנע בלאָנדע פּאהלעך.

יאַנקל הערט ניט וואָס איך רעד צו אים, ער שפּרינגט שוין אויף איין פֿוס אַרום דעם טאַטנס שטול.

— יאָ, כ׳על דווקא יאָ דערציילן. טאַטעשי, זי האָט הײַנט שפּאַצירט אויף דער גראַניטשנע גאַס — ווײַזט ער אָן מיט זײַן הענטל אויף מיר — מיט דעם שייגעץ, דעם גימנאַזיסט, אונדזער שכן. יאָך זאָל אַזוי לעבן, כ׳האָב זייביידן געזען, כ׳בין זיי נאָכגעגאַנגען באַהאַלטענערהייט — שיסט ער אויס אין איין אָטעם.

כ׳דערפֿיל אַ היץ אין פּנים. עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ ווי בײַ אַ גזלן, כ׳לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און מאַך זיך ניט הערן.

אַ שטים, ווי אַ דונער, מאַכט ציטערן די ווענט:

— וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס טוט זיך דאָ עפּעס אין מײַן שטיב? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן? — זעצט מײַן טאַטע מיט אַ פֿויסט אין טיש.

עס גליווערט אין מיר דאָס בלוט. הענט און פֿיס ווערן מיר אָפּגענומען. ווען ס׳עפֿנט זיך דאָ איצט פֿאַר מיר אַ גרוב, וואָלט איך זיך באַגראָבן לע־בעדיקערהייט.

— וואָס ווילסטו אויסוואַקסן? אַ לאָבעז, אַ מסור, אַ שפּיאָן? און ווי קימט ער עפּעס אַליין צו גיין אויף דער גראַניטשנע גאַס? ס׳פּעלט דיר שוין אויס, חנהלע, — ווענדט ער זיך צו דער מאַמען — צו שיקן עמעצן נאָך אים, אַז מען זאָל אים אַהיימפירן פון חדר?

כ׳גלייב ניט מײַנע אויערן, דאָס רעדט מײַן טאַטע? ער שרײַט ניט אויף מיר? ער שטראָפט מיך ניט? ער מוסרט גאָר זײַן בן־יחידל? איך פאַרשטיי ניט. איך האָב דאָך אים גאָר ניט געקענט, מײַן טאַטן. צי איז דאָס מײַן דעספּאָטישער טאַטע, וואָס איך רעוואָלטיר אַזוי כסדר קעגן אים?

ביסלעכווײַז הייב איך אויף מײַן קאָפּ. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר גאָר אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדער טאַטע, ווי איך וואָלט אים איצט דאָס ערשטע מאָל געזען. ס׳ווילט זיך מיר וויינען.

מיט פאַרטערערטע אויגן קוק איך אויפן טאַטן. כ׳וויל, אַז ער זאָל זען אין מײַנע אויגן מײַן האַרץ פול מיט ליבע צו אים. דערלאַנגט ער מיר, דער טאַטע מײַנער, אַ בליק פול מיט צאָרן און האַס.

מיט אַ שולדיקער פאַרשעמטקייט בלײַב איך זיצן, ווי אַן אָפּגעשמיר־סענע הושענא.

צו מאָרגנס, ווען איך דערזע קובאַן אויף דער גאַס, דריי איך ווידער אָוועק מײַן קאָפּ און מײַד אים אויס.

אַ פֿאַרשטערטער פֿרײַטיק צו נאַכטס

ס׳טומלט זיך און ס׳רודערט זיך הײַנט בײַ אונדז אין דער היים. אין דרויסן איז הייס, די לופֿט איז שווער, דושנע, דערשטיקט צו ווערן. ווער עס האָט נאָר אַ מעגלעכקייט אַנטלויפֿט פֿון דער שטאָט. קאָן מען ניט פֿאָרן ווײַט אַוועק פֿון דער שטאָט, לויפֿט מען צו דער ווײַסל, זיך אָפּפֿרישן בײַ אירע קילע ברעגן.

מײַן מאַמע האָט אויך דאָס יאָר, ווי אַלע פֿריִערדיקע יאָרן, געדונגען אַ זומער־ווינונג אין אַ ווילע אין פֿאַלעניץ, ווו מיר, די קינדער, דאַרפֿן פֿאַרברענגען אונדזערע זומער־וואַקאַציעס.

אונדזער דינסטמיידל דאָרע שוויצט אין דער קיך בײַם פּאַקן דאָס פֿליישיקע געפֿעס אין איין קאַסטן און דאָס מילכיקע אין אַ צווייטן. די מאַמע פּאָרעט זיך בײַם אײַנפּאַקן די וועש און די זומער־קליידער. פֿון צײַט צו צײַט וואַרפֿט זי מיר צו אַ זײַטיקן, אומהיימלעכן בליק פֿון אירע, געווײנטלעך מילדע, בלויע אויגן. דעם בליק אירן באַגלייט אַ טיפֿער זיפֿץ. עס טוט איר ווײ מײַן אָפּזאָגן זיך פֿון געניסן דעם זומער פֿון דער פֿרישער לופֿט אין פֿאַלעניץ.

— אַ יחסנטע ביסטו, אַ פּריצטע געוואָרן זינט די גייסט אין קאַלעצקאַס שקאָלע, — דרייט די מאַמע מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס בלאָנדע שייטל אירס אויפֿן קאָפּ דרייט זיך אויך אַזוי, ווי עס וואָלט צוגעשטימט צו אירע רייד.

— מיך מיגלט שוין פֿון דער גאַנצער „נאַדווישלאַנער ליניע״ — איז מײַן אויסרייד — מוחל די פֿאַלעניצער פֿאַרגעניגנס. איך וויל שוין בעסער שוויצן דעם זומער אין וואַרשע.

מײַן ניט פֿאָרן הײַיאָר אויף דאַטשע איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ נײַעם סוד, וואָס מײַן טאַטע־מאַמע האָבן ניט געטאָרט וויסן: מײַן באַשלוס אַריבערצוגיין פֿון קאַלעצקאַס זעקסטן קלאַס אין דעם זיבעטן קלאַס פֿון אַ רוסישער גימנאַזיע. קאַלעצקאַס פּריוואַטע שול האָט ניט קיין געזעצלעכע רעכט. כּדי צו זײַן אַ לערערין אין וועלכער ניט איז שול אָדער קענען שטודירן אין אַן אוניווערסיטעט, האָט זיך געפֿאָדערט אַ דיפּלאָם

כאַטש פֿונעם לעצטן, זיבעטן קלאַס פֿון אַ רוסישער גימנאַזיע. צו ווערן אָנגענומען אין דער רוסישער גימנאַזיע האָט מען אָבער געמוזט באַלייגן ספּעציעלע עקזאַמענס, ווײַל די פּראָגראַם פֿון לימודים איז דאָרט געווען אַ ברייטערע ווי אין אַ פּריוואַטער שול. האָבן מיר, אַ טייל פֿון די שילערינס פֿונעם זעקסטן קלאַס, באַשלאָסן מקריבֿ צו זײַן די זומער־וואַקאַציעס, כּדי זיך צוצוגרייטן צו די עקזאַמענס. איך האָב נישט געוואָלט אַרויסרופֿן קיין חשד בײַ מײַנע עלטערן, האָב איך זיך געלערנט מיט מײַן חבֿרטע עדזשיע בײַ איר אין דער היים.

עדזשיעס פֿאָטער, אַ מיטלקלאַס־מענטש, אַ סוחר, איז ניט איבעריק פֿרום. הגם ער טראָגט נאָך אַ טיכן היטל, איז אָבער די קאַפּאָטע זײַנע שוין ניט קיין לאַנגע, אַ דרײַפֿערטלדיקע; קאַמאַשן — אַנשטאָט שטיוול; אַ האַרטן קראַגן מיט אַ קראַוואַט; די באָרד פֿאַרשוירן קײַלעכדיק, קורץ. אים האָט ניט געאַרט, אַז זײַן טאָכטער וועט גיין שבת אין גימנאַזיע, ער האָט בלויז ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי איך וועל דאָס פּועלן בײַ מײַן חסידישן טאַטן. ער האָט געהערט, אַז מײַן טאַטע האָט מיר נאָך עד־היום ניט מוחל געווען מײַן זינד, וואָס איך האָב ניט אויסגעפֿאָלגט זײַן באַפֿעל אָפּצושטעלן דאָס לערנען מײַנס אין שול, נאָך מיט צוויי יאָר צוריק. זײַן טענה איז געווען: „אַ מיידל דאַרף ניט מער קענען, ווי אָנשרײַבן אַן אַדרעס און צוזאַמענשטעלן אַ רעכענונג".

— איך בין דיך אָסור, ניט מקנא מיט דײַן פֿאַנאַטישן טאַטן. אַזאַ מין חסיד־צלאָפּ, ווי אַלע גערער חסידים — איראָניזירט מיט ביטול מײַן חבֿרטעס, כּלומרשט שוין אויפֿגעקלערטער, ווי מען פֿלעגט זיי רופֿן בײַ אונדז „פּאָס־טעמפּאָווע", פֿאָטער.

מיך פֿאַרדריסט זײַן חוזק פֿון מײַן טאַטן, ווײַל איך האָב טיף אין האַרצן שטאַרק ליב און וואַרף אים צו מיט שטאָלץ: — ס'וועט אײַך אפֿשר וווּנדערן, ר' יצחק, אַז מײַן טאַטנס אויסמײַדן מיך טוט מיר באמת וויי. ווען ער זעט מיך קומען מיט אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם פֿון שול, פֿאַר־בײַסט ער צאָרנדיק די ליפּן, אַ וואָלקן פֿאַרציט זיך אויף זײַנע אָראָפּגע־לאָזטע, געדיכטע ברעמען, ער דרייט אָוועק פֿון מיר זײַן קאָפּ און שווײַגט. ער רעדט ניט צו מיר. דאָס שווײַגן זײַנס ווערגט מיך. כ'וואָלט בעסער פֿאַר ליב גענומען זײַן זידלען מיך, זײַן שרײַען אויף מיר, אַפֿילו ווען ער לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש. מײַן טאַטע אָבער האָט נאָך קיין מאָל זײַן האַנט ניט אויפֿגעהויבן אויף זײַנע קינדער. יאָ, אָט־אָ די וואַנט פֿון שווײַגן וואָלט איך וועלן באַזײַטיקן, ווײַל... יאָ, איך האָב גרויס דרך ארץ פֿאַר מײַן חסידישן טאַטן, הגם דער תּהום צווישן אונדז ביידן ווערט אַלץ טיפֿער און טיפֿער. ס'איז מיר קלאָר, ער קאָן מיך, צום באַדויערן, ניט פֿאַרשטיין.

— ווי אַזוי זשע האָסטו באַוויזן אים גובֿר צו זײַן, דו גײַסט דאָך שוין צוויי יאָר אין שול קעגן זײַן ווילן?

— מײַן טאַטע, ווי איר ווייסט, איז רײַך. עס שפּילט בײַ אים ניט קיין ראָלע דאָס צאָלן פֿאַר מײַנע לימודים אין שול; ער האָט אָבער, לכתחילה, גלײַך נאָך מײַן פֿאַרענדיקן די פֿיר קלאַסן, געמיינט, אַז אויב ער וועט ניט צאָלן פֿאַר מײַן לערנען זיך אין שול, וועל איך במילא זײַן געצוווּנגען אויפֿצוגעבן דעם געדאַנק פֿון ווײַטער זיך לערנען. האָב איך אָבער נושׂא חן געווען בײַ אונדזער פֿאַרוואַלטערין. נאָך דעם ווי איך האָב איר דערקלערט מײַן מצבֿ אין דער היים, האָט זי מיך באַזאָרגט מיט פּריוואַטע לעקציעס. צו פֿערצן יאָר בין איך געוואָרן אַ הצלחהדיקע פּריוואַטע לערערין. איך האָב ניט נאָר פֿאַרדינט אויף אַלע מײַנע שול־אויסגאַבן, נאָר נאָך היפּשלעך געשפּאָרט.

— אַזוי? נו, דאָס פֿאַרשטיי איך, אָבער ווי אַזוי וועסטו זיך איצט אַן עצה געבן מיט דײַן טאַטן? ר׳ לייבעלע מתמיד וועט טאָלערירן, אַז זײַן טאָכטער זאָל גיין אין אַ רוסישער גימנאַזיע, ווו מע לערנט אום שבת? דאָס איז דאָך שוין אַ קינדערשער חלום — לאַכט מיך שטיפֿעריש אויס עדזשיעס פֿאָטער.

— מײַן טאַטע טאָר ניט וויסן, אַז איך האָב בדעה צו בײַטן די שול. אַלץ וואָס מיר פֿעלט! איך וועל געפֿינען תּירוצים, כ׳וועל איבערהיפּערן אַיין שבת איבערן צווייטן.

„זאָל דיר גאָט העלפֿן" — קנייטשט עדזשיעס פֿאָטער דעם שטערן אין ספֿיקות.

מיר זענען געווען פֿאַרקאָכט אין לערנען זיך ביז דער וואָך פֿון עקזאַמענס. אָנגעהויבן האָט מען מיט די שריפֿטלעכע עקזאַמענס. שוין איבערגעקומען די שפּראַכן: רוסיש, פּויליש, דײַטש. פֿרײַטיק איז אויסגעפֿאַלן דער עקזאַמען פֿון מאַטעמאַטיק, מײַן שוואַכסטער לימוד. אין טויטשרעק שטרענג איך זיך אָן. דער עקזאַמען פֿאַרציט זיך ביזן אָוונט.

— הורראַ!!! ווילט זיך מיר אויסשרײַען — געפֿונען אַלע ריכטיקע ענטפֿערס פֿאַר די מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען און טאַנצנדיק און זינגענדיק לויף איך אַהיים. אין מײַן גרויסער גדולה האָב איך פֿאַרגעסן, אַז עס איז פֿרײַטיק.

אַן איבערראַשטע, זע איך די געוועלבער אין גאַס זענען שוין פֿאַרמאַכט. אין די פֿענצטערס פֿון די הײַזער שפּיגלען זיך געלבלעכע פֿלעמלעך פֿון געצונדענע בענטשליכט; די גאַסן זענען באַלויכטן פֿון די הויכע גאַזלאַמטערנעס און מע זעט כּמעט ניט קײַן יידישע דורכגייערס.

אָט בין איך שוין אין טויער פֿון אונדזער הויז אויף טוואַרדע נומער 4. אויפֿן הויף, אַנטקעגן דעם טויער, אין דער אָרסידינערס שיל איז ליכטיק, אָבער מע זעט ניט מער קיין מתפּללים.

ווי איז מיר, טראַכט איך, אַן אומגליק, פֿאַרשפּעטיקט דעם טאַטנס „קידוש". עס זבענקעט דאָס האַרץ פֿון שרעק, כ'לויף אַרײַן אין הויז. אויף די שטיגן דערגייען צו מיר יללות פֿון צווייטן שטאָק, פֿון אונדזער דירה. איך שטעל זיך ניט אָפּ. כ'בין אויפֿן ערשטן שטאָק. מע שרײַט אין הויז: „ניין, טאַטעשי, מיר וועלן ניט לאָזן". איך הייב אויף מײַן קאָפּ: מײַן טאַטע, אין זײַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיטן שטרײַמל אויפֿן קאָפּ, רײַסט זיך אַרויס פֿון מײַן שוועסטערס הענט און לויפֿט אַ צעפּלאָמטער מיט רוגזה אַראָפּ פֿון די שטיגן צו מיר.

„חצופּה! חילול שבת!" — שרײַט ער מיט אַ ווילד קול.

כ'בלײַב שטיין אַ געפּלעפּטע, אַן לשון. ער כאַפּט מיך אַן מיט רציחה בײַם קאָלנער פֿון מײַן מאַנטל, טרייסלט מיך מיט אַלע כּוחות, ווי ער וואָלט וועלן ס'חיות פֿון מיר אַרויסטרײַבן.

כ'וויל זיך ווערן, אַרויסרײַסן, אַנטלויפֿן, דערזע איך מײַן טאַטנס רויטע, פֿאַרוויינטע אויגן. ווערן מײַנע הענט ווי געליימט. איך בלײַב שטיין צוגענאָגלט צו דער וואַנט און מײַן טאַטע דערלאַנגט מיר אַ פּליאַסק, ס'הילכט אַזש אָפּ אין הויז.

ס'פֿלאַמט מיר דאָס פּנים. מײַן שוועסטער שלעפּט מיך אַרויף אויף די שטיגן. איך פֿאַל אַרײַן אין מײַן צימער, וואַרף זיך אַוועק אויף מײַן בעט און צעכליפּע זיך אויפֿן קול.

מײַן עלטערע שוועסטער שׂרהלע נעמט צערטלעך אַוועק מײַנע הענט פֿון די פֿאַרדעקטע אויגן און דערציילט מיר שטילערהייט מיט אַ ציטער־דיקער שטים:

— ער איז צוריקגעקומען פֿון שיל, דער טאַטע, אָפּגעזונגען דעם „שלום עליכם", זיך אַוועקגעזעצט, ווי תּמיד, אויבנאָן בײַם טיש. אַלע קינדער זיצן אַרום דעם געדעקטן טיש, זעט ער דײַן שטול איז ליידיק, מאַכט ער ניט קיין „קידוש", שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צום פֿענצטער און איך דערהער, איך וויל זיך ניט גלייבן, יאָ, איך הער ער העשעט. קענסט זיך פֿאַרשטעלן? אונדזער טאַטע וויינט. גלייב מיר, חיהלע, ס'האָט געשניטן בײַם האַרצן. ניט אַנדערש, ס'האָט דיך ווער געמסרט. ער ווייסט ווו דו ביסט געווען.

אָבער דאָס אַלץ איז דאָך נאָר אַ פֿאַרשפּיל. מײַן פּראָבלעם איז: וואָס טוט מען מאָרגן, שבת? מאָרגן אין דער פֿרי דאַרף איך באַלייגן דעם מינדלעכן עקזאַמען פֿון דײַטש. אין דער דײַטשער שפּראַך בין איך די בעסטע שילערין, דעם עקזאַמען דורכצומאַכן איז פֿאַר מיר אַ שפּילעכל, אָבער מײַן טאַטנס פֿאַרוויינטע אויגן לאָזן מיך ניט אײַנליגן אויפֿן געלעגער, וועגן שלאָפֿן איז שוין אָפּגערעדט. מײַן קאָפּ רוט אויפֿן קישן, אָבער אין קאָפּ איז אַ ווירוואַר. איין געדאַנק יאָגט דעם צווייטן. וואָס טוט מען?

ניט שטעלן זיך צום עקזאַמען מאַרגן, מיינט אויפגעבן דעם געדאַנק פון גימנאַזיע. נאָכגעבן דעם טאַטן אויס רחמנות? ניין, איך טאָר זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון סענטימענטן. כ׳וועל יאָ גיין.

שבת אין דער פרי. טאַטע־מאַמע זײַנען אַוועק דאַווענען. איך שטיי אויף, נעם זיך אָנטאָן. אַוו איז מײַן מאַנטל? ניטאָ. טאַטע־מאַמע האָבן אים ערגעץ באַהאַלטן. מילא, טו איך אָן מײַן שוועסטערס מאַנטל. די אַרבל צו לאַנג, איך שווים אין אים אַרום. אַ דאגה האָב איך. ווי אַ גנב שלײַך איך זיך אַרויס פון דער היים.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ קום איך אַרײַן אין קלאַס. מײַנע חבֿרטעס רינגלען מיך אַרום: „זע, נאָר זע, ווי זי קוקט אויס. וואָס איז? די שיף איז דיר אונטערגעגאַנגען? וואָס ביסטו אַזוי בלייך? מען זאָגט, אַז דו האָסט באַקומען אַ פינף (די בעסטע אויסצייכענונג) פאַר דײַן שריפטלעכן דײַטש, שרעקט דיך גאָר דער עקזאַמען בעל־פה?

איך ענטפער ניט, כ׳זעץ זיך שטיל אַוועק. פאַר מיר שטיים מײַן טאַטע מיט די פאַרוויינטע אויגן...

די לערערין רופט מיך אויס. זי וואַרפט אַ בליק אויף מײַן שריפטלעכן עקזאַמען, שמייכלט צו מיר ליבלעך. איך קוק זי אָן און זע זי ניט, זי איז פאַר מיר ווי אײַנגעוויקלט אין אַ שוואַרצן וואָלקן. זי שטעלט מיר אַ פראַגע. איך שווײַג. זי קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט. מײַנע ליפּן באַוועגן זיך ניט. זי שטעלט מיר אַ צווייטע פראַגע — איך שווײַג. לויפט זי דורך מיט די אויגן מײַן שריפטלעכע אַרבעט, צוקט מיט די אַקסלען, רוקט מיר כמעט אונטער דעם ענטפער.

„איך ווייס ניט" — זאָג איך מיט אַ פאַרשטיקט קול.

„וואָס הייסט? — שטוינט די לערערין — צי ווייסטו, אַז אויב דו וועסט ניט ריכטיק ענטפערן אויף דער דריטער פראַגע — וויל זי מיך אָנרעגן — ביסטו דורכגעפאַלן?"

„איך ווייס".

איך הער שוין ניט די דריטע פראַגע, איך הער בלויז אַ שטים אין מיר שרײַען:

„גענוג! אויס גימנאַזיע! גיב זיך אונטער! דאָס איז דײַן גורל, פאַרשפאַרטס זיך מיט אים צו ראַנגלען".

איך לאָז איבער די לערערין מיט אַן אָפן מויל, פאַרלאָז דעם קלאַס און אײַל זיך אַהיים, ניט פאַרשפעטיקן, איידער דער טאַטע וועט צוריקקומען פון דאַווענען.

אַ רעזיגנירטע האָב איך זיך אומגעקערט אין קאַלעצקאַס שול און זיך געמוטשט באַנוגענען, נאָכן ענדיקן איר פריוואַטע שול, צו זײַן בלויז אַ פרײַע צוהערערין אויף די העכערע הומאַניסטישע קורסן.

די גרינדונג פֿון דער י. ל. פּרץ קינדערהיים

אַ שפּעט־האַרבסטיקער פֿרימאָרגן — 1914. דער טאַטע איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אומרויִק צוליב די שלעכטע נײַעס, וואָס האָבן זיך דער־טראָגן צו אונדז, אַז היימלאָזע ייִדן, פֿאַרטריבן פֿון אַלע גרענעץ־שטעטלעך, קומען אָן פֿאַרצווייפֿלטע קיין וואַרשע. דערפֿאַר האָט זיך דער טאַטע הײַנט אויפֿגעהויבן פֿריִער ווי געוויינטלעך. מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם האָט ער הילכיקער ווי תּמיד פֿאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר און איז אַרויס אין גאַס.

דער גערודער האָט אויפֿגעוועקט די מאַמע. זי האָט מער נישט געקענט אײַנליגן אין בעט, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך איר בלויען שלאָפֿראָק, גענומען נערוועזיש זיך פּאָרען אַרום דער באַלעבאַטישקייט און פֿון צײַט צו צײַט געוואָרפֿן דורכן פֿענצטער אַן אומרויִקן בליק.

איך בין געלעגן מיט אָפֿענע אויגן — אַ באַרג רעיונות. מײַן שוועסטער שׂרהלע, וואָס איז נעכטן שפּעט אַהיימגעקומען פֿון אַ פֿאַרווײַלונג, שלאָפֿט נאָך און דרייט זיך אומרויִק אויפֿן געלעגער. מיך טראָגט עס אַרויס פֿון בעט. איך נעם זיך גיך אָנטאָן, די מאַמע זאָל נישט באַמערקן. איך וואַרף אַרויף אויף זיך דעם רעגן־מאַנטל, די באָטן, אַ טיכל איבערן הוט און לויף אַרויס אין גאַס.

אין נעפּל שלעפּן זיך הויכע וועגענער, באַלאָדן מיט שטובזאַכן: בעט־געוואַנט, צוזאַמענגעבונדענע אײַזערנע בעטלעך, איבערגעקערטע טישן, שטולן אין טורעמס געשטעלט, און אַנדערע ווירטשאַפֿטזאַכן.

צוליבן באַפֿעל, אַז ייִדן מוזן אין פֿאַרלויף פֿון געציילטע שעהען פֿאַר־לאָזן זייערע היימען, האָט מען אין דער בהלה געראַטעוועט וואָס עס האָט זיך געלאָזט פֿון דער היים, אַלץ אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די פּויערישע פֿורן און זיך געלאָזט מיט אַ ציטער אין די ביינער און שרעק און שטומען צער אין די אויגן, הענדום־פּענדום קיין וואַרשע. אַלע גאַסן זײַנען פֿאַרפֿלייצט מיט די דאָזיקע פֿורלעך, וואָס ווערן געשלעפּט פֿון אויסגעמאַטערטע, הונגע־ריקע פֿערד. עס קרעכצן די רעדער, פֿאַרשליאַמפּערט מיט די פּראָווינצער

בלאָטעס, זיי דרייען זיך פֿויל, ווי אין פּראָטעסט און מיט ביטול צום שפּיגל פֿון גרויסשטאָטישן אַספֿאַלט.

דאָ און דאָרט שטייט אַ טרויעריק־פֿאַרגאַפֿטער ייִד און גלייבט נישט די אייגענע אויגן, וואָס זעען דעם גלות־געשפּענסט. די קרעמערס אײַלן זיך נישט צו עפֿענען זייערע געוועלבער. די ווענט זײַנען אײַנגעהילט אין שאָטנדיקן אומעט, אַזוי אויך די מאָמעס אין די פֿאַטשיילעס אויף די פֿורן. פֿון צײַט צו צײַט רײַסט איבער די טרויעריקע שטילקייט אַ געוויין פֿון אַ קינד אויפֿן פֿור. אויף דער קעלניע פֿון אַ פֿור, ווי אויף משקולות, שיִער נישט אַראָפּצופֿאַלן, זיצט אַ ייִנגעלע, אין אַ חסידיש היטעלע, מיט לאַנגע, שוואַרצע פּאהלעך און ברייט־צעעפֿנטע, שוואַרצע אויגן. דאָס פּנימל ציטערט, די ציינדלעך קנאַקן פֿון קעלט.

ווי געליימט שטיי איך און קען נישט באַנעמען דאָס אומגליק. אַזוי פּלוצלינג? און פֿאַר וואָס טרײַבט מען נאָר די ייִדן? דעם טרויעריקן „פֿאַר וואָס?״ לייען איך אַרויס פֿון די גרויסע שוואַרצע אויגן פֿונעם ייִנגעלע אויפֿן שפּיץ פֿור. די געקרײַזלטע פּאהלעך צעבלאָזן פֿון ווינט, מיט די הענטלעך האַלט ער זיך צו דאָס קאַפּעלע אויפֿן קאָפּ און טוליעט מיט שרעק זײַן פֿאַרוואָלקנט פּנימל צו דער פֿאַרחושכטער מאַמע, וואָס האַלט אַ זייגעוו־דיק עופֿעלע בײַ דער ברוסט. דאָס דערשטיקטע שלוכצן פֿון דער מאַמען דרינגט טיף אַרײַן אין מײַן האַרצן. איך באַשליס צו העלפֿן די הונגעריקע, פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער.

מיט די טרויעריקע בילדער און מיטן אומעט אין געמיט קער איך זיך צוריק אום אַהיים. דערווידער איז מיר איצט מײַן אויפֿגעראַמט צימער: דאָס בעט, די קושעטקע, די ביורקע מיטן שרײַבגעצײַג, די שטולן, דער עיקר אָבער — די עטאַזשערקע מיט ביכער. אָט ליגט די רוסישע געשיכטע, די קייסאָרים, די בילדער פֿון זייערע מלחמות. אָט ליגט אַ פּוילישע צײַטונג: אַ פּאָרטרעט — דאָס אויסגעצויגענע פּנים פֿון קייסערס פֿעטער, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש, וואָס האָט זיך אונטערגעגאַרטלט צו פֿירן די מלחמה. דער „הויכגעבוירענער״ קאַצאַפּ, דער „באַפֿרײַער״ פֿון פּוילן, זאָגט צו פּוילן גליקלעך צו מאַכן ווען די מלחמה וועט זיך פֿאַרענדיקן, און לעת־עתּה פֿאַר־ענדיקט ער מיט די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, פֿאַריאָגנדיק די ייִדן פֿון די היימען.

איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין סימפּאַטיע צו מײַן רוסיש־לערער אין שול, וואָס כ׳האָב מיט אַ יאָר צוריק פֿאַרענדיקט. מײַן רוסיש־לערער, אַ הויקער אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ, האָט פֿאַר מיר

סימבאָליזירט רוסלאַנד: אַ לאַנד, וואָס טראָגט אַ הויקער, שטאָלצירט מיט גאָלדענע קנעפּ.

איך נעם צוזאַמען אַלע מײַנע רוסישע ביכער און גיב זיי איבער אונדזער דינסטמיידל צו פֿאַרברענען. דאָרע, אַ שוואַרץ־חנוודיק, רירעוודיק, צוואָנציק־יאָריק יידיש מיידל, וואָס האָט קיין מאָל אין קיין פֿרעמדשפּראַכיק בוך נישט אַרײַנגעקוקט, ווייסט נישט וואָס מיט מיר קומט הײַנט פֿאָר. זי קוקט מיך אָן פֿאַרחידושט.

— גוט — זאָגט זי — איך וועל זיי... אָבער זאָל זיך די „פּאַניענקע" באַרויִקן, מע קען זיי פֿאַרקויפֿן אויף שוויענטאָקזשיסקע גאַס.

— ניין! — שפּרינג איך אויף — פֿאַרברענען, פֿאַרברענען די רוסישע געשיכטע, פֿאַרברענען...

דער טאַטע איז צוריקגעקומען פֿון בית־מדרש. דער טיש איז געדעקט, דער פֿרישטיק געגרייט: הערינג, פֿרישע זעמעלעך, פּלעצלעך, בייגל, פּוטער, פֿאַרשיידענע קעזן. טעפּעלעך וואַרטן אויף קאַווע און פֿינקלען דערוויַיל מיט ווײַסקייט און ריינקייט. מיר דוכט, אויף יענער זײַט וואַנט, אויף טוואַרדע גאַס, שטייט אויך אַזאַ ייִד, ווי מײַן טאַטע, אָבער אויף אַן אָנגעלאָדענער פֿור און קיין געגרייטער טיש פֿאַר אים איז נישטאָ. דער טאַטע טינקט אַ שטיקל פֿרישע זעמל אין זאַלצמעסטל און מאַכט אַ ברכה.

איך גיי צו צום טיש, זעץ זיך לעבן טאַטן אויף אַ שטול און זאָג:

— טאַטעשי, די פּליטים, אַ גרויס רחמנות...

— ניִ, יאָ, — ענטפֿערט דער טאַטע — דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זײַן. מע דאַרף העלפֿן, מע וועט העלפֿן, מע זאַמלט געלט אין בתּי־מדרשים און יידן געבן.

— און איך, טאַטעשי, איך האָב דאָך נישט קיין געלט צו העלפֿן.

— נישקשה, יאָך וועל דיר געבן צו העלפֿן, אַז די וועסט דאַרפֿן... אַ רובל אַ וואָך. אָט האָסטו דעם ערשטן רובל.

דער טאַטע האָט אַרויסגענומען זײַן גרויסן לעדערנעם טײַסטער און מיר דערלאַנגט אַ זילבערנעם רובל. איך בין אַרײַנגעלאָפֿן מיט פֿרייד צו מיר אין צימער.

מײַן שוועסטער שרהלע איז שוין געווען האַלב אָנגעטאָן. איך האָב איר געוויזן דעם רובל און, ווי נישט טראַכטנדיק, אַ זאָג געטאָן: — דער ערשטער רובל פֿאַר אַ קינדערקיך, לאָמיר שאַפֿן אַ קינדערקיך!

איך נעם מײַן מאַנטל און לויף צום „הזמיר"־זאַל אויף לעשנע גאַס. אַ מאָל פֿלעגט מען דאָ הערן די רעפֿעראַטן פֿון י. ל. פּרץ, הלל צייטלין, בעל מחשבֿות און אַנדערע. דער גרעסטער זאַל, געווידמעט דער יידישער

קולטור, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הקדש פֿאַר די פּליטים, „ביעזשענ־צעס", ווי מע פֿלעגט זיי רופֿן. נישטאָ מער די פּיאַנע, וואָס פֿלעגט באַגלייטן מיט אַקאָרדן די זאַפֿטיקע פֿאַלקסלידער, געזונגען פֿון קיפּניס־זעליגפֿעלד. נישטאָ מער די טריבונע, וואָס פֿון איר פֿלעגן זיך הערן די פֿײַנסטע יידישע רייד. נישטאָ מער די הונדערטער שטולן פֿאַר די נייגעריקע צוהערערס. אַנשטאָט דעם מעבל — שטרויענע שעניקעס אויף דער פּאָדלאָגע. ווי אָבֿלים זיצן מאַמעס מיט קינדער, זקנים, באָבעס אין קופּקעלעך, יונגע מיידלעך, חדר־ייִנגלעך און קרעכצנדיקע קראַנקע. אַרום וואַלגערן זיך קינדער, פֿאַר־ווינטע, צעקאָשמעטע, האַלב־נאַקעטע.

אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן פֿון אַ זעקסיאָריק, באַחנט מיידעלע קוקן צו מיר פֿון האַרטן, שטרויענעם שעניק. איך נעם אַרויס מײַן קעמל פֿון מײַן האַנטבײַטל און פֿאַרקעם איר די האָר.

— ווי הייסטו?

— חנהלע. — זאָגט דאָס מיידעלע — חנהלע איז הונגעריק, חנהלע וויל אַ שטיקל ברויט פֿאַר זיך און פֿאַר איר ברודערל שלמהלע. — זי ווײַזט מיט איר פֿינגערל אויף אַ וויינענדיק קינד, וואָס די מאַמע דריקט צו זיך און באַרויִקט מיט טרערן.

איך קען דאָס מער נישט רויִק צוזען. איך אײַל זיך אַהיים. כ׳רוים אויס וואָס נאָר עס געפֿינט זיך אין אונדזער קרעדענץ און טראָג עס אַוועק צו די הונגעריקע. איך מורמל פֿאַר זיך: אַ קינדערקיך, אַ קינדערקיך!

איך רוף צונויף עטלעכע חבֿרטעס מײַנע, אַכט מיידלעך פֿון רײַכע אַנגעזעענע, חסידישע היימען אין וואַרשע. ס׳ווערט מיט ענטוזיאַזם אָנגע־נומען מײַן פֿאָרשלאָג צו גרינדן אַ קיך פֿאַר די קינדער־פּליטים.

איך גיב דעם ערשטן רובל, אַ וועכנטלעכן בײַשטײַער פֿון מײַן פֿאָטער. כ׳דערמאָן אויך מײַן מאַמעס צוזאָג צו העלפֿן אונדז מיט שפּײַז. מיר באַשליסן צו זאַמלען וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען און שפּײַז. יעדע איינע פֿון אונדז נעמט איבער אַ צאָל יידישע גאַסן צו גיין זאַמלען פֿאַר דער קינדער־קיך.

אונדזער חבֿרטע איטקע לינדוואַסער פּועלט בײַ איר פֿאָטער, דעם אייגנטימער פֿונעם הויז אויף זשעלאַזנע 44, אונדז דאַרט אָפּצוגעבן אַ דירה פֿון 2 צימערן. ער גיט אונדז איין גרויס צימער מיט צוויי פֿענצטער, נישט איבעריק ליכטיק, און דאָס צווייטע, אַ ביסל קלענער — אַ קיך. מיר וועלן קיין דירה־געלט ניט צאָלן. יעדע איינע פֿון אונדז ברענגט פֿון דער היים וואָס נאָר זי קען. די אַרבעט ווערט צעטיילט צווישן די חבֿרטעס: צוויי קאָכן, איינע — שיילט קאַרטאָפֿל, צוויי — דערלאַנגען צו די טישן, וואָס מיר האָבן אַליין אויף גיך צוזאַמענגעשטעלט פֿון ברעטער.

דער שם פֿון אונדזערע געשמאַקע זופּן פֿאַר די פּליטים־קינדער פֿאַרשפּרייט זיך גיך נישט נאָר צווישן די הימלאַזע, וואָס ציִען צו אונדז מיט די קינדער פֿון אַלע עקן, העט ווײַט אַרום זשעלאַזנע, אָבער אויך צווישן כּלל־טוערס. עס קומען אונדזער קיך באַזוכן רײַכע געסט, פֿאַרזוכן און באַוווּנדערן די געשמאַקע מיטאָגן, וואָס די יונגע מיידלעך אין די ווײַסע פֿאַרטעכער קאָכן. זיי באַוווּנדערן די ריינקייט פֿונעם צימער, ווו די קינדער קומען גרופּנווײַז עסן. צו צען ווערן זיי אַרײַנגעלאָזט, נישטאָ מער קיין טישן, עס פֿעלט אויך אויס געפֿעס. יעדע האַלבע שעה גרופּירט אונדזער חבֿרטע, אין הויז פֿאַר דער קיך, 10 קינדער: מיידעלעך און ייִנגלעך פֿון 6 ביז 12 יאָר אַלט, און פֿירט זיי אַרײַן פֿאַרנווײַז אין צימער.

די געסט לאָזן אָפֿט איבער היפּשע סומעס געלט, אַנדערע הייסן קומען צו זיך נאָך שפּײַז, געפֿעס אד״גל.

אין פֿאַרשיידענע צענטערן פֿון וואַרשע טוט מען אונדז נאָך. עס אַנטשטייט אַ גאַנצע נעץ פֿון קיכן פֿאַר הימלאָזע קינדער — אויף טוואַרדע, לעשנע, נאַלעווקעס.

מיר באַקענען זיך נענטער מיט אונדזערע קליינע, ליבע קעסטקינדער. זיי פֿילן זיך אַזוי גוט בײַ אונדז, ס׳איז דאָ אַזוי ריין און אַזוי געמיטלעך. עס ווילט זיך זיי וואָס לענגער דאָ מיט אונדז פֿאַרבלײַבן. זיי ווילן אונדז גאָר נישט פֿאַרלאָזן. ווײַל זיי האָבן נישט ווו צו זײַן, צעשפּרייטן זיי זיך איבער וואַרשע, טייל וואַלגערן זיך הפֿקר אין די גאַסן, טייל גייען צוריק אין דער אַכסניה, אין אַ הקדש, ווו מע ליגט קאָפּ אויף קאָפּ.

די צאָל פֿון די מיידלעך אין אונדזער גרופּע האַלט זיך אין איין פֿאַרגרעסערן. מיר זײַנען שוין אַן ערך צוואַנציק מיידלעך. ס׳רובֿ פֿון אַנגעזעענע חסידישע הימען: האָדעס ראָזענשטרויך, צווי שוועסטערס לינדוואַסער, ברכה אַקערמאַן, דבֿורה אַלבעק, העלענע וואַלמאַן, העלענע גינזבורג, רבֿקה ראָזענשטרויך, רבֿקה ראָזענגאַרטן א״אַ. מיר רופֿן צונויף אַ זיצונג אינעם לאָקאַל פֿון אונדזער קיך און ריידן זיך דורך וועגן דעם, ווי אַזוי צו פֿאַרברייטערן אונדזער טעטיקייט אויך אויפֿן קולטורעלן געביט. מיר פֿירן אונדזער זיצונג אין פּויליש. אַזוי זײַנען מיר געוווינט פֿון די שולן. מיר באַשליסן צו שאַפֿן אַ קינדערהיים, ווו מע וועט קענען לענגער פֿאַרבלײַבן מיט די קינדער, זיי לערנען שרײַבן און לייענען ייִדיש. מיר פֿאַרשטייען זיך אָבער ווייניק אין ייִדישע ענינים, בפֿרט ייִדיש קענען מיר אַליין נישט גענוג צו ווערן ייִדיש־לערערינס. באַשליסן מיר דעריבער צו פֿאַרבעטן דוד הערמאַנען צו אונדזער קומענדיקער זיצונג.

דוד הערמאַן איז געווען מײַן ערשטער ייִדיש־לערער אין זאַפּיע קאַלעצקאַס שול, וועמענס גרינדערין און פֿאַרוואַלטערין ס. ראַוויטש — אַ

בונדיסטין פֿון פֿאַרן יאָר 1905 — האָט די ערשטע אײַנגעפֿירט ייִדיש, ווי אַ רעגולערן לימוד, אין אַ שול פֿאַר מיידלעך. בעת זי האָט געמוזט פֿאַרלאָזן פּוילן האָט זי איבערגעגעבן זאָפֿיע קאַלעצקאַ צו פֿאַרוואַלטן מיט דער שול. ס. ראַוויטש זאָל האָבן דערבײַ פֿאַרלאַנגט מע זאָל ממשיך זײַן דעם לימוד ייִדיש אין דער שול, וואָס זאָפֿיע קאַלעצקאַ, אַ סימפּאַטיקערין פֿון „בונד", האָט אַחריותדיק אויסגעפֿאָלגט.

דוד הערמאַן איז דעמאָלט געווען מער באַקאַנט ווי רעזשיסער פֿון ייִדישן טעאַטער, ווי פּעדאַגאָג. מיט התלהבֿות און טיפֿער ליבע פֿלעגט ער אויפֿפֿירן אין די גרעסערע שטעט אין רוסלאַנד שלום עליכמען, פּרצן און מיט יאָרן שפּעטער ש. אַנסקיס דיבוק. ער האָט אין אונדז, זײַנע שיערינס. די 15־16־יאָריקע מיידלעך, געוועקט ליבע צו דער ייִדישער שפּראַך און פֿאַרערונג צו די בויערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

גלײַך ווי מײַן חבֿרטע פֿאַלע אַלטוסקאַ האָט זיך דעמאָלט ניט געחלומט, אַז זי וועט אַ מאָל אַ דאַנק הערמאַנען, מיט יאָרן שפּעטער, זײַן די באַרימטע ייִדישע אַקטריסע — מרים אָרלעסקאַ — אַזוי האָט זיך מיר אויך דעמאָלט ניט געחלומט, אַז איך וועל ווען נישט איז האָבן דעם זכות, אַ דאַנק הערמאַנען, פּערזענלעך צו ריידן מיט פּרצן און צו ווערן אויפֿגענומען פֿון אים אין זײַן פּריוואַטער וווינונג.

בײַ אַ לאַנגן טיש, באַלויכטן פֿון אַ נאַפֿטלעמפּל, גיבן מיר איבער דוד הערמאַנען וועגן אונדזער באַשלוס. אונדזער פּראָבלעם איז דער פֿינאַנציעלער מצבֿ: דרײַ הונדערט רובל פֿאַרמאָגן מיר, ווי אַ גרונט־קאַפּיטאַל, (דאָס איז די הכנסה פֿון אַ טאַנצאָוונט, וואָס מיר האָבן דורכגעפֿירט פֿאַר דעם צוועק). דער עיקר ווילן מיר, אַז ער זאָל אונדז עצהן, ווי אַזוי זיך צו פֿאַרשאַפֿן ייִדישן לערן־מאַטעריאַל פֿאַר די קינדער.

דער תּמיד אויפֿגעלייגטער, שטיפֿערישער, דוד הערמאַן ווערט ערנסט. די שוואַרצע לאַכנדיקע אויגן קוקן אויף אונדז אומעטיק:

— יאָ, אַוודאי איז דאָס אַ פּראָבלעם. איך מיין די געלטפֿראַגע איז נישט קיין מניעה, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן צו גרינדן אַ קינדערהיים, וועלן זיך געפֿינען די נייטיקע מיטלען פֿאַר דעם. די שוועריקייט איז אין דעם דוחק פֿון לערן־מאַטעריאַל אין ייִדיש פֿאַר די פֿאַרשול־קינדער.

זײַן עצה, זאָגט ער, איז, אַז מיר זאָלן דעלעגירן דרײַ מיידלעך פֿון דער זיצונג צו י. ל. פּרצן, אים באַקענען מיט אונדזער פּלאַן. ער איז זיכער, אַז פּרץ וועט זײַן פֿאַראינטערעסירט און ער וועט אונדז העלפֿן. דער אויטאָריטעט אויף דעם געביט איז פּרץ.

ס׳מזל האָט מיר צוגעשפּילט, איך בין צווישן די דרײַ מיידלעך, וואָס גייען רעדן מיט פּרצן. מיר זײַנען שטאָלץ, אָבער אויך נישט ווייניקער

נערוועזיש. מיר ראַנגלען זיך מיטן געדאַנק: ווער ווייסט, צי פּרץ וועט גאָר וועלן מיט אונדז ריידן? נאָך אַלעמען, ווער זײַנען מיר? פּשוטע מיידלעך. וואָס עס זאָל ניט געשען, מיר גייען. אויס רעספּעקט פֿאַר הערמאַנצן מוזן מיר אויספֿירן זײַן עצה.

מיט ציטערדיקע פֿינגערס דריק איך אויפֿן גלעקל פֿונעם פֿראָנטאָוון אַרײַנגאַנג צו פּרצעס דירה. עס עפֿנט אונדז די טיר אַ שלאַנקע פֿרוי פֿון מיטעלן עלטער. איר אַריסטאָקראַטיש פּנים שמייכלט פֿרײַנדלעך, מיט דער האַנט ווײַזט זי אונדז אָן אויף אַ טיר פֿון דער לינקער זײַט פֿונעם קאָרידאָר, דאָס אַרבעט־צימער פֿון איר גרויסן מאַן.

אויף אונדזער אומדרייסטן אָנקלאַפּן אין טיר, דערהערן מיר אַ קלינגעוודיקן: „אַרײַן". אַ גרויס צווייפֿענצטערדיק, ליכטיק צימער. אַ שפּיגל — די געוואַקסענע פּאָדלאָגע, עלעגאַנטע מעבל. דורך די גלעזערנע טירן פֿון דער גאַבלאָטקע, וואָס שטייט אַנטקעגנאיבער פּרצעס ברייטן אַרבעטס־ביוראָ, קוקן אויף אונדז אַלערליי קינסטלערישע חפֿצים.

פּרץ שטייט אויף פֿון זײַן באַקוועמען שטול, הינטער דעם טונקל־ברוינעם מאַהאָגאַני שרײַבטיש. גייט אונדז אַנטקעגן. דריקט יעדערער פֿון אונדז די האַנט. מיט אַ מילדן שמייכל בעט ער אונדז זיצן בײַ זײַן שרײַבטיש, וואָס איז אָנגעוואָרפֿן מיט פּאַפּירן און זשורנאַלן. זײַן וואַרעמקייט, די פּאָסערלעכע צוגעלאָזנקייט פֿאַרטרײַבט אונדזער קינדערשע פֿאַרשעמטקייט. געמוטיקטע דערקלערן מיר אים וואָס עס ברענגט אונדז צו אים. מיט פֿרייד צעשטראַלן זיך פּרצעס ברוינלעכע אויגן:

— יאָ, מיידלעך, קינדערהיימען ווערן איצט געשאַפֿן: העברעיִשע, אַסימילאַטאָרישע. פֿאַר אַ ייִדישן קינדער־גאָרטן זײַנען שוין לאַנג געמאַכט געוואָרן פּרוּוון. מען האָט אַפֿילו געשאַפֿן אַ קאָמיטעט בײַם ייִדישן לערער־פֿאַראיין און מײַן פֿרײַנד לעאָן פֿײַגנבוים האָט צוגעזאָגט צו העלפֿן אויסצוהאַלטן אַ ייִדישע קינדערהיים, אַפֿילו זיך בײַגעשטײַערט מיט די ערשטע פֿינף הונדערט רובל פֿאַר דעם צוועק. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַ בוידעם. נאָר דאָס איז געווען פֿריִער, נאָך איידער ס'האָט אויסגעבראָכן די פֿינצטערע מלחמה. איצט אָבער, בפֿרט איר, מיט אײַער יוגנטלעכן ברען, וועט דאָס אפֿשר יאָ דערגרייכן.

און פּרץ פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַל. עס קאַרבט זיך לײַכט דער הויכער שטערן זײַנער. פּלוצעם טוט ער זיך האַסטיק אַ שטעל אויף פֿון שטול, נעמט שפּאַנען מיט פֿעסטע טריט אין דער לענג פֿון זײַן צימער. באַלד דערהערן מיר פּרצעס קלינגעוודיקע, אַנטשלאָסענע שטים:

— יאָ, ס׳איז אַ גינציקער מאָמענט! מיר וועלן נישט דערלאָזן פֿאַרבּ־שטיינען הערשן איבּער אונדז. מיר וועלן אים גובֿר זײַן — צעשטורעמט זיך פּרץ.

מיר זיצן אומבּאַוועגלעך, ווי עלעקטריזירט. פּרצעס שאַרף אויג כאַפּט אויף אונדזער צעשראָקנקייט. בּליץ־שנעל איז פֿאַרבּײַ דאָס בּייזע געוויטער. אויפֿגעהעלט האָט ווידער פּרצעס פּנים און מיט אַ ליבּן שמייכל זאָגט ער:

— זײַט נישט נתפּעל, מיידלעך, ס׳האָט גאָר נישט צו טאָן מיט אײַך. דער קאַמף מיט די העבּרעיִסטן האַלט שוין אַן יאָרן לאַנג. איצט ווילן זיי פֿאַרכאַפּן אַלע פֿאָנדן, וואָס די דעלעגאַטן, מ. סטראַשון און חיים פּיאַלקאָוו פֿון „אָפּע" (מפיצי השכּלה) און יעקבֿ לעשטשינסקי און קאַצנבּויגן פֿון „אָזע" (געזונט־געזעלשאַפֿט) פֿון פּעטערבּורג, האָבּן אַהערגעבּראַכט צו העלפֿן די פֿאַרוואַרלאָזטע פּליטים. מיר, די יידישיסטן, וועלן איצט אויפֿהייבּן אַ שטורעם. זאָרגט נישט, מיר וועלן האָבּן אַ יידישע קינדערהיים און איר, מיידלעך, וועט זײַן די פּיאָנערינס.

מיר ווערן מיטגעריסן און בּאַווירקט פֿון פּרצעס טיפֿן גלויבּן און דערמאָנען אים וועגן דעם דוחק אין קינדער־ליטעראַטור.

— דאָס לאָזט פֿאַר מיר. בּאַלד וועט צו מיר קומען יעקבֿ דינעזאָן. איך וועל אים צוציִען צו דער אַרבּעט. ער וועט מיר העלפֿן שאַפֿן אַ פּע־דאַגאָגישן ראַט און איך וועל זיך אײַנשפּאַנען און שאַפֿן קינדערלידער. איר וועט בּלויז האָבּן אויסצופֿירן מײַנע אָנווײַזונגען.

מיר דאַרפֿן געפֿינען קאַצנבּויגן (דעם פּעטערבּורגער שליח) און אים זאָגן, אַז פּרץ וויל אים זען און נאָך דעם לאָזן וויסן פּרצן ווען ער וועט צו אים קומען. וועגן אַלע טעכנישע ענינים, געפֿינען אַ פּאַסיקן לאָקאַל, דער־לײַדיקן ווירטשאַפֿטלעכע אָנגעלעגנהייטן, דאַרפֿן מיר זיך אַן עצה האַלטן מיט פּרצעס פֿרוי.

— לאָמיר טאַקע פֿאַרצייכענען אײַערע נעמען, מיידלעך (אַזוי האָט אונדז שוין פּרץ גערופֿן בּיז די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבּן). און ווען פּרץ האָט דערהערט, אַז יעדע איינע פֿון אונדז הייסט מיטן ערשטן נאָמען העלענע, צעלאַכט ער זיך אויפֿן קול. זײַנע לאַנגע פּריצישע וואָנצעס, דוכט מיר, לאַכן אויך.

„אַלע דרײַ העלענעס און מײַן פֿרוי הייסט אויך העלענע".

מיר ווילן די אַרבּעט פֿאַרשטאַרקן. מיר פֿאַרלירן נישט קיין צײַט און לאָזן זיך אַוועק אין רעדאַקציע „הײַנט" צו נאָמבּערגן.

אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבּויגנס אויף זײַן אַרבּעטסטיש, הערט אונדז נאָמבּערג אויס מיט אַ קאַלטקייט, כּמעט אָן לעבּן. די טיפֿע פֿאַלדן פֿון זײַן פֿאַרוונצלטן פּנים בּאַוועגן זיך כּמעט נישט, ווען מיר דערציילן אים מיט

התלהבֿות וועגן דעם, וואָס מיר האָבן שוין אויפֿגעטאָן און אַז מיר דערוואַרטן אין גיכן צו דערגרייכן פֿאַר אונדזערע היימלאָזע קינדער אַ ייִדישע קינדערהיים.

— אַוודאי, איך פֿאַרשטיי אײַך, איר זײַט יונג, פֿול מיט גלויבן, אָפּטימיסטקעס זײַט איר. איר וועט זיך אָבער גאָר גיך מיאש זײַן. ס'איז מיר בלויז אַ רחמנות אויף אײַך, ווי ביטער איר וועט פֿילן, ווען איר וועט זיך דערוויסן, אַז די ייִדישע מאַמעס ווילן גאָר נישט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען ייִדיש און זיי וועלן אײַך, אַפֿילו איר זאָלט זיי צוצאָלן, זייערע קינדער אין אײַער שול ניט שיקן.

אַן אויפֿגעבראַכטע רוף איך אויס מיט כּעס: — ניין, ה' נאָמבערג, איר האָט אַ טעות. דאָס קען גאָר נישט געמאָלט זײַן! אונדזערע קינדער וועלן זײַן צופֿרידן צו לערנען ייִדיש און זייערע מאַמעס וועלן נאָך שעפּן נחת, ווען זיי וועלן הערן זינגען זייערע קינדער די ייִדישע קינדערלידער, וואָס פּרץ האָט אונדז צוגעזאָגט פֿאַר זיי צו שאַפֿן.

— פּרץ האָט אײַך צוגעזאָגט? — כאַפּט זיך נאָמבערג אויף מיט אַן אימפּעט פֿון זײַן שטול, רוקט אַרויס איין פֿוס פֿאַר זיך לעבן טיש, מיטן צווייטן — שטעלט ער זיך אויף דער קני אויף זײַן שטול. זײַנע געקרײַזלטע, קורץ־געשוירענע האָר זענען אויס, ווי זיי וואָלטן זיך אויך געהאַלטן בײַם אויפֿשטעלן. — זײַט איר שוין געווען וועגן דעם, הייסט עס, בײַ פּרצן? — פֿרעגט נאָמבערג מיט פֿאַרוווּנדערונג און אַ ביסל כּעס הערט זיך אין זײַן הייזעריקער שטים.

מיר דערציילן נאָמבערגן וועגן דער נאָענטער זיצונג מיט דינעזאָנען און מ. בירנבוימען בײַ פּרצן אין דער היים. נאָמבערגס אויערן שפּיצן זיך אָן, אַ פֿײַערל פֿון קנאה צינדט זיך אָן אין זײַנע גרוי־גרינע אויגן און ער זאָגט מיט אַ געענדערטן קול:

— אָט האָט איר פּרצעס טעלעפֿאָן־נומער פֿון דער גמינע. רופֿט אים אָפּ און פֿרעגט צי ער וויל נישט אויך נאָמבערגן פֿאַרבעטן צו דער זיצונג. אָבער, למען־השם, זאָגט אים נישט, אַז איך האָב דאָס אײַך געהייסן פֿרעגן.

מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס דאָס באַטײַט. מיר האָבן שוין אַ ביסל געוווּסט וועגן די הינטער־קוליסן־באַציִונגען צווישן ייִדישע שרײַבערס און אַזוי אַרום גאַנץ נישט ווילנדיק געווירקט, אַז פּרץ זאָל זיך איבערבעטן מיט נאָמבערגן.

צו דער זיצונג בײַ פּרצן זײַנען מיר, „מיידלעך", נישט געגאַנגען. מיר האָבן דעלעגירט אונדזער חבֿר, זייער אַקטיוו לטובֿת דער קיך, דעם סטודענט שפּראַך. דער רויִקער, אַ ביסל פֿלעגמאַטישער סטודענט, אַ

ווילנער, הייסער יידישיסט, האָט מיט ענטוזיאַזם זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט. אין זײַן באַריכט פֿון דער זיצונג בײַ פּרצן האָט ער אונדז געגעבן אינפֿאָרמירט וועגן דעם וואָס די שרײַבערס און לערערס טוען פֿאַר אונדזער זאַך: יעקבֿ דינעזאָן האָט צוגעזאָגט צוציִען צו דער אַרבעט דעם יונגן דיכטער ש. י. לאַנדינסקי, וועלכער האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ פּאָר פֿײַנע קינדערלידער; מ. בירנבוים האָט צוגעזאָגט צו פֿאַראינטערעסירן מיט דעם ענין דעם לערער ש. גילינסקי און ער האָט אויך פֿאָרגעלייגט צו אָנגאַזשירן צוויי יידיש-לערערינס: קאַטיק — די טאָכטער פֿון דעם באַרימטן זכרונות-שרײַבער יחזקאל קאָטיק — און תּרצה קאָפּעליאָוויטש, פֿון קיִעוו.

בכן, איז אונדזער זאָרג סײַ וועגן קינדער-ליטעראַטור און סײַ וועגן פּעדאַגאָגישע כּוחות כּמעט באַזײַטיקט געוואָרן. אָרום די פֿאָנדן פֿון פּעטער-בורג האָט זיך אָבער אָנגעהויבן דער אַלט-נײַער קאַמף מכּוח דער שפּראַכן-פֿראַגע: יידיש אָדער העברעיִש.

דער ציוניסטישער מנהיג יהושע העשל פֿאַרבשטיין האָט געוואָלט פֿאַרניצן דאָס געלט פֿון רוסלאַנד פֿאַר די גן-ילדים (העברעיִשע קינדער-היימען). מיר זײַנען געשיקט געוואָרן צו ריידן מיט מ. סטראַשונען, דעם דעלעגאַט פֿון פּעטערבורגער „מפיצי-השׂכּלה". מיר האָבן אויסגעפֿועלט, אַז ער זאָל זיך פֿאַרשטענדיקן מיט פּרצן. עס זײַנען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ריי זיצונגען און מ'האָט זיך סוף-כּל-סוף געאייניקט, געגאַנגען אויף אַ פּשרה: אַ געוויסע סומע געלט איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אונדזער קינדערהיים און אַ געוויסע סומע פֿאַר דער העברעיִשער קינדערהיים.

פּרץ האָט געבעטן די „מיידלעך" אויסצוקלייבן צווישן זיך איינע, וואָס צייכנט זיך אויס אויפֿן געביט פֿון באַלעבאַטישקייט און זי שיקן צו אים, ער וויל זי באַקענען מיט זײַן פֿרוי, וועלכע שטייט צו צו אונדזער אַרבעט. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פֿון אַלע אונדזערע מיטאַרבעטערינס האָט מען דעלעגירט מײַן עלטערע שוועסטער שׂרה (אומגעקומען מיט איר מאַן מאָטל אַבערמאַן און זייער איינציק טעכטערל אין וואַרשעווער געטאָ).

איך בין מיטגעגאַנגען מיט מײַן שוועסטער צו פּרצן. פּרץ נעמט אונדז פֿריילעך אויף. דערציילט אונדז תּיכּף גוטע נײַעס: פֿאַראַן, מיט מזל, אַ פֿײַנער לאָקאַל, אויף גענשע 7. ער פֿירט אונדז אַרײַן אין זײַן רחבֿותדיקן עסצימער און באַקענט אונדז מיט זײַן פֿרוי. — גאָר אין גיכן — גיט ער צו — וועלן מיר אָנהייבן אײַנשרײַבן די קינדער. אײַער אויפֿגאַבע איז צו זען, אַז די קינדער זאָלן זײַן באַזאָרגט מיט גוטער נאַרונג און איר מוזט אויך זאָרגן פֿאַר זייער קליידונג.

פּרצעס דורכדרינגלעכער בליק פֿאַרפֿעלט נישט צו באַמערקן די פֿאַר-

לוירנקייט פֿון מײַן שוואַרץ־חנוודיקער שוועסטער, וועלכע איז בטבֿע זייער פּינקטלעך און וועט קיין מאָל גאָרנישט צוזאָגן, אויב זי וועט נישט זײַן הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז זי וועט קענען האַלטן דעם צוזאָג.

שׂרהלע (סאַליע, האָט מען זי גערופֿן) דאַנקט פּרצן פֿאַרן כּבֿוד מיט־צואַרבעטן מיט זײַן ליבער פֿרוי, אָבער זי שרעקט זיך, אַז זי וועט נישט זײַן בכּוח אַליין צו דערפֿילן אירע פֿליכטן. פּרץ באַרויִקט זי מיט אַ וואַ־רעמען שמייכל און בעט זײַן פֿרוי אונדז איבערצוגעבן וועגן דעם שטאָב רײַכע דאַמען, וואָס וועלן זײַן גרייט אונדז צו העלפֿן.

פֿרוי העלענע פּרץ, אַ באַשיידענע און זייער גוטמוטיקע פֿרוי, איז אונדז מכבד מיט טיי און קוכן, פֿאַרשטענדיקט זיך מיט מײַן שוועסטער וועגן אירע אויפֿגאַבן: פֿאַרשאַפֿן פּאַסיק מעבל, קיכגעשיר אאַז״וו, רופֿט דערבײַ אַרײַן פֿון קיך אַ פֿרוי מיטן נאָמען שׂרה און דערקלערט אונדז, אַז די פֿרוי וועט קאָכן אין דער קינדערהיים פֿרישטיק און מיטאָג. מײַן שוועסטער וועט נאָר זײַן די אויפֿזעערין איבער דער באַלעבאַטישקייט און זי, פֿרוי פּרץ, וועט איר העלפֿן מיט ראַט און טאַט.

פֿול מיט מוט און האָפֿערדיקייט פֿאַרלאָזן מיר פּרצעס היים און פֿון דעמאָלט אָן פֿלעגט שוין מײַן שוועסטער סאַליע זײַן אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט פֿרוי פּרץ און זיי האָבן ביידע ענערגיש געאַרבעט, אַז די קינדערהיים זאָל וואָס גיכער אָנהייבן זײַן טעטיק. זיי האָבן ביידע מיט פּרצן בראש צוזאַמענגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע אַקטיווע באַטייליקטע. די פֿאַר־זאַמלונג איז פֿאַררופֿן געוואָרן אין לאָקאַל פֿון לערער־פֿאַראיין, קאַרמעליצ־קע 17.

***

אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָבן מיר דערזען אַ גאַנץ נײַעם עולם. פּרץ זיצט בײַם טיש, אַרומגערינגלט פֿון ביידע זײַטן מיט רײַכע, עלעגאַנט געקליידטע, אונדז אומבאַקאַנטע דאַמען. ער רעדט צו זיי פּויליש. דערציילט וועגן דער נויט פֿון די פּליטים, שילדערט די הפֿקר־געבליבענע קינדער און מיט התלהבֿות לאָזט ער זיי וויסן וועגן דער צוגעגרייטער אַרבעט צו שאַפֿן אַ קינדערהיים.

אין זאַל זײַנען פֿאַרזאַמלט אַ היפּשע צאָל באַקאַנטע לערערס און קולטור־טוערס. צווישן אַנדערע זעען מיר דאָ דעם אַלטן לעווין־עפּשטיין מיט זײַן ווײַסער באָרד, לעבן אים זײַן זון שמואל עפּשטיין מיט זײַן שיינער פֿרוי פֿאַניע. מיר, די „מיידלעך", זיצן אין אַ ווינקל, מיר פֿילן זיך אַ ביסל געטראָפֿן, פֿאַר וואָס פּרץ האָט אונדז נישט פֿאַרבעטן צום טיש צוזאַמען מיט די דאַמען, וואָס האָבן, אייגנטלעך, קיין שום שײַכות ניט צו אונדזער קינדערהיים. עס ווערט אונדז אָבער באַלד קלאָר, וואָס פּרץ איז אויסן

געווען. פּרץ האָט דירעקט געפּאָדערט פֿון די דאַמען, זיי זאָלן זיך באַ־שטײַערן מיט וואָס איינע קען און נאָך מער ווי זי קען. די דאַמען האָבן איינע נאָך דער אַנדערער זיך באַשטײַערט מיט היפּשע סומעס געלט און צוגעזאָגט צו שאַפֿן קליידונג פֿאַר די קינדער און זאַכן פֿאַר דער ווירט־שאַפֿט פֿון דער קינדערהיים.

צום סוף פֿון דער פֿאַרזאַמלונג איז פּרץ, מיט זיין קלוגן וואַרעמען שמייכל, צוגעקומען אין אונדזער ווינקל און אונדז געטרייסט:

— זאָרגט נישט, איך האָב נישט פֿאַרגעסן אָן אײַך, טײַערע מיידלעך. מיר דאַרפֿן „יענע" אויך. אָבער איר, „מיידלעך", זײַט דער עיקר, דאָס וועט זײַן אײַער קינדערהיים, איר זײַט די פּיאָנערינס.

**
*

אין חודש מאַרץ 1915 האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רעגיסטרירן די פּלי־טים־קינדער אין דער קינדערהיים אויף גענשע 7. בײַ אַ קליין טישל אין ערשטן צימער בײַם אַרײַנגאַנג זיצט, אַ שטראַלנדיקער פֿון פֿרייד, יעקבֿ דינעזאָן. זײַן קײַלעכדיק, צאַרט פּנים האָט איצט ראָזלעך געשײַנט. די הימל־בלויע אויגן פֿינקלען מיט פֿרייד, ווען עס באַווײַזט זיך די ערשטע מוטער מיט אַ שוואַרץ, באַחנט זעקסיאָריק מיידעלע. אונדזער ליבער דינעזאָן שטעלט זיך אויף, בייגט זיך צו צום קינד, לייגט אַרויף זײַן קליינע האַנט אויפֿן קינדס קעפּעלע און זאָגט מיט שטאָלץ צו דער ערשטער לערערין, נחמה בערענט: „אָט איז די ערשטע שילערין פֿון אונדזער קינדערהיים, אין אַ מזלדיקער שעה!"

צוויי וואָכן שפּעטער קומט פֿאָר די אָפֿיציעלע עפֿענונג פֿון אונדזער ערשטער ייִדישער קינדערהיים אין וואַרשע. דער גרויסער זאַל, וואָס האָט שפּעטער געדינט פֿאַרן עסצימער, איז נאָך נאַקעט, אָן מעבל. די ווענט העל, פֿריש געמאָלן, אויפֿן זויבערן דיל זיצן די קינדער, אָנגעטאָן ריין, יום־טובֿדיק, אין רייען. אַ סך אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן קומען בײַוווינען דעם גרויסן יום־טובֿ.

אַלע בלײַבן שטיין אין יראת־הכּבֿוד, ווען עס באַווײַזט זיך י. ל. פּרץ מיט זײַן פֿרוי העלענע. מיט פּרצן קומען אַרײַן אין זאַל נאָך אַ רײַ אַנדערע שרײַבערס, קולטור־טוערס, קינסטלערס, לערערס. אַ באַזונדערן אײַנדרוק מאַכן די קינדער אויפֿן טויב־שטומען קינסטלער מינקאָווסקי. זײַן אָנטצי־קונג דריקט ער אויס אין קושן זײַנע אייגענע פֿינגערס. ער פֿרעגט מיך אויס פֿאַרשיידענע פּרטים וועגן דער קינדערהיים. ער שרײַבט זײַנע פֿראַגן אויף צעטעלעך און איך ענטפֿער אים אויך אַזוי שריפֿטלעך אויף פּויליש.

איבער אַלעמען שטראַלט י. ל. פּרץ. ער נעמט אַרום מיט זײַן ווייכן,

האַרציקן בליק די שורות קינדער, ענטפּערט אויף אַלעמענס באַגריסונגען און לאָזט זיך גיין צום גרויסן זאַל, ווו ס׳וועלן פאָרקומען די לימודים.

מיר, אַכט מיידלעך, שטייען אויפן שוועל. מיר טיילן זיך פונאַנדער אויף ביידע זײַטן פון שוועל אין צווייַ באַזונדערע רייען און מאַכן אַ כּבֿוד־דורכגאַנג פאַר פרצן.

עטלעכע טעג נאָך דער פײַערלעכער עפענונג באַקומען מיר אַרײַן די נייטיקע מעבל און די קינדער הייבן אָן רעגולער צו קומען לערנען. אונדזער קינדערהיים באַקומט אַ שם. יעדן טאָג קומען נײַע פערזענלעכקייטן זי באַזוכן, טיילן מיט אונדז אונדזער גרויסע פרייד און נחת. ס׳ווערט געשאַפן אַ פּעדאַגאָגישער ראָט מיט מ. בירנבוים און דוד הערמאַן בראש.

מיט דער זעלביקער האַרציקייט, ווי דאָס ערשטע מאָל, באַגעגנט אונדז פרץ יעדעס מאָל, ווען מיר קומען צו אים, כּדי צו באַריכטן וואָס מיר האָבן דערליידיקט. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. חול־המועד פּסח, אין אַ שבת אין דער פרי, איז דאָס יידישע וואַרשע אויפגעציטערט געוואָרן פון דער פינצטערער בשורה: „נישטאָ מער פרץ״.

מיר, די דרײַ העלענעס, קענען נישט און ווילן נישט גלייבן, אַז דער מלאך־המוות האָט אונדז פּלוצעם אַזוי אַכזריותדיק צוגערויבט די דינאַמישע, קאָלירפולע פערזענלעכקייט י. ל. פרץ, אַזוי פּלוצעם אויסגעלאָשן דעם לײַכטנדיקן שטערן. אָן אָן אָטעם, ווי פון אַ שטורמישער כוואַליע געטראָגן, לויפן מיר צו פרצעס וווינונג. שוין אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס עק יעראָזאָלימסקע אַלעען איז די גאַס פאַרפּלייצט מיט מענטשן, פון אַלערליי שיכטן פון יידישן וואַרשע. מע שטופּט זיך, מע ווישט זיך די טרערן, מע שושקעט זיך: „דאָס האַרץ האָט געפּלאַצט... דער בראָך, וואָס האָט אונדז געבראַכט די פינצטערע מלחמה... די פּײַן פון די היימלאָזע... נישט געקענט צוזען, נישט אויסגעהאַלטן...״

מיט אוממענטשלעכע כּוחות שפּאַלטן מיר דעם ים פון אָנגעלאָפענעם עולם און פאַלן אַרײַן אין טויער נומער 89. מיט האַרץ־קלאַפּעניש לויפן מיר איבער די שטיגן. מען דאַרף איצט נישט קלינגען, די טיר עפנט זיך אַליין. דער קאָרידאָר איז שוואַרץ פון מענטשן. אין פרצעס אַרבעט־צימער, וואָס האָט נאָך נעכטן געאָטעמט מיט פרצעס גײַסט, שטייען פאַראָבלטע שרײַבערס, קינסטלערס, פאַרערערס. אַ שטומע שטילקייט, אַ הייליקייט שוועבט איבער יעדן ווינקל אין דעם צימער. אין שווײַגעניש באַטראַכט מען אין דער עלעגאַנטער גאַבלאָטקע די זעלטענע חפצים, וואָס פרץ פלעגט מיט ליבע אַזוי זאָרגעוודיק זאַמלען. אָפּגערוקט, אין אַ ווינקל פאַררוקט, שטייט פרצעס פאַרליבטער חסיד — דוד הערמאַן. מיט אָנגעשוואָלענע אויגן פון

ווײנען קוקט ער אויף אונדז אַ צעהושטער; שלמה גילבערט — דאָס לענג־לעכע אויסגעצערטע פּנים איז בלייך, ער קרימט מיט ווייטיק זײַנע דינע ליפּן, שפּרײַזט נערוועזיש איבערן צימער, קוקט מיט ווילדע בליקן און זעט ניט קיינעם; קאַגאַנאָווסקי שטייט בײַ פּרצעס שרײַבטיש מיט פאַרבראָכענע הענט. לעבן אים אַלטער קאַציזנע קוקט מיט יראַת־הכּבֿוד אויף דער פּעדער, וואָס איז פּלוצעם אַרויסגעפֿאַלן פֿון פּרצעס באַפֿליגלטער האַנט און ליגט איצט פאַרשאָטנט, ניט געלאָזט פאַרענדיקן דאָס לעצטע ליד זײַנס:

„שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער״...

אָפּגעשטעלט האָט זיך דאָס שטורמישע האַרץ, אָפּגעטאָן האָט זיך דער רוח־הקודש, אָפּגעהאַקט האָט זיך דער ניגון. „עס האָט אין פמליא של מעלה אַ זינגערל פאַרפֿעלט״.

אויפֿן שוועל, וואָס גרענעצט אָפּ פּרצעס אַרבעט־צימער פֿון זײַן שלאָף־צימער, שטייט אַ פאַרמרהשחורהטער דער קינסטלער זיאַמע נעכאַמקין. די ליפּן פאַרקלעמט, זײַנע רייצנדיקע גרוי־גרינע אויגן זײַנען אָנגעפּילט מיט טרערן. מיר שטעלן זיך לעבן אים און עסן זיך אײַן מיט די בליקן אין פּרצעס שיינעם קאָפּ, וואָס רוט איצט אומבאַוועגלעך אויפֿן ווײַסן קישן אין זײַן בעט. עס ווילט זיך אײַנקריצן אין זכּרון יעטוועדן שטריך פֿון דעם פּנים, וואָס לאָזט זיך סײַ ווי קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

אַרום פּרצעס ברייטן בעט שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פּרצעס תּלמידים־שרײַבערס. מע שווײַגט, ווי מע וואָלט מורא געהאַט צו שטערן פּרצן זײַן אייביקן שלאָף. פֿון אַ ווינקל, נישט ווײַט פֿון פּרצעס בעט, טראָגט זיך אַ שטיל מורמלען: ש. י. לאַנדינסקי, מיטן הוט אויפֿן קאָפּ, זאָגט תּהילים און ווישט דערבײַ שטילע טרערן.

מיט רויטע, פאַרווײנטע אויגן, דאָס קינדערשע פּנים געל ווי וואַקס, פּירט יעקבֿ דינעזאָן, פּרצעס נאָענטסטער, מסירת־נפֿשדיקער פרײַנד, אונטערן אָרעם אַרויס פֿון דערבײַיקן עסצימער פּרצעס אַלמנה, שטיל דערנענטערן זיי זיך צו פּרצעס בעט. די מאַיעסטעטישע, שלאַנקע פיגור פֿון העלענע פּרץ, געקליידט אין שוואַרצן, איז איצט אין דרײַען געבויגן. זי וויל נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אויף איר גרויסן מאַן.

איך קוק אויף איר און ס׳דערמאָנט זיך מיר פּרצעס פּאָעמע: „ליבע״.

„(...) איך בין אַן אָדלערווײַב. ער איז נישט פֿון די, וואָס לעבן לאַנג... נאָר פֿון די, וואָס קומען און פאַרשווינדן ווי דער בליץ... ער איז ניט פֿון די, וואָס ווערן גרוי ערשט נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, איבער נאַכט ווערט אַזוינער גרוי, ווי די טויב... ער איז פֿון די, וואָס פאַלן פּלוצלינג, ווי שטערן פֿון הימל אַראָפּ״.

פּרצעס פּנים בלאַס, אויסגעלײַטערט, קיין שפּור פֿון לײַדן. די גערײכטע ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די פֿאַרשלאָסענע אויגן. די דיקלעכע ליפּן האַלב־אָפֿן ברענגען ניט מער אַרויס די טיפֿע, בליציקע גערדאַנקען אין פּרצעס פּערלדיקער באַקליידונג. אַן אויסגעטאַקטע סקולפּטור איז זײַן קאָפּ — אַ קונסטווערק פֿון אַ מײַסטערישן סקולפּטאָר.

ס'איז אויסטערליש שטיל. דאָס לעבן האָט אין אונדז אַלעמען אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם.

***

אין טאָג פֿון די שלושים. די קינדער זינגען אין דער קינדערהיים פּרצעס, לעצטנס פֿאַר זיי געשאַפֿענעם, ליד:

„אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וווּנדערלעכער פֿויגל שאַלט"...

מע פֿאָטאָגראַפֿירט די קינדער מיט די גרינדערינס, לערערינס, פּעדאַגאָגישן ראַט. דינעזאָן, וואָס פֿלעגט, ווי אַ געטרײַע מאַמע, אָפּהיטן פּרצעס טראָט, זיצט אין דער מיטן, ער האַלט פּרצעס בילד אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצער קרעפּ.

— אונדזער קינדערהיים װעלן מיר פֿון הײַנט אָן רופֿן „י. ל. פּרצעס קינדערהיים — דערקלערט אונדז דינעזאָן מיט אַ דערשטיקט קול — מיר וועלן ווײַטער פֿירן אונדזער אַרבעט פֿאַר די קינדער אין פּרצעס גײַסט. און טרערן בלײַבן הענגען אין דינעזאָנס פֿאַראומערטע אויגן.

„(...) גאַנצע 28 יאָר [שרײַבט דינעזאָן, דעם 26סטן אַפּריל 1915, אין אַ בריוו צו ש. אַנ־סקי] איז פּרץ געווען דער קוואַל פֿון מײַן לעבן... דאָס האַרץ מײַנס, וואָס האָט מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט געפֿילט און פּולסירט פֿאַר אים, פֿילט אים נאָך איצט אַ לעבעדיקן אין זיך און בענקט נאָך אים, ווי נאָך אַ לעבעדיקן"...

אויך איך, איצט ווי תּמיד, בעת איך מאַך אַן עקסקורסיע אין מײַן זכרון איבער די אָפּגעלאָפֿענע צענדליקער יאָרן, איז מײַן ערשטע אָפּשטעלסטאַנציע — דער גליקלעכער מאָמענט, ווען כ'האָב געהאַט די זכיה אויפֿגענומען צו ווערן פֿון אונדזער גרויסן י. ל. פּרץ.

די ערשטע יידישע קינדערהיים אין ווארשע, געגרינדעט 7 — פאָטאָגראַפירט אויפן הויף פון דער קינדערהיים, אין טאָג פון די שלושים נאָך י. ל. פרצעס פטירה, אפּריל 1915.

אין דער מיטן: יעקב דינעזאָן האַלט י. ל. פרצעס בילד אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצער קרעפּ; לינקס, לעבן דינעזאָנען: ה. ד. נאָמבערג, מ. בירנבוים, ש. גילינסקי, לעאָ ליאָוו, די לערערין קאַטיק, העלענע וואָלמאַן, דער סטודענט שפּראַך און שמואל עפּשטיין. אין דער זעלבער ריי פון רעכטס: סאַליע טויבנבלאַט, דוד הערמאַן, זיאַמע נעכאַמקין, ד״ר מילייקאָווסקי, קאַצנבויגן („אָזע") און מ. סטראַשון („אַפּע"); פאַר דער לעצטער ריי רעכטס: די לערערין תּרצה קאַפּעלאָוויטש, העלענע גינזבורג און העלענע טויבנבלאַט.

מײַן באַקאַנטשאַפֿט
מיט ש. י. לאַנדינסקי

אונדזער קינדערהיים איז געווען אַ מקום־מיקלט ניט נאָר פֿאַר די הימלאָזע קינדער, נײַערט אויך פֿאַר מיר פּערזענלעך. דאָ, אין דער וואָרע־מער אַטמאָספֿער, האָב איך געטיילט די פֿרייד מיט די זינגנדיקע קינדער, געוואָרן פֿון זיי באַגײַסטערט און אַליין זיך דערפֿילט פֿרײַ, ווי אַ תּפֿיסהניק, וועמען מען באַפֿרײַט אים פֿון די קייטן. די קינדערהיים האָט געעפֿנט פֿאַר מיר אַ טויער צו אַ נײַער וועלט, דאָ האָט געגומען בליִען פֿאַר מיר אַ נײַ לעבן, ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר נײַע האָריזאָנטן מיט נײַע אידעאַלן — דאָ האָבן דערוואַכט אין מיר נײַע געפֿילן; דאָ איז פֿאַרגעקומען מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיטן מענטשן, מיט וועמען כ'האָב שפּעטער פֿאַרבונדן מײַן גורל — מײַן לעבנס־באַגלייטער, ש. י. לאַנדינסקי.

געשען איז עס אין ליכטיקן לערנזאַל פֿון דער קינדערהיים. די רויטהאָריקע לערערין תּרצה קאַפּעליאַוויטש האָט געזונגען מיט די קינדער. באַגלייט אויף דער פּיאַנע האָט איר לעאָ ליאָוו, וואָס האָט שוין דעמאָלט געשמט ווי אַן ערשטראַנגיקער דיריגענט פֿון סיראָטאָס כאָר אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע און אויך ווי אַ מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט געשאַפֿן מוזיק צו די קינדערלידער און געגעבן אָנווײַזונגען דער לערערין, ווי אַזוי מיט די קינדער צו זינגען. ער איז דאָס אויך געווען דער, וואָס האָט מיך באַקענט מיטן דיכטער ש. י. לאַנדינסקי.

מיר איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן די מעלאָדיע פֿון ליד, וואָס די קינדער האָבן מיט באַטעמטע באַוועגונגען געזונגען:

„בעלי־מלאכות זײַנען מיר —
ליבן אונדזער זאַך"...

איך האָב אויסגעדריקט ליאָוון מײַן באַגײַסטערונג פֿאַר זײַן מוזיק צום דאָזיקן ליד און אים געפֿרעגט ווער ס'איז דער מחבר פֿון טעקסט. דערויף האָט מיר ליאָוו געענטפֿערט:

— איר ווייסט גאָרניט פֿרײַלין טויבנבלאַט? דינעזאָן האָט דאָך אַנטדעקט פֿאַר אונדז אַ יונגן דיכטער, זײַן נאָמען איז ש. י. לאַנדינסקי.

ער אַרבעט איצט זייער אינטענסיוו פֿאַר אונדזער קינדערהיים. לאַנדינסקי פֿאַרשאַפֿט די טעקסטן און איך די מוזיק. אויב איר ווילט האָבן די גוטע געלעגנהייט מיט אים זיך צו באַקענען, געפֿינט ער זיך איצט אין עסצימער. ער האָט ליב דאָרט צו פֿאַרברענגען מיט די קינדערלעך.

איך שפּאַן מיט גיכע טריט אין רחבֿותדיקן עסצימער, וווּ מײַנע חבֿרטעס גרייטן די טישן צום מיטאָג. בײַם פֿענצטער — אַ הויכער, שלאַנקער יונגער־מאַן. אַ צאַרט, אויסגעאיידלט, אָוואַל פּנים, אַ הויכער, גלאַטער שטערן, אַ וואָלד געדיכטע העל־ברוינע האָר, אָפּגעלאָזן פֿאַר־קעמט. אויף זײַנעביידע אָרעמס צוויי קינדער. זיי קוקן אים גלײַך אין די באַברילטע אויגן און זאָגן אים נאָך וואָרט בײַ וואָרט:

„טאַטעשי, מאַמעשי — יעדן טאָג
מאָרגן־פֿרי: — גוט מאָרגן, זאָג.
טאַטעשי, מאַמעשי זעען דיך,
טאַטעשי, מאַמעשי פֿרייען זיך״.

עס שמייכלען צו מיר די זינגנדיקע קינדער אויף לאַנדינסקיס אָרעמס און עס שמייכלט פֿרײַנדלעך לאַנדינסקי:

— אַט אַזוי שאַפֿן מיר צוזאַמען מיט די קינדער, אין דער וואַרעמער אַטמאָספֿער, קינדערלידער. מעג איך וויסן אײַער נאָמען, פֿריילין? — פֿרעגט לאַנדינסקי מיט אַ געוויסער אומדרײַסטקייט.

— מײַן נאָמען איז טויבנבלאַט.

— יאָ, אַזוי דאַרפֿט איר טאַקע הייסן. איר זײַט צאַרט ווי אַ בלאַט און שטיל ווי אַ טויב. אַגבֿ, וויל איך אײַך עפּעס פֿרעגן: איך האָב אײַך דאָ געהערט ריידן מיט אײַערע חבֿרטעס, איר רעדט אַזאַ שיינעם, קלינ־געוודיקן פּויליש. וואָלט איר מיר דערלויבט צו קומען צו אײַך אַהיים? איר וועט מיר פֿאַרלייענען מיצקעוויטשן און איך, איך וועל אײַך נישט בלײַבן שולדיק, איך וועל אײַך פֿאַרלייענען פּרצן.

— די אידעע געפֿעלט מיר — זאָג איך איבערראַשט און שעם זיך, ווײַל איך פֿיל, אַז איך רייטל זיך — אָבער... איר קענט מיך דאָך נים.

— ווער האָט עס אײַך געזאָגט? איך קען אײַך שוין גראָד יאָ. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אײַך באַמערקט בײַ דער פֿײַערלעכער דערעפֿענונג פֿון אונדזער קינדערהיים. כ׳בין געקומען צוזאַמען מיט פּרצן און דינעזאָנען. און אויב איר גלייבט ניט, האָב איך פֿאַר אײַך אַ סימן: איר האָט זיך איבערגעשריבן, בײַם טיש שטייענדיק, מיטן טויב־שטומען קינסטלער מאוריצי מינקאָווסקי.

— אמת. — קוק איך אים אָן פֿאַרוווּנדערט.

— ער האָט אײַך אַוודאי פֿאַרגעלייגט צו פֿאַזירן פֿאַר אים?

— איך האָב אײַך געזען אין פּרצעס וווינונג. נאָך פּרצעס פּטירה, איר האָט שטיל תּהילים געזאָגט — מײַד איך אויס צו ענטפֿערן אויף זײַן נייגעריקער פֿראַגע.

— ווען זשע האָבן מיר די ערשטע לעקציע? — שטייט לאַנדינסקי ניט אָפּ פֿון זײַן פֿאַרשלאָג.

— צום באַדויערן איז מיר נישט דערלויבט צו פֿאַרבעטן מענער אין מײַן היים.

— אָ, אַ חסידישע טאָכטער. איך פֿאַרשטיי — זאָגט לאַנדינסקי און באַטראַכט מיך מיט אַ פֿאַרשנדיקן, דורכדרינגלעכן בליק פֿון זײַנע בלוי־גרינע אויגן — קענען מיר דאָס, אפֿשר טאָן בײַ מיר, אין מײַן באַ־שיידענעם צימער?

— כ׳ווייס נישט, מיר וועלן זען.

אויף צו מאָרגנס, ווי נאָר איך באַווײַז זיך אין דער קינדערהיים, גייט מיר לאַנדינסקי אַנטקעגן, באַגריסט מיך מיט אַ וואַרעמען האַנטדרוק. זײַנע אויגן גייען נאָך יעטוועדע באַוועגונג מײַנע. ס׳איז מיר גוט דאָס צו פֿילן, אָבער דאָך אומבאַקוועם. מיר דוכט, אַז מײַנע חבֿרטעס באַמערקן דאָס.

די אַרבעט גייט מיר ניט ווי תּמיד, די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך: איז ער ערנסט, דער בלייכער, סענטימענטאַלער דיכטער? אפֿשר זײַנען דאָס בלויז קאָמפּלימענטן, וואָס ער זשאַלעוועט אויך ניט מײַנע אַנדערע חבֿר־טעס? מײַן בליק זוכט זיך צו טרעפֿן מיט זײַנעם. אויף זײַן שמייכל ענטפֿער איך מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל. ער פּרובירט ווידער ריידן צו מיר. איך אַנטשולדיק זיך, כ׳האָב צו פֿיל אַרבעט. ער וועט וואַרטן, זאָגט ער, ער וויל מיך באַגלייטן אַהיים.

אויפֿן וועג אַהיים וויל לאַנדינסקי מיך נעמען אונטערן אָרעם, איך צי צוריק מײַן האַנט.

— וואָס איז, פֿריילין טויבנבלאַט? מע שרעקט זיך נאָך אַלץ אַזוי פֿאַרן חסידישן טאַטן? זײַט איר טאַקע אַזוי פֿאַרשקלאַפֿט אין אײַער היים? קיין מאָל ניט פּרובירט צו צעברעכן די קייטן, זיך אַרויסרײַסן פֿון אײַער סבֿיבֿה? — פֿרעגט ער מיט ספֿיקות אין קול.

— ס׳איז נישט אַזוי געפֿערלעך. אָט האָב איך דאָך פֿאַרענדיקט די

מיטלשול און שטודיר איצט אויף העכערע הומאַניסטישע קורסן. געהאַט, פֿאַרשטייט זיך, געגנוג אויסצושטיין פֿון מײַן טאַטן, אָבער סוף־כּל־סוף געזיגט — ענטפֿער איך מיט אַ געוויסן שטאָלץ, און גיב נאָך צו, אַז אַלע מײַנע חבֿרטעס האָבן געהאַט די זעלביקע פּראָבלעם, ווײַל זיי שטאַמען אויך פֿון חסידישע היימען.

— איך בין ניט נתפּעל, פֿרײַלין טויבנבלאַט. וואָס מיינט איר, איך שטאַם פֿון אַפּיקורסים? אַט הייס איך נאָך מײַן עלטער־זיידן: שמואל יקיר, דעם מאָדזשיצער רבֿ. מײַן טאַטע איז אויך געווען אַ גערער חסיד, גלײַך ווי אײַערער. זײַן חלום איז געווען מיך צו מאַכן פֿאַר אַ רבֿ, מחמת איך האָב, ווי ער פֿלעגט זאָגן, אַ גוטן קאָפּ צו לערנען. כ׳פֿלעג גוט קענען דעם תנ״ך, ישעיה האָב איך געקענט בעל־פּה. פֿון חדר אין סעמיאַטיטש האָט מיך מײַן טאַטע אָוועקגעשיקט אין אַ ישיבֿה קיין נאָוואָמינסק, נאָך דעם אין אַ ישיבֿה אין לאָמזשע און שפּעטער אין ווילנע. ווי איר זעט, בין איך קיין רבֿ ניט געוואָרן.

— ווי אַזוי זײַט איר אַראָפּ פֿון אײַער פֿאָטערס דרכים? — פֿרעג איך מיט נײַגיר.

— אין ווילנע, אין ראַמײַלעס־ישיבֿה, האָט מען מיך אויך געלערנט רוסיש. איך האָב זיך גענומען גרייטן צום עקזאַמען אין ווילנער־אינ־סטיטוט, אָבער דעם ערשטן מײַ 1905 בין איך אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ העקטאָגראַפֿישער פּראָקלאַמאַציע אין בוזעם־קעשענע. אַלט געווען בין איך דעמאָלט 16 יאָר, אָבער שוין געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין ווילנער „פּועלי־ציון פּאָליטישע קעמפֿערס״. אין די תּפֿיסות פֿון ווילנע, גראָדנע און ביאַליסטאָק האָב איך זיך ערשט באַקענט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַלע קאַמערן פֿלעגן זײַן אָפֿן. אינטעליגענטן מיט בערדלעך און אין רובאַשקעס פֿלעגן האַלטן לעקציעס וועגן סאָציאַליזם, „בונד״, ס״ר, אַנאַרכיזם א״אַ. די תּפֿיסה איז פֿאַר מיר געווען דער ריכטיקער לערער־סעמינאַר. און איך בין געוואָרן אַן אַקטיווער סאָציאַליסט. נאָך דעם ווען מען האָט מיך באַפֿרײַט פֿון תּפֿיסה, בין איך געשיקט געוואָרן אין מײַן שטעטל סעמיאַטיטש פֿון אַ צענטראַלן קאָמיטעט דאָרט אָנצופֿירן אַן אַרבעט. איך האָב דאָרט אָרגאַניזירט די יוגנט, געהאַלטן פֿאַר זיי רעפֿעראַטן, אײַנגעאָרדנט מיטינגען. מיינט איר, פֿריילין טויבנבלאַט, אַז דאָס האָט מײַנע פֿרומע עלטערן פֿאַרשאַפֿט כּבֿוד? אָבער וואָס האָב איך זיך פֿאַד אײַך אַזוי פֿונאַנדערגערעדט, כ׳וויס דאָך גאָר ניט, צי איר האָט דערפֿאַר אינטערעס. איר האָט דאָך מיר אַפֿילו ניט געגעבן קיין ענטפֿער: וועט איר קומען צו מיר אַהיים, אָדער איר וועט רחמנות האָבן אויף אײַער חסידישן טאַטן?

— דאָס גרײַפֿט איר שוין אָן מײַן אַמביציע, הער לאַנדינסקי, אַוודאי וועל איך קומען און אפֿשר נאָך גיכער ווי איר דערוואַרט עס — ענטפֿער איך אָן אַ ישובֿ הדעת.

אויף מאָרגן קום איך — ניט אָן ווייניק האַרץ־קלאַפּעניש — צו לאַנדינסקין. ער פֿירט מיך אַרײַן אין זײַן שמאָלן, קוים באַלויכטענעם צימער. האַרט בײַם פֿענצטער, לעבן אײַזערנעם בעטל, אַ טיש אָנגעוואָרפֿן מיט ביכער, כּתבֿ־ידן. איןביידע ווינקלען פֿון צימער — טעאַזשערקעס איבערגעלאָדן מיט ביכער אין אַלערליי שפּראַכן. אויף דער פּאָדלאָגע אַרום די טעאַזשערקעס — זשורנאַלן, ביכער, ביכער.

— ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, האָב איך געבראַכט מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי" — זאָג איך אים גלײַך, כּדי צו פֿאַרשטעלן מײַן פֿאַרלעגנהייט: דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן אין אַ בחורס צימער.

— אַלץ וואָס איך וויל, איז אײַך הערן לייענען און מיר דערקלערן דעם ווערטלעכן באַטײַט פֿון איינצלנע ווערטער. וואָס דער דיכטער דערזאָגט נישט, וועלן מיר זיך אַליין ביידע צוזאַמען פּרובירן דערקלערן. איר דאַרפֿט וויסן, אַז איך בין בקי אין דער פּוילישער ליטעראַטור — און לאַנדינסקי נעמט דערבײַ מיט האַרץ רעציטירן פֿון אויסנווייניק: „ליטוואַ, אָיטשיזנאַ מאָיאַ" (ליטע, מײַן היימלאַנד) פֿון מיצקעוויטשן, און דערקלערט מיר, אַז אין דעם ליד פֿילט מען מיצקעוויטשעס בענקשאַפֿט נאָך זײַן היימלאַנד, וואָס שײַנט אויף פֿאַר אים אויפֿן ברוק פֿון דער פֿרעמדער שטאָט פּאַריז, אין ליכט פֿון זײַן פֿאַרלאָרענעם גן־עדן.

— איך באַוואונדער אײַער זכּרון, הער לאַנדינסקי, איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר קענט מיצקעוויטשן — זאָג איך אַ פֿאַרחידושטע.

— אויב איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו קומען צו מיר עפּטער אין מײַנע אָרעמע ד׳ אמות, וועל איך פֿאַר אײַך אויפֿמישן די בלעטער פֿון צוויי טויזנט יאָר געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק — זאָגט לאַנדינסקי מיט ענטוזיאַזם.

— וואָס מיינט איר? איך בין נישט קיין איגנאָראַנט, איך האָב געלערנט ייִדישע געשיכטע — רעאַגיר איך אַ ביסל געטראָפֿן.

— איך ספֿק ניט אין דעם, אָבער פֿון מיר וועט איר דאָס זען אין אַן אַנדער ליכט. מע דאַרף אין אײַך וועקן דאָס געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלן שטאָלץ. כ׳מיין אײַך ניט מבֿזה צו זײַן, חלילה, אָבער איך ווייס, וואָס די מיטלשולן גיבן זייערע שילערינס אויף דעם געביט. דאָס אַקאַדעמישע וויסן איז ס׳רובֿ איבערפֿלעכלעך.

אויף מײַן וועג אַהיים האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן דעם באַשײַדענעם, אָרעמען און אַזוי גײַסטיק רײַכן דיכטער לאַנדינסקי. נישט נאָר אויסערלעך מאַכט ער אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק, זײַן גאַנצע פּערזענלעכקייט לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן. אַזאַ דאַרשט צום לערנען, אַזוי וועלן אַלץ דערגערונטעווען, זײַן זוכן זיך צו פֿאַרפֿולקומען אין די שפּראַכן: פֿראַנצייזיש, דײַטש, רוסיש, פּויליש, כּדי בעסער צו פֿאַרשטיין די שרײַבערס אין זייערע אָריגינאַלן. ווי אינטערעסאַנט ער נעמט אויף מיצקעוויטשן: זײַן גרינטלעך אַנאַליזירן מיצקעוויטשעס גרעסט ווערק: „דזשיאַדי”, אַנוועזנדיק דערבײַ אויף די אײַנפֿלוסן פֿון געטען, בייראָנען, און דער עיקר פֿון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע”; דאָס דערקלערן דעם באַטײַט פֿון סימבאָלישן ציפֿער 44 אין מיצקעוויטשעס דריטן טייל פֿון „דזשיאַדי”. 44 האָט געזאָלט מיינען: „אַדאַם” — דער ערשטער נאָמען פֿון מיצקעוויטשן — דעם צוקונפֿטיקן אויסלייזער פֿון זײַן דערדריקטן פּוילישן פֿאָלק (אין מיצקעוויטשעס וויזיע), און לאַנדינסקיס דערקלערן, ווי ער זעט די השפּעה פֿון שילערן אויף מיצקעוויטשעס פֿערטן טייל „דזשיאַדי”; און בפֿרט זײַן פּלאַסטיש שילדערן דעם באַזוך פֿון מיצקעוויטשעס ייִדישן פֿרײַנד אַרמאַן לעווי, בײַם פּוילישן דיכטער, — דאָס האָט מאָמענטנווײַז איבערגעשטיגן מײַן פּוילישן פּראָפֿעסאָר מאַטושעווסקי.

בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה, דערציילט לאַנדינסקי, האָט מיצקעוויטש אין גלות־פֿראַנקרײַך, קורץ פֿאַר זײַן אַוועקפֿאָרן קיין טערקײַ, אויפֿגענומען זײַן ייִדישן פֿרײַנד ד״ר אַרמאַן לעווי, אַ דאָקטער אין דער פֿראַנצייזישער אַרמיי. מיצקעוויטש האָט פּלאַנירט צו שאַפֿן צוזאַמען מיט אים לעגיאָנען, וואָס זאָלן קעמפֿן קעגן רוסלאַנד. מיצקעוויטש האָט געהאַט אַ טיפֿן מיסטישן גלויבן, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק, גלײַך ווי זײַן פּויליש פֿאָלק, האָט אַ גרויסע מיסיע צו באַפֿרײַען אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער.

אין טערקײַ, בעת מיצקעוויטש האָט גענומען העלפֿן שאַפֿן אַ פּוילישן מיליטערישן קאָרפּוס, איז ער קראַנק געוואָרן אויף כאָלערע און אין 1855 דאָרט געשטאָרבן.

מיך אינטערעסירט, ווי אַזוי לאַנדינסקי וועט פֿאַר מיר אַנטוויקלען און קלאָר מאַכן זײַנע סאָציאַליסטישע אידעען און איך הייב אָן עפֿטער און עפֿטער אים צו באַזוכן.

אויף מײַן פֿראַגע פֿאַר וואָס ער איז אַוועק פֿון „פּועלי־ציון” — איך האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ מאָל געווען אַ זייער אַקטיווער און אָנגעזעענער מיטגליד אין דער פּאַרטיי — האָט לאַנדינסקי מיר דערקלערט, אַז ער איז טאַקע געווען אַקטיוו. ער איז געווען איינער פֿון די גרינדערס

פֿון דער ערשטער פּראָלעטאַריש־ציוניסטישער אַרבעטער־קיך און „אַר־בעטער־היים". ער האָט לעצטנס פֿאַרענדיקט די איבערזעצונג פֿון רוסיש די באַרימטע פּועלי־ציוניסטישע „נאַשאַ פּלאַטפֿאָרמאַ", אָבער צוליב חילוקי־דעות צווישן די חבֿרים איז ער אַוועק פֿון דער פּאַרטיי. געוואָלט האָט ער פֿאַראייניקן „פּועלי־ציון" מיטן „בונד", דאָס האָט זיך אים נים איינגעגעבן, האָט ער באַשלאָסן פּאָליטיש אַוועקצושטיין פֿון דער באַוועגונג, געבליבן איז ער אָבער לערער אויף די פּראָלעטאַרישע אָוונטקורסן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן פֿון „פּועלי־ציון" און פֿון „בונד".

עס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מיר לאַנדינסקי דער מיסטיקער, דער דענקער און דער עיקר — דער רעוואָלוציאָנער, דער קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיקייט. זיין יעטוועדער געדאַנק פֿאַרקריצט זיך אין מיין זכּרון, שלאָגט זיך אָפּ אין מיין מוח, וועקט רייץ און ברען צום לעבן.

איין מאָל האָב איך געפֿרעגט לאַנדינסקין צי ער שרייבט איצט עפּעס אַ חוץ די קינדערלידער, האָט ער גענומען פֿאַרלייענען זיין אָקאָרשט אָנגעשריבענע פּאָעמע:

„(...) אין דער שטילקייט פֿון די ווענט,
אין דעם עלנט פֿון די הענט,
וואָס שרייבן היינט ווי אויסגעלענקט,
ווייל זיי זוכן ד י ך פֿאַרבענקט"...

— אָט אַזוי רעד איך צו דיר, ווען דו ביסט אין דיין אָפּגעשלאָסענער היים — צערטלט מיך לאַנדינסקי מיט זיין בלויען בליק פון אונטער זיינע געדיכטע, טונקעלע ברעמען, וואָס זיינען אַזוי מאָדנע ביי אים, דערגייען ניט ביזן סוף, האַקן זיך אָפּ אין דער מיט, הייבנדיק זיך שטאָלץ צום הויכן שטערן פֿונעם דענקער.

**
*

כ׳גיי אַרום אַ פֿאַרטראַכטע, אַ פֿאַרחלומטע. ער האָט אַריינגעדרונגען אין מיינע חלומות. כ׳קען אַליין נישט תּופֿס זיין, וואָס עס קומט פֿאַר אין מיר. ס׳איז מיר ענג אין מיין שטוב. אַלץ זעט אויס פֿאַרשאָטנס. לאַנדינסקין זע איך כּסדר אַרום מיר.

פֿאַר וואָס איז זיין פּנים אַזוי בלאַס, זיינע דינע ליפּן בלוילעך? עסט ער נישט צו דער זאָט? אַלץ וואָס ער פֿאַרדינט גיט ער אויס אויף ביכער, און וואָס פֿאַרדינט ער שוין, מ׳שטיינס געזאָגט: אַ לערער אויף די פּראָלעטאַרישע אָוונטקורסן, אַן אַרטיקל פֿון צייט צו צייט אין מאָמענט — פֿון דעם קען ער זיך דאָך נים מפֿרנס זיין.

אָפּט מאָל דוכט מיר, אַז ס׳איז אים שווער צו ריידן. ער זעט אויס בלייך, ווי נאָך אַ תּענית. מיר ווערט דערווידער מײַן היים מיט איר שפּע פון כּל טוב. ווו איז יושר אויף דער וועלט? איך גנבֿע זיך אַרײַן אין צימער, ווו מײַן מאַמע האַלט אירע פּראָוויאַנט־רעזערוון. די מלחמה גייט נאָך אָן, די פּרײַזן שטײַגן, טייל פּראָדוקטן זײַנען אין גאַנצן נישט בנימצא — אונדז פֿעלט גאָרנישט. איך מאַך פּעקלעך עסנוואַרג און טראָג די אין געהיים אַוועק צו לאַנדינסקין.

זײַענדיק אַליין אין מײַן צימער, קומען אויף אויך אַנדערע געדאַנקען, משונהדיקע פֿראַגעס: אפֿשר נעם איך לאַנדינסקין צו ערנסט? אַ דיכטער, ווער וויס? אַ שטימונג, אַ שפּיל, אַ פֿאַנטאַזיע?

און איך? צי בין איך טאַקע פֿאַרליבט? זאָל דאָס זײַן ליבע, טאַקע די אמתע ליבע, וואָס איך קען נאָר פֿון ראָמאַנען, פֿון דיכטונג? אפֿשר, אפֿשר איז דאָס בלויז אַ רחמנות־געפֿיל צו דעם אָרעמען דיכטער? פֿאַר וואָס אָבער ציטערן אין מיר אַלע מײַנע אבֿרים, בעת ער נעמט מיך אין זײַנע אָרעמס? דאָס קאָן דאָך נישט זײַן בלויז אַ רחמנות־געפֿיל? דער שלאָף האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון מיר.

אין די ווינטערדיקע באַגעגענישן האָט לאַנדינסקי מיר דערציילט מער פּרטים פֿון זײַן לעבן, וועגן זײַן שטודירן אין דער שווייץ.

אין 1911, בעת דעם אויסבראָך פֿון „באָיקאָט" אין פּוילן, איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק אויסצופֿאָרשן די ייִדן אין פּוילישן אינדוסטריע־צענטער אין דאָמבראָווער ראַיאָן. ניט האָבנדיק די נייטיקע מאַטעריעלע מיטלען, איז ער געגאַנגען צו פֿוס פֿון שטעטל צו שטעטל, פֿאַרצייכנט וואָס די ייִדישע קליינהענדלער האָבן אים דערציילט וועגן דער ווירקונג פֿון באָיקאָט. דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ סעריע פֿון זעקס אַרטיקלען אין דער באַקאַנטער ייִדיש־פּוילישער טאָג־צײַטונג פּזשעגלאָנד צאַדזיענני, אונטער דער רעדאַקציע פֿון מענדעלסאָן, דעם געוועזענעם גרינדער פֿון פּפּ״ס (נחום סאָקאָלאָוס אײדעם). לאַנדינסקי האָט געשריבן אין ייִדיש און נאָטאָן שוואַלבע האָט די אַרטיקלען איבער־געזעצט אין פּויליש. אַ טייל פֿון די מאַטעריאַלן זײַנען אויך געווען פֿאַר־עפֿנטלעכט אין מאָמענט. פֿאַר דעם האָנאָראַר פֿון דער וויכטיקער דאָקו־מענטאַציע, וואָס האָט געדינט דעם דעמאָלטיקן סוחרים־ און האַנטווערקער־פֿאַראיין, ווי אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אין קאַמף קעגן דעם באָיקאָט, איז לאַנדינסקי געפֿאָרן שטודירן אין דער שווייץ.

אין בערן און אין גענף האָט ער געהערט צו דער גרופּע פֿון יצחק טאַבענקין, יצחק קאַצענעלנסאָן, יהושע גאָטליב א״אַ. ער האָט דאָרט נישט

נאָר געלערנט סאָציאַל־עקאָנאָמיע, אַלוועלטלעכע ליטעראַטור, פֿילאָסאָפֿיע, נאָר אויך אָנטייל גענומען אין וויכּוחים פֿון די פֿאַרשיידענע דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערע „גדולים". עס האָט אים גענומען ציִען אַהיים צו די ייִדישע מאַסן אין פּוילן. אויף זײַן צוריקוועג פֿון דער שווייץ, בײַ דער גרענעץ בענדין־סאָסנאָוויעץ, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג פֿאַר געהערן צו אַ געהיימער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. אָפּגעזעסן 6 חדשים אין אַן איינצל קאַמער. ערשט נאָך אַ צענטאָגיקן הונגערסטרײַק איז ער באַפֿרײַט געוואָרן.

איך הער אים געשפּאַנט. ער האָט ניט נאָר באַרײַכערט מײַן געדאַנק, ער האָט פֿאַר מיר געעפֿנט אַ פֿענצטער צו אַ נײַער וועלט. ער רעדט ניט נאָר צו מײַן שׂכל, נײַערט אויך צו מײַן האַרץ, אַ נײַע תּקופֿה הייבט זיך אָן אין מײַן מיידלשן לעבן. חלומות, העל־זוניקע פֿאַנטאַזיעס וועבן זיך אין מוח. מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט לאַנדינסקין פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ פֿײַערדיקער ליבע. מײַן האַרץ — פֿול מיט פֿרייד און זאָרג און אויך מיט בענקשאַפֿט. ווי פֿון אַ מאַגישער קראַפֿט געטריבן, גיי איך צו אים טאָג־טעגלעך. זײַן אָרעם צימער ווערט מײַן מקום־קדוש.

בלויז שבת, כּדי ניט אַרויסצורופֿן קיין חשד בײַ מײַנע עלטערן, בלײַב איך דעם גאַנצן טאָג אין דער היים. מײַן צימער איז אײַנגעהילט אין בין־השמשות. כ׳זיץ אין דער געדיכטער פֿינצטערניש און וואַרט אומגעדולדיק דער שבת־קודש זאָל אַנטרינען ווערן. כּל־זמן מײַן טאַטע וועט אַליין ניט דערזען דאָס פֿינקלען פֿון דרײַ שטערנס אין הימל, קען מען נישט מאַכן ליכטיק אין אונדזער היים. דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג קיין בוך נישט געעפֿנט צום לייענען. „אום שבת טאָר מען נישט לייענען" — זאָגט מײַן טאַטע, און איך וויל אים נישט דערצערענען.

ענדלעך ווערט ליכטיק. דאָס עסצימער איז באַלויכטן פֿון הענגנדיקן, מיט געקאַרבטע גלעזערלעך באַפּוצטן, זשיראַנדאָל. דער טאַטע גרייט זיך צו מאַכן הבֿדלה מיט אַ פֿילפֿאַרביק געפֿלאָכטן ליכט אין האַנט. דאָס דינסטמיידל נעמט קאָכן די מלווה־מלכּה.

פּלוצעם, מע קלאַפּט אין מײַן טיר. דאָס דינסטמיידל זאָגט מיר, אַז דער טאַטע רופֿט מיך.

אין עסצימער, אויבנאָן בײַם טיש, זיצט מײַן טאַטע, נאָך אַלץ אין דער שבתדיקער, אַטלאַסענער קאַפּאָטע, דאָס שטרײַמל אויפֿן קאָפּ — פֿירט אַ לעבעדיקן וויכּוח מיט אַ ייִדן לעבן אים.

— אָט, איז זי, די כּלה־מויד — זאָגט דער טאַטע, דערזעענדיק מיך אַרײַנקומען, זײַנע טונקל־ברוינע אויגן בליצן מיט שטאָלץ.

דער ייִד נעמט אַראָפּ די ברילן פֿון זײַן שטערן, זעצט זיי אַרויף אויף זײַן לענגלעכער נאָז, טוט אַ גלעט זײַן לאַנגע, גרויע באָרד, אַ שמייכל באַ־וויַזט זיך אַרום זײַנע פֿליישיקע, תּאַוההדיקע ליפּן, און זאָגט:

„אַזאַ יאָר אויף מיר, בלוט און מילך, ר׳ לייבעלע מתמיד!״

— מילא, דאָס זעט איר דאָך אַליין — זאָגט דער טאַטע צופֿרידן — זי איז אָבער אויך געבילדעט. זיך אײַנגעעקשנט, נישט אַנדערש נאָר אַלע קלאַסן פֿין דער שקאָלע מיז זי ענדיקן. יאָך האָב, וואָס אַן אמת, נישט געגעבן מײַן הסכּמה, געוועזן שטאַרק קעגן דעם. וואָס איז? פֿיר קלאַסן איז דען נישט גענוג? אַלע אירע שוועסטערס זײַנען געווען צופֿרידן מיט די פֿיר קלאַסן, איר האָט זיך אָבער פֿאַרוואָלט מיין. ני, מילא, אַז זי האָט געקענט, האָט זי געמעגט. פֿרעגט מיך בחרם צי וואָס זי האָט דאָס געדאַרפֿט.

„דאָס וועט איר צום שידוך נישט שאַטן״ — זאָגט דער ייִד, באַטראַכט מיך פֿון אויבן ביז אַראָפּ, מעשׂה סוחר, פֿאַסמאַקעוועט זיך, גלײַך ווי מע האָט אים דאָ דערלאַנגט אַ גוט מאַכל, און גלעט דערבײַ זײַן גרויע באָרד.

איך וואַרף אים צו אַ ביטולדיקן בליק און רײַס איבער זייער שמועס פֿרעגנדיק: „דער טאַטעשי האָט מיך גערופֿן?״

— יאָ, דער ייִד, דער שדכן, מיין איך, רעדט דיר אַ גאָר פֿײַנעם שידוך: אַ זין פֿין אַן אָנגעזעענעם רבֿ. ער וועט אין גיכן אַליין האָבן סמיכות אויף רבנות. יחוס איז טאַקע זייער וויכטיק, דער עיקר אָבער דאַרף דער חתן־בחור אַליין זײַן אַן עילוי. מען וועט דיר שוין לאָזן וויסן, ווען עס וועט האַלטן בײַ די תּנאים. לעת־עתּה, חיהלע, ווײַז נאָר דעם שדכן דײַנעם דײַן דיפּלאָם פֿון דער שקאָלע, מחמת די ווייסט דאָך, וואָס מען זעט נישט אַליין מיט די אויגן פֿאַרגעסט מען גיך.

— אויב דער שדכן האָט אַ קורצן זכּרון, זאָל ער זיך בעסער נעמען צו אַנדערע עסקים — זאָג איך מיט כּעס און לויף מיט אימפּעט אַרײַן אין מײַן צימער.

אָט, האָסטו ווער עס וויל מיך פֿירן אויפֿן מזבח פֿון לעבן! כ׳טו אַ קנאַק אויף דער פּאָדלאָגע דעם זילבערנעם בשׂמים־ביקס, מײַן טאַטנס מתּנה, וואָס באַשײַנט מײַן עטאַזשערקע, לויף איבערן צימער הין און צוריק, ווי אַ תּפֿיסהניק אין זײַן קאַמער. איך באַטראַכט זיך אַליין מיט צאָרן און ביטול. איך פֿיל זיך דאָך דאָ, ווי אויף אַ שיף וואָס אָט־אָט גײַט זי אונטער. לאַנדינסקין טאָר איך וועגן שדכן ניט דערציילן, ס׳וועט זײַן פֿאַר אים פּײַנלעך, ס׳וועט אים נאָר פֿאַרשאַפֿן צער, ווײַל העלפֿן קען ער מיר דאָך

ניט. ער וואַרפֿט דאָך מיר פֿאָר: „דו ביסט מער אַ קינד פֿון דײַן טאַטן, ווי אַ קינד פֿון דער צײַט". און אפֿשר איז ער טאַקע גערעכט. אפֿשר בוי איך נאָר אַ שלאָס אין דער לופֿטן? ניין, צו טיף האָט ער אין מיר פֿאַר־פֿלאַנצט די ליבע צו אים. יאָ, כ'מוז מאַכן אַ סוף צו מײַן פּאַסיווקייט, נעמען מײַן גורל אין מײַנע אייגענע הענט.

די שכנים לאָזן ניט אָפּ, זיי האַקן כסדר אָפּ די שוועל פֿון אונדזער היים. אַט קלינגט מען בײַ דער טיר. איך דערקען די שווערע טריט פֿון ר' מרדכין, דעם שדכן, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויפֿן טאַטן. ער האָט געפּאַקט אַ מציאה פֿאַר מיר: אַ בחור, וואָס שטאַמט פֿון אַ קייט רבנים און איז אַליין אַן עילוי.

מײַנע געדאַנקען ווערן צעשטערט פֿון מײַן מאַמעס אַ רוף: „חיהלע, קים אַרײַן, דער שדכן וויל דיך זען".

בעסערע בשורות זאָלן מיר אָנגעזאָגט ווערן, טראַכט איך. ער האָט שוין, אַ פּנים, אַ זעעכץ פֿאַר מיר: מײַן צוקונפֿטיקע מחותנתטע וויל קומען מיך באַטראַכטן. מיך מיגלט פֿון דעם געדאַנק, איך טרייסל זיך פֿון אויפֿ־רעגונג. דער אַרום שטיקט מיך. דאָס צימער איז פֿול מיט זונשטראַלן און מײַן האַרץ — מיט נאַגנדיקן אומעט. כ'מוז זיך גלײַך אָפּטראָגן פֿון דאַנען, אַנטלויפֿן, אַנטלויפֿן ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן.

מיט דער גיכקייט פֿון אַ הירש לויף איך אַרויס פֿון דער היים. אַט בין איך שוין אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. איך הער ניט דעם טומל אַרום מיר. אַ געדיכטער עולם אויף ביידע זײַטן פֿון גאַס. פּלוצעם פֿאַרשטעלט מיר דעם וועג דער טויב־שטומער קינסטלער מאַוריצי מינקאָווסקי. מיט אַ ברייטן שמייכל פֿון איין ווינקל מויל ביז צום צווייטן נעמט ער קושן זײַנע אייגענע פֿינגערס (אַזוי דריקט ער אויס זײַן אַנטציקונג), נעמט אַרויס אַ צעטעלע און שרײַבט אויף פּויליש: „איר שײַנט דאָך הײַנט מער ווי געוויינטלעך. דאָס גליק וואָס שטראַלט פֿון אײַערע קאַרשנאויגן, מאַכט מיך אויך זיך פֿילן גליקלעך. איר מוזט איצט גיין מיט מיר אין מײַן סטודיע. ס'איז ניט ווײַט, דאָ אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. איך וועל אײַך מאָלן, איר וועט זען, איר וועט ניט באַדויערן".

„וואָס פֿאַלט אײַך אײַן? — שרײַב איך אים צוריק אויפֿן צעטעלע — איך האָב גראָד איצט אַ וויכטיקע שליחות צו דערפֿילן".

„קען איך אײַך באַגלייטן?"

„יאָ". — און איך פֿיר אַרויף אין לאַנדינסקיס דירה, אויף שקאָלנע

גאַס. איך שפּאַן איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר, מינקאָווסקי הינטער מיר. בײַ דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון לאַנדינסקיס צימער שטעל איך זיך אָפּ. לאַנ־דינסקי זינגט. איך וויל אים ניט שטערן. כ׳ווייס, אַז בעת ער שרײַבט זײַנע לידער, זינגט ער זיי פֿריִער אויס, אַזוי פֿילט ער בעסער דעם ריטם, האָט ער מיר געזאָגט. כ׳וויל זיך שוין אומקערן, שטייט אָבער לעבן מיר מינקאָווסקי און קוקט מיך אָן מיט אַ חוזק אין די אויגן. אַ ברירה האָב איך? כ׳עפֿן שטילערהייט די טיר.

לאַנדינסקי דערזעט מינקאָווסקין, ס׳פֿאַררונצלט זיך זײַן הויכער שטערן. ער וואַרפֿט מיר צו אַן אומהיימלעכן בליק און פֿרעגט מיט אַ בייזן ציטער אין זײַן שטים:

„וואָס טוט ער דאָ בײַ מיר?”

„אַן אומגעבעטענער גאַסט, דו קענסט אים דען?”

„יאָ, איך קען אים. ער איז ניט נאָר אַן אומגעבעטענער, ער איז אַן אומגעוווּנטשענער גאַסט בײַ מיר!”

דער עלעגאַנט געקליידטער, מיטל־וווּקסיקער קינסטלער שטייט אַ געפּלעפֿטער. ער ציט אויס אַ האַנט צו לאַנדינסקין, וויל אים באַ־גריסן, לאַנדינסקי דערלאַנגט אים די שפּיצפֿינגערס פֿון זײַן האַנט.

מיר קוקט דאָס אויס מאָדנע, איך פֿאַרשטיי ניט, כ׳בין שאָקירט פֿון דער קאַלטער באַציִונג פֿונעם דיכטער צום קינסטלער.

„איך האָב אים צופֿעליק געטראָפֿן איצט אויף דער גאַס”...

— איך וויל ניט הערן — שלאָגט מיר לאַנדינסקי נערוועזיש איבער מײַנע רייד — דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פֿאַרגעסן, ווי ער האָט זיך געשאָרט צו דיר, בעת איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל געזען בײַ דער דערעפֿענונג פֿון י. ל. פּרצעס קינדערהיים?

„אָבער לאָז מיר דיר דערקלערן”...
„כ׳וויל ניט הערן און כ׳וויל אים דאָ ניט האָבן!”

מינקאָווסקי דערלאַנגט מיר אַ צעטעלע, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעשריבן, שטייענדיק מיטן רוקן צו לאַנדינסקין: „אַזוי גאָר? איר זײַט דאָך אַ נאַריש, נאַיִוו מיידל. ס׳איז דאָך אַ לײַכטזין, אַוווּ איז אײַער שׂכל? אַן אָרעמער דיכטער און משמעות אַ קראַנקער? איר וועט זיך ביטער אַנטוישן אין אײַער לעבן! קומט צו מיר, כ׳וועל אײַך מאָלן, פֿאַרקליידן פֿאַר אסתּר המלכּה און בײַ מיר וועט איר לעבן ווי אַ מלכּה”.

— אָדער דו שיקסט אים גלײַך אַוועק פֿון דאַנען, אָדער איך גיי אַוועק און דו וועסט מיך מער קיין מאָל ניט זען!

איך האָב געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם קינסטלער, אַז איך נייטיק זיך ניט אין קיין עצה־געבערס און אים העפֿלעך באַגלייט צו דער טיר.

אַ בלאַסער פֿון אויפֿרעגונג, מיט בלוילעכע ליפּן, ציט זיך לאַנדינסקי אויס אויף זײַן אײַזערנעם בעט. איך נעם אים אַרום:

— דו דאַרפֿסט מיך פֿאַרשטיין, מײַן ליבער, דאָס איז געווען דער איינציקער מיטל פּטור צו ווערן פֿונעם טויב־שטומען, וואָס אינטערע־סירט מיך נאָר ווי אַ קינסטלער, ווי אַ מײַסטערישער מאָלער פֿונעם גלות־ייִד, און ניט מער. גלייב מיר, טייל מאָל איז ער מיר דערווידער, איך קען ניט פֿאַרטראָגן זײַן אָפּמעסטן מיך מיט זײַנע תּאווהדיקע בליקן.

לאַנדינסקי פֿאַרשנורעוועט זײַנע דינע ליפּן און שווײַגט. פּלוצעם כאַפּט ער זיך אָן בײַ דער ברוסט, טוט אַ לײַכטן הוסט און בעט מיך אים געבן אַ גלאָז און שטיין אָפּגערוקט פֿון זײַן בעט.

איך קוק אים אָן פֿאַרוווּנדערט. כ׳דערלאַנג אים דאָס גלאָז און... גאָט מײַנער! בלוט! ס׳באַגיסט מיך אַ קאַלטער שווייס, כ׳שווידער אין גאַנצן. מײַן האַרץ קלאַפּט ניט, נאָר עס ציטערט. כ׳לאָז זיך אַראָפּ אויף די קני לעבן זײַן בעט.

— וואָס איז, מײַן טײַערער? — נעם איך גלעטן זײַן שטערן. עס שווינדלט מיר פֿאַר די אויגן: רויט און ווײַס, ווײַס און רויט...

— אַ „פּאָוויעסטקע" (אַן אַרויסרוף) אויף יענער וועלט — מורמלט שטיל לאַנדינסקי, אָנווײַזנדיק אויף דער רויטער פֿליסיקייט — ער איז געקומען... ווערעבס, מינקאָווסקי. וואָס דרייסטו זיך דעם קאָפּ מיט מיר?

— שווײַג, איך בעט דיך — לייג איך אַרויף מײַנע נאָך אַלץ ציטערנ־דיקע פֿינגערס אויף זײַנע ליפּן — איך גיי רופֿן אַ דאָקטער.

ד״ר מילייקאָווסקי, דער איבערגעגעבענער דאָקטער פֿון אונדזער קינדערהיים, שטעלט פֿעסט זײַן דיאַגנאָז: אַ וווּנד אויף די לונגען.

— אַ וווּנד אויף די לונגען? פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס בײַ אים? — שטאַמל איך אַ צעטומלטע.

— דאָס האָט לאַנדינסקי, דער רעוואָלוציאָנער, באַקומען ווי שׂכר פֿאַר זײַנע הונגערסטרײַקן אין די תּפֿיסות און, מסתּמא, לעבט ער אויך איצט

ניט אין לוקסוס. אָבער, ס׳דראַט ניט קיין געפאַר, אויב ער וועט זײַן דעם גאַנצן זומער אויף דער פרישער לופט, אויף אַ זומער־ווױנונג; רו און גוטע נאַרונג וועלן פאַרהיילן די וווּנד.

אַן אומבאַהאָלפענע, מיט אַ צעווייטיקט געמיט, בלײַב איך זיצן לעבן לאַנדינסקיס בעט. „פרישע לופט, אַ גאַנצן זומער פרישע לופט״... קלינגען אָן אויפהער אין מײַנע אויערן דעם גוטמוטיקן דאָקטערס ווערטער. ווו נעמט מען מיטלען צו ראַטעווען לאַנדינסקין? און ראַטעווען מוז איך אים. מאָדנע: דאָס זען אים קראַנק מאַכט מיך נאָך פילן זיך נענטער צו אים. ער נייטיקט זיך דאָך איצט אַזוי אין מײַן הילף און איך קען דאָך ניט זײַן דערווײַטערט פון אים.

און אין דער היים? עגבערט אין מײַן מוח. דער טאַטע גייט שוין פאַרהערן דעם חתן־בחור, צי ער קען גענוג תורה פאַר אים, מײַן טאַטן, ר׳ לייבעלע מתמיד, און גרייט איז ער שוין מיך צו פאַרקנסן.

זאָל איך איצט מער ניט פאַרהוילן מײַן סוד? ניין, איך מוז פאַרציִען, פאַרציִען ביז לאַנדינסקי וועט זיך פילן בעסער. איצט מוז איך אויסמײַדן יעדן קלענסטן קאָנפליקט מיט טאַטע־מאַמע, מאַכן דעם אָנשטעל, אַז כ׳בין אויף אַלעם מסכּים.

דערווײַל מוז איך לאַנדינסקין תּיכּף אַרויסשיקן אויף אַ זומער־ווױנונג, אָבער ווו נעמט מען מיטלען? דערצו דאַרף מען דאָך אַ שלל מיט געלט. ווי אַ בליץ פון לויטערן הימל טוט פלוצעם אַ שטראַל־אויף פאַר מיר די ליכטיקע געשטאַלט פון אונדזער ליבן יעקבֿ דינעזאָן.

איך וואַרט ניט קיין מינוט און לויף צו דינעזאָנען, וואָס וווינט אויף דזיעלנע גאַס אין אַ קליינער, באַשיידענער דירה. קיין טעלעפאָן האָט ער ניט, פאַל איך אַרײַן צו אים אומדערוואַרט. דינעזאָן גרייט זיך אַוועק־צוגיין. עס זיצט בײַ אים די אַלמנה פּרץ.

— הער דינעזאָן, איר וועט מיר מוחל זײַן... איך בין געצוווּנגען אײַך איצט צו שטערן — ציטערט מײַן קול.

דער סענסיטיווער דינעזאָן, דערפילט אַפּנים אינסטינקטיוו, אַז איך האָב פאַר אים אַ שלעכטע בשׂורה, ווענדט ער זיך צו מיר פאַרזאָרגט:

— וואָס ברענגט אײַך צו מיר, פריילין טויבנבלאַט, וואָס זײַט איר אַזוי צעטראָגן?

— לאַנדינסקי איז געפערלעך קראַנק — זאָג איך האַלטנדיק צוריק

די טרערן, וואָס שטיקן מיך. כ'גיב איבער דינעזאָנען דעם דאָקטערס ווערטער און פֿאַרטרוי אים מײַן פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע, דעם נאַקעטן אמת.

— יאָ, ס'איז טאַקע אַ ביטער רחמנות, מען דאַרף אים העלפֿן, מען מוז אים העלפֿן — זאָגט דינעזאָן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן — איך וועל זען עפּעס צו טאָן צווישן די שרײַבערס און איר, פֿריילין טויבנבלאַט, זעט זיך מיט בירנבוימען. איר קענט אים דאָך, ער איז אַ לערער, גלײַך ווי לאַנדינסקי, אויף די פּראָלעטאַרישע קורסן, ער האָט אַ זײַדענע נשמה. לאַנדינסקין גיט איבער מײַנע בעסטע ווונטשן, זאָגט אים, אַז ער מוז וואָס גיכער געזונט ווערן, מיר דאַרפֿן אים, די קינדער דאַרפֿן אים. זײַנע קינדערלידער זײַנען דאָך עכט־אָנגעמאָסטן פֿאַרן יידישן קינדס וועלטל און צו זײַן נשמהלע — רעדט שוין דינעזאָן מער צו פֿרוי פּרץ ווי צו מיר — ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס זיי זײַנען מיט פֿרייד און האַרציקייט אָנגענומען געוואָרן און איך בין זיכער, אַז מען וועט זיי זינגען אין אַלע יידישע שולן. זאָגט זשע אים טאַקע, לאַנדינסקין — דערלאַנגט מיר דינע־זאָן זײַן קליינע, כּמעט קינדערשע האַנט — איך שרײַב איצט אַ גרויס פֿאָרוואָרט צו זײַן בוך „קינדערלידער״. למען־השם, פֿאַרגעסט אים ניט דאָס צו זאָגן, אפֿשר וועט דאָס אים מאַכן זיך פֿילן בעסער — פֿאַרענדיקט דינעזאָן מיט אַ טיפֿן קרעכץ.

אַ דאַנק דינעזאָנס פֿינאַנציעלער הילף און דעם ספּאָנטאַנעם אָנבאָט פֿון די לערערס, מ. בירנבוים און בערנאַרד נאָוואָגרודסקי, צו פֿאַרטרעטן לאַנדינסקין אויף זײַנע לימודים — דעם געהאַלט זאָל באַקומען לאַנדינסקי — האָט מען רעאַליזירט דאָקטער מילייקאָווסקיס עצה.

ד״ר ב. ציפּור, לאַנדינסקיס קאָלעגע און איבערגעגעבענער פֿרײַנד, וואָס האָט פֿאַרברענגט דעם זומער אין שפּעטאַל, לעבן וואָלאָצלאַוועק, האָט גלײַך דאָרט באַזאָרגט לאַנדינסקין מיט אַ צימער פֿאַרן גאַנצן זומער. די ריינע, באַרגיקע לופֿט און די גוטע שפּײַז האָבן פֿאַרבעסערט לאַנדינסקיס געזונט־צושטאַנד.

לאַנדינסקי פֿאַרפֿלייצט מיך מיט בריוו. יעדער בריוו איז דורכגע־פֿלאָכטן מיט זײַנע לידער. איך חזר אײַן די לידער, זיי פֿילן מיך אָן מיט פֿרייד און בענקשאַפֿט:

„איך בין פֿאַר זיך אַ רעטעניש
און קען זיך ניט דערגיין:
פֿון וואַנען קומט די פֿינצטערניש
ווי נאָר איך בלײַב אַליין?״

אין יעדן בריוו הערט לאַנדינסקי ניט אויף צו בעטן מיך צו קומען אים באַזוכן אין שפּעטאַל.

ער דאַרף מיך ניט בעטן. איך וויל דאָס אַליין. איך גיי אויס אים צו זען און צו זײַן לעבן אים. אָבער ווי מאַכט מען דאָס?

איך פּרווו קודם־כל מזל בײַ מײַן מאַמען. ווען זי האָט עס איבערגעגעבן מײַן טאַטן, האָט זי געכאַפּט דעם אמתן פּסק:

— משוגע מײַנע שונאים, ווי איז עס דיר גאָר אײַנגעפאַלן, חנהלע, מיך וועגן דעם צי פרעגן? פאַרשטייסט דען נישט, אַז מ׳קען נישט שיקן אַ כלה־מיידל אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט? שפּעטאַל־שמעטאַל? זאָג דײַן טאַכטער, זי האָט פליטערלעך אין קאָפּ.

— אָבער — לאָזט די מאַמע, אַ פאַרשעמטע, אַראָפּ אירע בלויע אויגן — זי זאָגט דאָך, חיהלע, אַז זי וועט מיין אין אַטוואַצקער פּאַנסיאָנאַט נישט פאָרן, אויב נישט אין שפּעטאַל, בלײַבט זי אין די היצן אין וואַרשע און יאָך האָב מורא, אַז זי וועט, חס ושלום...

— אָ וואָ! ס׳איז טאַקע קריעת ים־סוף! — חוזקט דער טאַטע, אַרײַנ־נעמענדיק אַ האַלבע באָרד אין זײַן לינקער האַנט — יאָך קען דיך פאַרזי־כערן, אַז אויב זי וועט איין זימער נישט פאָרן אויף דער פרישער ליפט, וועט פין דעם נאָך נישט ווערן קיין לאָך אין הימל.

ס׳שטורעמט אין מיר דאָס בלוט. ווי מיט האַמערס האַקן מײַנע שלייפן. ס׳פאַרשווינדט מײַן טיפער דרך ארץ פאַרן טאַטן, ס׳צערינט מײַן ליבע צו אים. כ׳דערזע אין אים איצט אַ טיראַן און ס׳ווילט זיך מיר אויסרופן: איך האָס דיך, טאַטע, דו ביסט אַן אַכזר! דו ווילסט מיך באַרויבן, צע־שטערן מײַן גליק! שרײַט אָבער אין מיר אַ שטים:

— שווײַג, דו וועסט זיך אַליין פאַרראַטן: די צײַט איז נאָך ניט גע־קומען, לאַנדינסקי איז נאָך קראַנק!

פאַרקריץ איך בלויז די ציין. שטומערהייט לויף איך אַרויס און, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט הינטל, דריי איך זיך אַרום אַ פאַרצווייפלטע אויף דער גאַס.

אויף דער זומער־ווינונג שפּעטאָל

מײַן מאַמעס דורכפֿאַל בײַם טאַטן וועגן לאָזן מיך פֿאָרן קיין שפּעטאָל האָט ניט געווירקט אויף מיר, אַז כ׳זאָל אויפֿגעבן דעם געדאַנק פֿון פֿאַרברענגען דעם זומער צוזאַמען מיט לאַנדינסקין. אַלץ וואָס כ׳האָב איצט געדאַרפֿט איז פֿאַרטראַכטן אַ פּלאַן, וואָס זאָל אויסנעמען בײַם טאַטן און ער זאָל ענדערן זײַן באַשלוס.

נאָך אַ לאַנגן יישוב־הדעת מיט זיך אַליין האָב איך אויפֿגעקלערט דעם טאַטן, אַז ער האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען דער מאַמעס פֿאָרשלאָג. איך האָב געלייקנט שטיין און ביין, פֿאַרזיכערט דעם טאַטן, אַז איך האָב לחלוטין ניט בדעה צו פֿאָרן אַליין אין שפּעטאָל, אַלץ וואָס כ׳בין אויסן איז: נעמען אַ דירה פֿאַר שאָשקען מיט אירע קינדער און איך זאָל צוזאַמען מיט זיי געניסן פֿון דער פֿרישער לופֿט אין שפּעטאָל.

— ניי, דאָס איז שוין אַן אַנדערע פּרשה, וואָס פֿאַר אַ שאלה אַזאַ ענטפֿער — זאָגט מײַן טאַטע — אויב שאָשקע וועט מסכּים זײַן צו פֿאָרן מיט דיר, איז אַדרבא ואַדרבא, מיטן שענסטן כּבֿוד. וועט עץ דינגען אַ גרעסערע דירה און כ׳על אײַך אויך, אם ירצה השם, מיטשיקן יאַנקעלען.

ס׳ווילט זיך מיר טאַנצן פֿון פֿרייד, אַרומכאַפּן דעם טאַטן און אים אויסקושן. מײַן טאַטע אָבער לאָזט זיך ניט אַ קוש טאָן פֿון זײַנע טעכטער, אַפֿילו ניט אין דער האַנט. מײַן פּנים פֿאַרראַט מיך מסתּמא, ווײַל דער טאַטע זאָגט לאַכנדיק צו דער מאַמען: „זע נאָר, זע, סאַראַ גדולה ס׳איז אויף איר — זי האָט אויסגעפֿירט ס׳איריקע”.

ווען מײַן שוועסטער שאָשקע האָט דערהערט די נײַעס, האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט און אויסגערופֿן:

— אַ געזונט אויף דיר! די גליקן פֿון דער נאַדווישלאַנער ליניע זײַנען מיר שוין אויך אַ ביין אין האַלדז. איך חלום דאָך צו זען אַ מאָל עפּעס אַן אַנדער שטאָט אַ חוץ וואַרשע. אײַ, האָסטו אַ קעפּעלע, קיין בייז אויג זאָל דיר נישט שאַטן. נישט בחינם זאָגן אַלע, אַז דו גראָטסט אַרײַן אין טאַטעשי.

שאָשקע, מײַן עלטסטע שוועסטער, דעם טאַטנס בעסטע טאָכטער, איז

געווען די ערשטע פֿון אירע פֿינף שוועסטערס, וואָס האָט נישט געוואָגט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם טאַטנס ווילן. ווי אַן אומשולדיק שעפּסעלע צו דער שחיטה, האָט זי זיך געלאָזט פֿירן צו דער חופּה, זי איז אַלט געווען 17 יאָר. דעם זיווג אירן, דאָס לערנייִנגל מלך, האָט זי צום ערשטן מאָל געזען, בעת ער האָט איר געזאָגט „הרי אַת". זי האָט אויך ניט פּראָטעסטירט, ווען מען האָט אָפּגעראַזירט איר שיינעם קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר און פֿאַרמיאוסט איר ליכטיק פּנים מיט אַ שייטל אויפֿן קאָפּ. דערפֿאַר טאַקע האָט זי דער טאַטע שטאַרק ליב, געהאַלטן זי מיט זײַן פֿרומען איידעם עטלעכע יאָר בײַ זיך אויף קעסט. פֿונעם לערנייִנגל געמאַכט אַ נישקשה־דיקן סוחר, געעפֿנט פֿאַר אים אַן אײַנקראָם און אים כּסדר געהאָלפֿן מיט ראָט און טאָט.

איך שרײַב באַלד אַ בריוול צו ד"ר ציפּור אין וולאָצלאַוועק און בעט אים דינגען פֿאַר אונדז אַ דירה אין שפּעטאָל, ניט ווײַט פֿון לאַנדינסקיס צימער. לאַנדינסקין דערצייל איך אין אַ בריוו, ווי קונציק כ'האָב באַאַרבעט מײַן טאַטן און אַז באַלד, באַלד וועלן מיר זיך זען אין שפּעטאָל.

דערויף ענטפֿערט מיר לאַנדינסקי מיט אַ ליד:

„(...) עס זאַמלען זיך וואָלקנס, די דונערן הילכן,
די פֿייגל פֿאַרשטומען,
די בליצן
צעשפּריצן
אַרום מיר בלוי־פֿײַריקע פֿונקען —
איך האַלט נאָך די בליקן אין ווײַטקייט פֿאַרזונקען,
פֿון פֿרילינג אַן וואַרט אויף דײַן קומען".

לאַנדינסקי ווייסט נישט דעם טאָג פֿון אונדזער אָנקומען. פֿון אונדזער דירה, אויפֿן נאָקן פֿון באַרג, דאַרף מען גיין באַרג אַראָפּ צו דער קליינער כאַטע, וואָס פֿאַרבלענדט דאָס אויג מיט איר ווײַסקייט צווישן די גרינע, ברייט צעצווײַגטעביימער, צו פֿוסנס פֿון באַרג, ווו עס וווינט לאַנדינסקי.

דער הימל איז בלוי, בלוי... דאָס גראָז איז גרין, גרין... די ווײַסע כאַטע באָדט זיך אין גאָלד, באַשטראַלט פֿון דער פֿאַרמיטאָגדיקער זון. בײַם אָפֿענעם פֿענצטער זיצט לאַנדינסקי, זײַן פּנים פֿאַרוואָלקנט, די בלויע אויגן קוקן מיט אומעט אין די גרינע ווײַטקייטן.

כ'שטעל זיך אַוועק בײַם פֿענצטער און זינג אַרײַן לאַנדינסקיס אַ קינדערליד:

„קוקוריקו הענדעלע!
— — — — — — — —

האָב ניט קיין פּאַראַיבל —
קום אַרויס פון שטיבל״...

ווען ער דערזעט מיך, שפּרינגט ער אַרויס אַן אויפגעלעבטער, לויפט צו און כאַפּט מיך אַרײַן אין זײַנע אָרעמס.

„אוי, בין איך גליקלעך דיך איצט צו האָבן בײַ מיר״.

„נאָר איצט?״ — פאַרשנורעוועו איך קאַפּריזנע מײַנע ליפּן.

„אַוודאי תמיד, נאַרוליע, אָבער איצט ספּעציעל. אָט לייען, וועט דיר אַלץ קלאָר ווערן — דערלאַנגט מיר לאַנדינסקי אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר אָנגעפּיקעוועט מיט שורות פון לאַנדינסקיס נערוועזיש-צעוואָרפענעם האַנט־שריפט:

„עס האָט זיך מיר געחלומט
אַ חלום פול מיט שרעק —
ביסט ברוגזדיק געקומען
און שווײַגנדיק אַוועק.
און ס׳האָט אַ שטומער צאָרן
אין יעדן בליק געגליט...
און נאָך דעם האָט אַ סאָווע
געזונגען מיר אַ ליד:
די סאָווע האָט געפּײַניקט
מיט שלעכטן פאַרלאַנג...
דאָ שוועבן נאָך די שאָטנס
און מאַכן מיך ׳זוי באַנג.
זי האָט מיט גרינע אויגן
אין האַרצן מיר געברענט...
— — — — — — — —
גורט אָן אַ שערץ אַ ברייטן
און גיי אין פעלד אַרײַן.
נעם אָן פאַר ביידע עקן
און שעפּ אָן מאָרגנשײַן.
וועב אײַן אַ מאָרגנבלויקייט
אין יעדן פאַלב פון קלייד,
אַ שטיל געררויש פון זאַנגען
און זיסע, ליבע רייד —
און ברענג צו מיר, געליבטע,
די העלקייטן, די שײַן —
די נאַכט האָט מיך געפּײַניקט,
פאַרטרײַב די שרעק, די פּײַן״.

אַזאַ שיין ליד האָב איך צו פֿאַרדאַנקען דײַן בייזן חלום? פֿאַר דעם האָסטו הייליק פֿאַרדינט אַ שטאַרקן קוש.

עס שמייכלט צו אונדז דער בלויער הימל, עס שמייכלט דאָס גרינע זון־באַגילדעטע גראָז. די באַלויכטענע שפּיצןביימער זעען אויס ווי אָנגע־צונדענע בענטשליכט.

„גאָטס שמייכל רוט אויף דער נאַטור און אויף דיר" — פֿרייט זיך מיט מיר לאַנדינסקי. מיר לאַכן און שטיפֿן, ס'איז אונדז ווויל ווי די וועלט.

פֿון דער ווײַטנס דערזעען מיר אונדזער פֿרײַנד ד"ר ציפּור. דער איידעם פֿון חשובֿן וולאָצלאַוועקער רבֿ ר' יהודה לייב קאָוואַלסקי איז בקי אין פֿי־לאָסאָפֿיע, אין פֿרעמדשפּראַכיקע ליטעראַטורן. ד"ר ציפּור איז אַ פֿאָרשער מיט גרויסער ערודיציע. על־פּי טבֿע אַ געלאַסענער, שטראַלט ער איצט פֿון גליק, זעענדיק לאַנדינסקין אַ לאַכנדיקן, אַ געזונטן. ער גיט איבער לאַנדינסקין דאָס אויסגעבאָרגטע בוך „די הייליקע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט" פֿון משה העס. עס אַנטוויקלט זיך צווישן זיי ביידע אַ לע־בעדיקער וויכּוח.

לאַנדינסקי רעדט מיט ברען: „משה העס פֿירט זײַן קאָמוניזם אַרויס פֿון דער מיסטישער ייִדיש־רעליגיעזער דינאַמישקייט. זײַן סאָציאַליזם איז אַן אידעאַליסטישער, להיפּוך צום מאַטעריאַליסטישן סאָציאַליזם פֿון מאַרקסן. צו די גויִשע מוחות און הערצער רעדט אָבער מער דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם, ווי דער העסישער פֿלאַמיק־רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם".

ד"ר ציפּור הערט זיך גוט אײַן, רונצלט זײַן שטערן, רײַסט איבער לאַנדינסקין, ער איז נישט מסכּים.

— אויב די אָבֿות פֿון ערשטן רוסישן קאָמוניזם האָבן געהאַט אַ וויר־קונג אויפֿן גאַנג פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע אין איר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, האָבן זיי פֿאַר זייער השפּעה צו פֿאַרדאַנקען משה העסן און ניט מאַרקסן — פֿאַרטיידיקט ווײַטער לאַנדינסקי זײַן שטאַנדפּונקט.

— אָ, אַזוי גאָר? האַלט איר נישט, הייסט דאָס, פֿון מאַרקסעס מאַטע־ריאַליזם? זײַט איר דאָך אַ כּופֿר בעיקר — היצט זיך ד"ר ציפּור — אויב אַזוי ווי קומט איר צום „בונד"? דאָס איז דאָך ניט די שיטה פֿון „בונד"?

(אין 1916 האָט זיך לאַנדינסקי אָנגעשלאָסן אין „בונד", אָבער אין 1919, בעת די הייסע קאַמפֿן צווישן סאָציאַליזם און באָלשעוויזם, איז ער אַוועק פֿון „בונד", ניט וועלנדיק אַנטייל נעמען אין די ברודערקאַמפֿן).

„ווו איז דען געשריבן, אַז אַלע יוונים מוזן האָבן איין פּנים?" —

ענטפּערט לאַנדינסקי און נעמט מיט האַרץ פאַרטיידיקן די פּריוואַטהייט פונעם יחיד.

אין דער גרינער שטילקייט אַרום אונדז הער איך דעם פאַרשנעלערטן טיק־טאַק פון לאַנדינסקיס האַרץ. עס דערמאַנט זיך מיר ד״ר מיליקאָווסקיס אָנזאָג: „בפרט ניט ריידן, זיך ניט אויפרעגן״. לייג איך אַרויף אַ פינגער אויף לאַנדינסקיס ליפּן:

— גענוג, מיַין טיַערער, לאָמיך פריַער אויסשטודירן מאַרקסעס „קאַפּיטאַל״, וועל איך נאָך דעם פסקנען, צי דיַינע מיינונגען זיַינען ריכטיק.

ד״ר ציפּור פאַרשטייט מיַין כוונה, טוט אַ ווונק צו מיר פון הינטער זיַינע ברילן און נעמט דערציילן חכמות פון זיַין בן־יחידל משהלע.

עס גייט אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך. עס קומען אָפּט באַזוכן לאַנדינסקין חברים פון וולאָצלאַוועקער „בונד״, אויך פון וואַרשע. אַ טייל האַלטן דאָ רעפעראַטן. מיר פאַרברענגען גוט, ס׳איז חי־געלעבט, ביז עס קומט אַ קאַטאַסטראָפאַלער צופאַל, וואָס צעשטערט דאָס גליק.

געטראָפן האָט עס בעת אַ פשוטן, אומשולדיקן שפּאַציר. לאַנדינסקי האָט זיך שוין געפילט אין גאַנצן געזונט. ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אָפּצושטאָטן מיט מיר אַ וויזיט דער משפחה קאָוואַלסקי אין וולאָצלאַוועק. שפּעטאַל איז אָפּגעטיילט פון וולאָצלאַוועק בלויז מיט אַן איַזערנעם בריק. האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם זונפאַרגאַנג און זיך געלאָזט גיין קיין וולאָצלאַוועק.

מיר גייען פּאַמעלעך אויפן בריק. לאַנדינסקיס האַנט אַרום מיַין טאַליע, מיַין האַנט הינטער זיַין אָרעם. פּלוצלינג וואַקסט פאַר אונדז אויס דער סילועט פון מיַין ברודער יאַנקל. ער קערט זיך איצט אום פון מנחה־מעריב דאַווענען אין דער וולאָצלאַוועקער שיל. איך באַפריַי גיך מיַין האַנט, רוק זיך אָפּ פון לאַנדינסקין, אָבער שוין צו שפּעט.

מיַין ברודער בליַיבט שטיין נשתומם. וואָגט נישט צוצוגיין צו מיר, שפּיזט מיך דורך מיט זיַינע ברוינע אויגן. מיר דוכט, אַז זיַינע בלאָנדע פאות באַוועגן זיך, ציטערן פון אויפרעגונג און איבעראַשונג.

מיַין ברודער, יינגער פון מיר מיט פיר יאָר, איז דעם טאַטנס בן־יחיד. געקומען איז ער דער זיבעטער נאָך די זעקס טעכטער. יאַנקעלע איז נאָך דערצו אַ גוטער, איבערגעגעבענער זון. האָט ער תיכף געלאָזט וויסן דעם טאַטן וועגן דעם „בזיון״, וואָס זיַינע אויגן האָבן געזען.

ס׳האָט נישט געהאָלפן מיַין לייקענען: יאַנקל האָט אַ טעות, ס׳האָט זיך אים מסתמא בלויז אויסגעדוכט, אָדער ער מאַכט סתם אַ בילבול אויף

מיר, כ׳בין גאָט די נשמה שולדיק. שרײַ חי־וקים, מײַן ברודער איז מער באַגלייבט אין דער היים, און מיר האָבן געמוזט תיכּף ומיד אויספֿירן דעם טאַטנס באַפֿעל, אײַנפּאַקן די זאַכן און פֿאָרן אַהיים.

אין דער היים איז חושך. דער טאַטע גייט אַרום אַ פֿאַרכמורעטער, לאָזט מיך ניט אויף זײַנע אויגן, מײַדט מיך אויס ווי אַ פּעסט, רעדט ניט צו מיר. די מאַמע דערגייט מיר די יאָרן מיט אירע פֿאָרווורפֿן:

— האָסט גאָר נישט קיין בושה פֿאַר מענטשן? שלעפּסט זיך אַרום מיט אַ יונג, די וועסט דאָך פֿאַרקירצן די יאָרן דעם טאַטן מיט דײַן אײַסגע־לאַסנקייט!

דער מאַמעס רייד רירן קוים אָן מײַן אויער. אָבער דעם טאַטנס פֿאַר־עקשנט שווײַגן — שנײַדט ווי מיט מעסערס. ס׳טוט מיר וויי. אויף אים האָב איך רחמנות. כ׳קען זיך אָבער ניט העלפֿן, כ׳האָב ניט קיין שליטה אויף אים און אונטערגעבן זיך וויל איך אויך ניט, ס׳איז מײַן לעבן, ניט זייערס. די איינציקע טרייסט אין דער פֿײַנלעכער שטימונג זײַנען פֿאַר מיר לאַנ־דינסקיס בריוו פֿון שפּעטאַל, דורכגעפֿלאָכטן מיט זײַנע ליבעלידער צו מיר:

„(...) דײַן נאָמען פֿאַרטרוי איך די גריניקע גרעזלעך אין פֿעלד,
דער גאָלדענער זאַנג —
צעטראָגן די ווינטלעך אין אַלע פֿיר עקן פֿון וועלט
דעם הייליקן קלאַנג״...

אַריבער עטלעכע וואָכן. עס פֿאַלן שוין געלע בלעטער פֿון די ביימער. האָרבסטיקע ווינטן פֿײַפֿן. מען קען לאַנדינסקין מער ניט לאָזן אין שפּעטאַל. מע מוז אים צוגרייטן אַ צימער פֿאַרן ווינטער אין וואַרשע. ווו נעמט מען געלט פֿאַר דעם? די עטלעכע רובל אַ חודש, וואָס איך פֿאַרדין פֿון מײַנע פּריוואַטע לעקציעס, וועלן אַפֿילו ניט קלעקן אויף דירה־געלט פֿאַר אים, און דאָס איז דאָך נאָך ניט אַלץ וואָס ער באַדאַרף ביז ער וועט זײַן בכּוח אַליין עפּעס צו טאָן און פֿאַרדינען פֿאַר זיך.

כ׳בין פֿאַרצווייפֿלט. אָן עת־צרה, כ׳פֿיל זיך ווי אויפֿן ברעג פֿון אָפּ־גרונט. ס׳ווערט מיר ענג אין מוח פֿון אַלערליי שרעקלעכע און אויפֿטרייסלענ־דיקע טראַכטענישן. סוף־כּל־סוף, נאָך אַלע פּײַניקונגען און ראַנגלענישן מיט זיך אַליין, באַשליס איך: „ווער עס מוז דער קען״. ס׳איז קיינער ניטאָ אין דער היים, אַ גינסטיקער מאָמענט. כ׳בין אַרײַן אין דעם צימער, ווו דער טאַטע האַלט די טײַערערע סחורה, די לעדערנע פֿאַסן. ער וועט ניט בדלות ווערן, אויב ער וועט האָבן מיט אַ פֿאַס ווייניקער. כ״הייב אויף די האַנט צו נעמען אַ רעדל, דערהער איך אַ באַסאָווע שטים כיכיקעט מיר

ציניש אין אויער אַרײַן: „אַז מען כאַפּט, בריט מען זיך אָפּ, אָנשטאָט קעסט בײַם טאַטן, וועסטו זײַן אויף קעסט אין תּפֿיסה".

ס׳באַפֿאַלט מיך אַ שרעק, ס׳האַרץ זבענקעט, ס׳ציטערן די הענט, די קני, ס׳פֿאַרהאַקט זיך דער אָטעם.

— וואַקל זיך ניט — מוטיקט מיך אַ צווייטע, ווייכע שטים — ראַטע־ווע דײַן באַשערטן, ס׳איז דײַן הייליקער חוב דאָס צו טאָן פֿאַר אים, וואַרט ניט אַ רגע לענגער, טו עס גלײַך, אויף דער הייסער מינוט.

כ׳טו אַ כאַפּ אַ פּאַס, ווי אַן אויסגעהונגערטער הונט אַ ביין, באַהאַלט אים הינטער מײַן מאַנטל און לויף אַוועק אויף פּרוזשנע גאַס צו אַ סוחר.

אַ שטיין האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿון האַרצן. פֿאַר לאַנדינסקין בלײַבט אַ סוד — און עס בלײַבט פֿאַר אים אַן אייביקער סוד — פֿון וואַנען איך האָב איצט אַזוי פֿיל געלט. ער טאָר ניט וויסן וועגן דעם. צו שטאָלץ און צו ערלעך איז ער, אַז ער זאָל אַנערקענען מײַנע דרכים.

מײַן הויפּט־דאַגה איז איצט צו געפֿינען אַ צימער פֿאַר לאַנדינסקין. אין דעם קומט מיר צופֿעליק צו הילף װלאַדימיר מעדעם, דער פֿירער פֿון „בונד". אין אַ שליחות פֿון לאַנדינסקין האָב איך געבראַכט אין די „לעבנס־פֿראַגן" זײַן פּאָעמע „איך און מײַן חבֿר". מעדעם, וואָס איז דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דעם וואָכנבלאַט, האָט מיך זייער וואַרעם אויפֿגענומען. אויף גיך האָט ער אַ בליק געטאָן אויף לאַנדינסקיס מאַנוסקריפּט און דער־בײַ מיר דערציילט, אַז לאַנדינסקיס פּאָעמע „בערנאַרד" אין די „לעבנס־פֿראַגן" האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סך צרות. מע האָט אים צוויי מאָל אַרויס־גערופֿן צום צענזאָר אין שײַכות מיט דער פּאָעמע, געוואָלט קאָנפֿיסקירן דעם נומער. ער האָט מיך אויסגעפֿרעגט וועגן לאַנדינסקיס געזונט. איך האָב אים דערציילט וועגן מײַן באַזאָרגטקייט צו קריגן אַ פּאַסיק צימער פֿאַרן דיכטער. מעדעם האָט מיך דעמאָלט חבֿריש אָנגענומען בײַ דער האַנט, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף זײַן אָוואַל, בלאַס פּנים, האָט ער מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער אַדמיניסטראַציע און געבעטן קאַשטעלאַנסקין ער זאָל מיר העלפֿן געפֿינען אַ צימער פֿאַר לאַנדינסקין.

װלאַדימיר מעדעם פֿלעגט אָפֿט זײַן די טעמע פֿון לאַנדינסקיס שמועסן מיט מיר. מיר איז מעדעם פֿאַרגעקומען ווי אַן אַדלמאַן, כ׳פֿלעג אים רופֿן „דער פּרינץ".

אין 1915, דערצייל איך לאַנדינסקין, בין איך געווען איינע פֿון די הונדערטער ייִדן, וואָס האָבן אָנגעפֿילט דעם גרויסן זאַל פֿון קאַמינסקיס טעאַטער. מיר זײַנען געקומען הערן מעדעמען דערציילן וועגן זײַנע אי־בערלעבונגען אין די רוסישע תּפֿיסות.

מיט זײַן זאַפּטיקן, באַחנטן ייִדיש האָט ער מיטגעריסן אַלע זײַנע צו־הערערס. דערציילט האָט ער וועגן זײַן וואַלגערן זיך אין די רוסישע תּפֿיסות, אין מינסק, מאָסקווע — אין דער טאַגאַנקער תּפֿיסה, אין קאָוונע, ווו ער איז אַ קראַנקער אָפּגעלעגן פֿינף חדשים אין טורמע־שפּיטאָל; אין וואַרשע — אין דעם באַרימטן „צענטן פּאַוויליאָן" און אין מאָקאָטאָווער תּפֿיסה, און פֿון דאָרט, נאָך דרײַ מעת־לעת שלעפּן זיך אין אַ געשטיקטן וואַגאָן מיט קליינע פֿענצטערלעך הינטער קראַטעס, „צונױפֿגעקוועטשט, ווי הערינג אין אַ פֿאַס" — אין אָרעאָל.

מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר געהערט מעדעמס בילדעריש שילדערן וועגן זײַנע פֿאַרשיקונגען מיט די עטאַפּן און וועגן די שווידערלע־כע באַדינגונגען אין אַלערליי עטאַפּ־תּפֿיסות. די אַרעסטאַנטן, וואָס מע פֿלעגט טרײַבן מיטן עטאַפּ, מיט וועלכע מעדעם האָט געמוזט פֿאַרבלײַבן אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער עטאַפּ־טורמע, זײַנען געווען ס'רובֿ ניט קיין פּאָליטישע, אָפּילו ניט קיין קרימינעלע פֿאַרברעכערס, נאָר שנאָרערס, שלעפּערס, וואָס זײַנען צופֿעליק פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי אויף דער גאַס. מיט אָט די פֿאַרלײַזטע שלעפּערס האָט מעדעם געדאַרפֿט שלאָפֿן זײַט בײַ זײַט אויף אַ שטיינערנער, שמוציקער פּאָדלאָגע, עסן פֿון איין שיסל דאָס ביסל געקעכטס, אויף וועלכן מען פֿלעגט זיך אַרויפֿוואַרפֿן ווי די היישעריקן.

— יאָ, — שלאָגט מיר איבער לאַנדינסקי מײַנע רייד — דאָס לעבן אין דעם „גן־עדן", אין די רוסישע תּפֿיסות, איז אונדז אַלעמען גוט באַ־קאַנט, ווער פֿון אונדז האָט דעם טעם ניט פֿאַרזוכט? אָבער מיט וואָס מעדעם האָט מיך לעצטנס איבערראַשט, איז באמת שווער צו פֿאַרגעסן: איך האָב געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט מעדעמען וועגן אַן ענין אין שײַכות מיטן „בונד". מעדעם האָט מיר פֿאַרגעלייגט צו קומען צו אים אַהיים. שטעל זיך פֿאָר, בעת איך האָב אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר, האָט מיר מעדעם געעפֿנט די טיר מיט אַ באַרשט אין האַנט. ער האָט געהאַלטן אין מיטן וואַשן די פּאָדלאָגע פֿון זײַן צימער. דאָס טוט ער, האָט ער מיר גע־זאָגט, בעת זײַן גינע, זײַן פֿרוי, איז פֿאַרנומען אין שטאָט מיט געבן פּיאַנע־לעקציעס.

איך בין שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטער, אָן לשון. יאָ, דאָס האָט מעדעם אויך געטאָן מיט אַ שמייכל אויף זײַן ליבלעך פּנים — האָט לאַנדינסקי פֿאַרענדיקט מיט אַן אונטערגעדריקטער שטים.

כ׳אַנטלויף פֿון דער היים

צוריק אין וואַרשע נעמט זיך לאַנדינסקי מיט אַ באַנײַטער ענערגיע צו זײַן אַרבעט, ווי אַ שרײַבער און לערער. איך באַזוך אים טאָג־טעגלעך. ניט געקוקט אויף דער שטרענגער וואַך אַרום מיר אין דער היים, לקחען איך וואָס עס לאָזט זיך פֿון קרעדענץ אין עסצימער און טראָג אַוועק פּעקלעך עסנוואַרג צו לאַנדינסקין. מאַכט זיך איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג, מײַן ברודער איז אין דער היים, כ׳בין שוין גרייט אַרויסצוגיין מיט מײַן צוגעגרייטן האַנט־בײַטל, ווו כ׳פֿאַרשטעק געווייַנטלעך די געלקחנטע שפּײַז. פּלוצלונג קלינגט מען בײַ דער טיר. אין אײַלעניש פֿאַרבאַהאַלט איך מײַן האַנטבײַטל אינעם בעט פֿון טאַטע־מאַמעס שלאָפֿצימער.

מײַן ברודער פֿאַרכאַפּט מיר דעם וועג, לויפֿט עפֿענען די טיר און זעט מיך פֿאַרבאַהאַלטן דאָס פּעקל אין בעט. געקומען איז דער טאַטע.

אַ ציטערניש גייט מיר דורך אַלע מײַנע גלידער. ס׳קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. מיאוס אַרײַנגעפֿאַלן, טראַכט איך, און אָן אומבאַהאָלפֿענע וואַרט איך אויפֿן פּסק־דין, אויף מײַן שוואַרצן סוף, נאָכן אויסהערן מײַן ברודערס מסירה.

— שאַ, שאַ... שטופּט מײַן טאַטע אַוועק מײַן ברודער פֿונעם שלאָפֿ־צימער — גיי, חיהלע, אַראָפּ אין געוועלב אַרײַן, די מאַמעשי דאַרף אַוועקגיין.

אַ צעטומלטע כאַפּ איך גיך אַרויס מײַן האַנטבײַטל מיטן באַהאַלטענעם „אוצר״ און לויף אָן אָטעם אַרײַן צו מײַן שילערין, וואָס העלפֿט אַרויס איר פֿאָטער אין זײַן געוועלב, וואָס לעבן אונדזער טויער, און זאָג צו איר: באַהאַלט מיר גוט דאָס פּעקל, סאַלטשיע, כ׳וועל עס שפּעטער אָפּנעמען.

מײַן שילערין שמייכלט, פֿאַרשטייט, אַפּנים, מײַן פֿאַרלעגנהייט: „זי קענען זײַן רויק, קיינער וועט דאָס פּעקל ניט טשעפּען״.

נאָך אַלץ אַ צערודערטע קום איך אַרײַן אין אונדזער אײַזנקראָם.

„וואָס ווילסטו?״ — פֿרעגט מײַן מאַמע. זי וווּנדערט זיך: ווען שמעקט דאָס איר טאָניע (טאָכטער) אַרײַן אין איר געוועלב?

כ׳גיב איר איבער, וואָס דער טאַטע האָט מיר באַפוילן, וווּנדערט זי זיך נאָך מער: „ניין, וואָס פֿאַלט אים איין? ניין, כ׳דאַרף אין ערגעץ נישט גיין״.

בלייב איך שטיין אַ געפּלעפּטע. ס׳טײַטש? די גאַנצע מעשׂה זעט מיר אויס מאָדנע. כ׳דערזע מײַן טאַטן אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלײַכטונג. אַ רעטעניש איז ער פֿאַר מיר, מײַן טאַטע. אָט איז ער אַ שטרענגער דעספּאָט, פֿאַרעקשנט, ווי שטאָל וועט ער זיך ניט בייגן פֿאַר קיינעם, וואָס איז קעגן זײַן ווילן, און אָט פֿירט ער זיך גאָר ווי אַן אידעאַליסטישער פּעדאַגאָג.

באַלד קומט אַן מײַן טאַטע. כ׳וואַרף אים צו אַ דיסקרעטן בליק. אַנ־שטאָט אַ בייזקייט זע איך אַן אומעט אין זײַנע אויגן. פֿון זײַן גאַנצער געשטאַלט שטראָמט איצט צו מיר אַ מאָדנע גוטסקייט. כ׳בין פֿאַרשעמט. כ׳האָב כּמעט חרטה אויף מײַנע מעשׂים, וואָס טוען אים אַזוי וויי.

„איז וואָס האָסטי דאָס טאַקע דאָרט באַהאַלטן אין דײַן טאַרבע?״ — ער זעט אַ ליידיקן האַנטבײַטל, פֿאַרבײַסט ער זײַן אונטערשטע ליפּ: „קענסט שוין גיין ווי די דאַרפֿסט״ — זאָגט ער מיט אַן אָנגעשטעלטער רויִקייט.

כ׳דערשטיק אין מיר דאָס רחמנות־געפֿיל צום טאַטן און גיי אַוועק צו לאַנדינסקין. אין זײַן געזעלשאַפֿט פֿאַרגעס איך די היים און די צײַט.

טרעפֿט, איך קום איין מאָל אַהיים בײַ נאַכט שפּעטער ווי געוויינטלעך. כ׳בין זיכער, אַז אַלע שלאָפֿן שוין, שלײַך איך זיך שטיל אַרײַן אין מײַן צימער. כאַפּט זיך אָבער באַלד אַרײַן צו מיר מײַן ברודער יאַנקל. אַ צע־יאָכמערטער שפּרינגט ער צו צו מיר מיט ברענענדיקע אויגן, ווי אַ ווילד הינטל אָפּגעריסן פֿון קייט:

„פֿון וואַנען קימט עס אַ מויד אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?״

איך טו אים אַ שטויס אָפּ פֿון מיר און וויל אים אַרויסשטופּן פֿון מײַן צימער. ער לאָזט זיך אָבער ניט, צעבריקעוועט זיך, מיט זײַנע שטאַרקע פֿויסטן שטופּט ער מיך צוריק, נעמט מיך שלאָגן, זידלען און חוזקן:

„ווי ווינט ער דאָס, דער פּושע ישׂראל, דײַן „לאַטעק״ מיט די אויס־געדרייטע שיך?״

כ׳זע, אַז כ׳וועל ניט בײַקומען זײַן ווילדקייט, לויף איך אַרויס פֿון מײַן צימער. אַרײַן אין עסצימער, וווּ עס זיצן זיך רויִק מײַן טאַטע־מאַמע, ווייסן כּלומרשט פֿון גאָרניט.

ווי אַ זיגערישער העלד לויפֿט מיר מײַן ברודער נאָך און פֿאַלט ווידער צו צו מיר מיט געביילטע פֿויסטן. איך נעם לויפֿן אַרום דעם טיש, ווי אַ

בייזער רוח לויפֿט ער מיר נאָך. כ׳וואַרף אַ בליק צו טאַטע־מאַמע. ביידע זיצן זיך גאַנץ בנעימות, דער טאַטע — די אויגן צוגעקלעפּט צו אַ בלאַט גמרא, די מאַמע וויקלט פֿון אַ קנויל די וולִיטשקע אַרום די פֿינגערס, טוט ניט קיין פּינטל מיטן אויג.

„שטילט איַין דעם תּכשיט אײַערן, די ווילדע חיה, אַז נישט, אַז נישט...״ — שרײַ איך היסטעריש.

„ני, לאָמאָך טאַקיש זען וואָס די קענסט״ — צעלאַכט זיך מײַן ברודער מיט חוזק. מיר יאָגן זיך אַרום דעם טיש און טאַטע־מאַמע מאַכן זיך ניט זען און שווײַגן פֿאַרעקשנט.

הייסט עס, לויפֿט מיר דורך ווי אַ בליץ אַ געדאַנק, דאָס פּירט יאַנקעלע אויס דעם טאַטעשיס באַפֿעל. כ׳טו נאָך אַ מאָל אַ בליק אויף טאַטע־מאַמע און מיט רוגזה לויף איך אַרויס פֿון שטוב. פֿאַרקנאַק הינטער מיר די פֿראָנטטיר און לויף אַראָפּ פֿון די שטיגן. איך קוק זיך ניט אום, אָבער זיכער בין איך, אַז די מאַמע לויפֿט מיר נאָך. ס׳קען דאָך ניט זײַן, אַז זי זאָל מיך לאָזן לויפֿן אויף דער גאַס אַזוי שפּעט בײַ נאַכט. איך בין שוין אין טויער, כ׳הער ניט דער מאַמעס קול. כ׳קוק זיך אום — מער ווי מײַן אייגענעם שאָטן זע איך ניט. פֿאַרטראַכט איך זיך אַ ווײַלע, וואָס זאָל איך איצט טאָן? גיין צוריק אַהיים? ניין, נאָר נישט צוריק! כ׳גיב דעם „סטרוזש״ אין טויער אַ מטבע אין האַנט אַרײַן, ער עפֿנט פֿאַר מיר דאָס טויער און לאָזט מיך אַרויס.

אין געראַנגל מיט זיך אַליין: יאָ גיין, נישט גיין, שפּאַן איך אַוועק צו מײַן שוועסטער שאָשקע, וואָס וווינט צום נענטסטן פֿון אונדזער היים.

מײַן שוועסטער איז געווען אַ דערשראָקענע, ווען זי האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר מיר:

„ווײ איז מיר, חיהלע, אַזוי שפּעט? וואָס איז געשען? איז ווער, חלילה, קראַנק אין דער היים?״

— באַרויִק זיך, — ענטפֿער איך איר קאַלט, קאָנטראָלירנדיק מײַנע צעשויבערטע נערוון — ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט, ס׳איז קיינער ניט קראַנק, אַלץ וואָס איך וויל, איז איבערנעכטיקן הײַנט בײַ דיר.

מײַן שוועסטער שטויסט זיך שוין אַליין אָן וואָס עס איז געשען און נעמט מיך מוסרן אויף דער מאַמעס שטייגער:

— דו באַרעכנסט גאָר נישט וואָס דו טוסט. קיין נאָר ביסטו נישט! פֿירסט זיך אָבער ווי אַ נאַריש קינד. דו ביסט מבֿייש דעם טאַטעשי און ברענגסט אויף אונדז חרפּה. גלייב מיר, דער טאַטעשי איז נאָר אויסן דײַן טובֿה, נישקשה, קענסט זיך אויף אים פֿאַרלאָזן, ער וועט, מיט גאָטס הילף, אויסגעפֿינען אַ פֿײַנעם חתן פֿאַר דיר.

איך פֿאַרשטאָפּ זיך די אויערן מיטביידע הענט און בעט מײַן שוועסטער מיך לאָזן צו רו, כ'בין ניט געקומען צו הערן אירע דרשות. מײַן שוועסטער הערט אָבער ניט אויף צו טענהן:

— ביסט נאָך יונג. חיהלע, דו פֿאַרשטייסט נישט דאָס לעבן. דו מיינסט, אַז מען מוז פֿירן אַ ליבע פֿאַר דער חתונה? עט, נאַרישקייטן, אײַנגערעדטע זאַכן. די גאַנצע ליבע־שמיבע איז נישט ווערט קיין דרײַער, אַז מען האָט חתונה, געוווינט מען זיך שוין צו און מע האָט ממילא ליב דעם מאַן.

— כ'פֿאַרשפּאַר מיט דיר צו ריידן, דו געהערסט נאָך צום אַלטן דור. דו וועסט מיך סײַ ווי ניט פֿאַרשטיין און איצט לאָז מיך שלאָפֿן.

מיט אַ טיפֿן קרעכץ, אַ רעזיגנירטע, גייט מײַן שוועסטער אַרײַן אין איר שלאָפֿצימער און לאָזט מיך איבער אַליין מיט מײַנע געדאַנקען.

צו מאָרגנס, גאַנץ פֿרי, ווען אַלע זײַנען נאָך פֿאַרטיפֿט אין שלאָף, טראָג איך זיך אָפּ שטילערהייט פֿון מײַן שוועסטערס דירה.

דאָס קילע ווינטל אויף דער גאַס גלעט מיך צאַרט איבערן פּנים און בלאָזט אַוועק מײַן צעטראָגן געמיט.

ווי אַ שטורעמווינט פֿאַל איך אַרײַן אין לאַנדינסקיס צימער. ער זיצט בײַם שרײַבטיש, פֿאַרטיפֿט אין זײַן אַרבעט, זעצט איבער קאָוטסקיס „די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט" פֿאַרן פֿאַרלאַג „לעבנס־פֿראַגן".

— אַזוי פֿרי, מײַן העלוש? — זײַן פּנים שטראַלט מיט פֿרייד, באַלד קוקן די אויגן אָבער אויף מיר מיט שרעק און איבערראַשונג — ווער האָט דאָס אַרויסגעטריבן מײַן שיין פֿייגעלע פֿון זײַן וואַרעמען נעסט אין דעם פֿרײַען פֿרימאָרגן? וואָס האָט פּאַסירט? עפּעס ביסטו מיר הײַנט אַזוי בלאַס, דו פֿיבערסט דאָך אין גאַנצן, ווי אין היץ — קוקט לאַנדינסקי מיר טיף אין די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסלייענען וואָס עס קומט פֿאַר אין מיר.

— וועגן וואָס פֿאַר אַ וואַרעם נעסט רעדסטו מיר? דו ווייסט דען נישט, אַז ס'איז מיר קאַלט אין מײַן היים, קאַלט — פֿאַרגליווערט צו ווערן, — און איך דערצייל אים וועגן מײַן צוזאַמענשטויס מיט מײַן ברודער און וועגן מײַן באַשלוס מער זיך ניט אומצוקערן אַהיים.

לאַנדינסקי פֿאַרטראַכט זיך, לאָזט אַראָפּ באַזאָרגט דעם קאָפּ. נאָך אַ קורץ שווײַגן רופֿט ער זיך אָפּ: — דו גיסט זיך ניט אָפּ קיין חשבון, וואָס דאָס מיינט זיך צו פֿאַרבינדן מיט אַן אָרעמען דיכטער. דו ביסט צו סענסיטיוו, צו צאַרט צו קענען בײַקומען די אַלערליי צרות, וואָס דאָס לעבן קען דיר אַנטקעגנטראָגן. נישטאָ קיין רויזן אָן דערנער. איך טראַכט, אַז איך טאָר דיך ניט אויסשטעלן פֿאַר אַזאַ שווערן און ביטערן נסיון. דאָס לעבן איז טאַקע פֿול מיט ליכט, אָבער אויך מיט שאָטן. ס'וואָלט זײַן עגאָיִסטיש פֿון מײַן זײַט, מײַן טײַערע...

— וואָס האָסטו מורא, כ׳וועל ניט קענען הונגערן, גלײַך ווי דו? פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, איך האָב גענוג פּראַקטישן שׂכל, כ׳בין דאָך ניט קיין דיכטערין. כ׳וועל צווינגען מײַן טאַטן מיר צו העלפֿן, גלײַך ווי ער האָט געהאָלפֿן מײַנע שוועסטערס. צוריק אַהיים וועל איך איצט ניט גיין. זיי וועלן דאָך פֿון מיר נאָך מער חוזק: אַ גרויסער שטורעם און אַ קליינער רעגן. און כ׳שיט אויס אויפֿן טיש מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, עטלעכע רובל, פֿון מײַן האַנטבײַטל.

— אויב דו וועסט וועלן מיט מיר עסן אין דער „אַרבעטער־קיך״, וועט זײַן גענוג געלט פֿאַר אַ וואָך צײַט — זאָגט לאַנדינסקי אַ ביסל אַ פֿאַרשעמטער.

— אַוודאי וועלן מיר ניט עסן בײַ פּיקאַדילי און אַוודאי וועל איך ניט גיין וווינען אין האָטעל אייראָפּייסקי.

ס׳איז יום־טובֿ אין דער וואָכן, כאָטש ווו געטאָגט איז ניט געגעכטיקט. שוין צוויי מעת־לעת בין איך אַוועק פֿון דער היים, ס׳שײַנט די זון אין מיר און אַרום מיר. כ׳פֿלאַטער אַרום — אַ פֿרײַער פֿויגל בין איך.

די נײַע גרויסע פּראָבלעם איז איצט: ווו זאָל איך נעכטיקן? איך גיי דורך אין געדאַנק אַ צעטל פֿון מײַנע חבֿרטעס: האַדעסל ראָזענשטרויך — זי איז מיר צום נענטסטן — אָבער איר היים איז נאָך ערגער ווי מײַנע. אירע פֿאַנאַטישע עלטערן וואָלטן גלײַך געלאָזט וויסן מײַנע, אַזוי אויך אַ רייַ אַנדערע. איך שטעל זיך אָפּ אויפֿן נאָמען: רענע באַלבירסקאַ — אַ לער־רערין אין ווינאַווערס מיטלשול. אירע עלטערן זענען פּראָגרעסיווע מענטשן, זיי וועלן פֿאַרשטיין מײַנע איבערלעבענישן אין דער היים.

מײַן חבֿרטע באַלבירסקאַ נעמט מיך אויף מיט אָפֿענע אָרעמס. איר מוטער גיט מיר גלײַך איבער אַ צימער, ווו איך זאָל זיך ניט פֿילן גע־שטערט. איך בין אַ געהאָלפֿענע און באַשליס פֿעסט צו פֿאַרלענגערן מײַן אַוועקזײַן פֿון דער היים.

אויפֿן דריטן טאָג באַווײַזט זיך אין לאַנדינסקיס צימער מײַן שוועסטער שׂרהלע. זי דערציילט מיר, אַז ווען עלטערן האָבן זיך דערוווּסט וועגן מײַן נעכטיקן בײַ שאָשקען, זײַנען זיי דעם ערשטן טאָג פֿון מײַן אַוועקזײַן פֿון דער היים געווען רויִק, דעם צווייטן טאָג אָבער, ווען כ׳האָב זיך בײַ שאָשקען ניט באַוויזן בײַ נאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאַ־ראַראַם אין דער היים. מען האָט זי, שׂרהלען, געגומען טרײַבן, אַז זי זאָל מיך גיין אויפֿזוכן, זי מוז וויסן ווו איך בין. זי האָט געשוווירן בײַ אַלעם הייליקן, אַז זי ווייסט ניט, זי האָט שוין געפֿרעגט בײַ מײַנע חבֿרטעס און קיינער האָט מיך אויף די אויגן ניט געזען, פֿאַרפֿאַלן ווי אין וואַסער אַרײַן.

שׂרהלע (סאַליע) און חיהלע (העלענע) טויבנבלאַט

פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1916

איך גיב מײַן געטרײַער שוועסטער פֿאַראָרדענונגען, ווי אַזוי זי זאָל אָנגיין מיט איר אַרבעט אין דער היים. זי מוז זיך ווײַטער עקשנען, אַז זי זוכט מיך אַרום און ווייסט ניט ווו מײַן געביין איז אַהינגעקומען. זי דאַרף מיר אָבער יעדן טאָג אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דער שטימונג פֿון מײַנע עלטערן און מיר ברענגען עסנוואַרג, וואָס נאָר עס וועט זיך לאָזן, באַהאַל־טענערהייט, פֿאַרשטייט זיך.

מײַן שוועסטער, דער איבערגעגעבענער שליח מײַנער, פֿירט גוט דורך איר קאָנספּיראַטיווע אַרבעט.

— די מאַמע — דערציילט מיר שׂרהלע — פֿאַרגיסט טרערן, ס׳האַרץ זאָגט איר, אַז זי האָט פֿאַרלוירן איר טאָכטער, ווער ווייסט צי זי לעבט נאָך, צי זי האָט זיך ניט, חלילה, אַ מעשׂה אָנגעטאָן. דער טאַטע גייט אַרום אַ פֿאַרוואָלקנטער, מיט פֿאַרביסענע ליפּן, און שווײַגט.

אויפֿן אַכטן טאָג פֿון מײַן אַנטלויפֿן פֿון דער היים באַווײַזט זיך מײַן שוועסטער אַ דערשלאָגענע. זי קען מער ניט אָנגיין מיטן אָפּנאַרן די עלטערן — זאָגט זי — זיי צעברעכן איר דאָס האַרץ, ס׳מוז נעמען אַ סוף.

— אויב אַזוי זאָג איך מײַן שוועסטער — גיב זיי אויס דעם סוד, אַז דו האָסט מיך געפֿונען בײַ אַ חבֿרטע אויף קאַרמעליצקע גאַס. אויב זיי ווילן, איך זאָל אַהײַמקומען, מוז די מאַמע אָדער שאַשקע מיך קומען פֿירן אַהיים און פֿריִער מיך פֿאַרזיכערן, אַז כ׳וועל מער ניט האָבן קיין גיהנום אין דער היים, אַז קיינער וועט מיך מער ניט פּײַניקן. זיי מוזן פֿאַרזאָגן זייער בענאָק, אַז ער זאָל אויפֿהערן צו פּראָוון מיט מיר זײַנע ווילדע שטיק.

אויפֿן וועג אַהיים פֿרעגט מיך שאַשקע אויס פּרטים וועגן לאָנ־דינסקין. איך דערצייל איר, אַז ער איז אַ לערער אין ווילנע. אויב מען וועט אין דער היים זיך וועלן באַקענען מיט אים, וועט ער זיכער מסכּים זײַן און קומען צו פֿאָרן; אויב אָבער זיי וועלן ווײַטער זײַן אײַנגעשפּאַרט, וועט עס זיי גאָרניט העלפֿן, זיי וועלן גאָרניט פּועלן בײַ מיר. בלויז גורם זײַן, אַז איך זאָל פֿאָרן קיין ווילנע צו מײַן באַשערטן, כ׳וועל פֿאַרשווינדן פֿון זייערע אויגן, ווי דער נעכטיקער טאָג.

מײַן שוועסטער שווײַגט, זי איז, אַפּנים, אין ספֿק, צי איך דערצייל איר דעם אמת. אין דער היים אָבער באַרויִקט זי דעם טאַטן, אַז דער פּושע ישׂראל וווינט גאָר אין ווילנע, מען דאַרף ניט זײַן געפֿאַלן בײַ זיך, ס׳וועט זיך אַלץ אויספּרעסן, מיט דער צײַט וועט די מוידטשיסקע אים פֿאַרגעסן, דערווײַל אָבער דאַרף זײַן שטיל, מע דאַרף זי ניט טשעפּען, נישט שלאָגן, דאָס איז נישט קיין דרך.

אין דער היים איז שאַ־שטיל. טאַטע־מאַמע מײַדן מיך אויס, רעדן ניט צו מיר, כ׳עקסיסטיר ניט פֿאַר זיי. אַ וואַנט פֿון שווײַגן האָט זיך אַוועק־געשטעלט צווישן אונדז. געביטן האָט זיך אָבער מײַן ברודערס באַציִונג צו מיר. ער רעדט צו מיר מיט דרך־ארץ. זײַן געוויסן איז, משמעות, אומרויִק. ער געדענקט גוט דעם צער, וואָס ער האָט פֿאַרשאַפֿן די עלטערן דורך גורם זײַן מײַן אַנטלויפֿן פֿון דער היים. איך מאַך זיך אויך פֿאַרגעסן זײַן ווילד, ברוטאַל האַנדלען קעגן מיר און פּרוביר אים פֿירן אויף אַ לײַטישן וועג. איין מאָל, זײַענדיק אַליין מיט אים, זאָג איך:

— יאַנקעלע, ביסט אַ שיינער בחור, שלאַנק ווי אַ לולבֿ. צום לערנען מיטן טאַטעשי, זע איך, האָסטו ניט קיין גרויסן חשק. דיך ציט נאָר צום מסחר, באַקלאָגט זיך כסדר דער טאַטעשי. טאָ, זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס פֿאַר אַ סוחר קענסטו שוין, מ׳שטיינס געזאָגט, זײַן? דו קענסט דאָך אַפֿילו ניט שרײַבן, ניט רעכענען.

דאָס שיינע, אויסגעאיידלטע פּנים פֿון מײַן ברודער ווערט פֿאַרשאַטנט.

— יאָך וויס, דער טאַטעשי האָט צער פֿין מיר. ער זאָגט, אַז יאָך בין נישט צי גאָט און נישט צי לײַט. יאָ, כ׳בין טאַקע אַ לאָ־יוצלח. טאָ וואָס זאָל יאָך טיִען, ווער וועט מיך לאָרנען?

— איך וועל פֿאַר דיר געפֿינען אַ לערער, זאָרג ניט.

איך שמועס זיך דורך מיט בערנאַרד נאָוואָגרודסקי, לאַנדינסקיס חבֿר, וואָס האָט זיך פֿאַררעקאָמענדירט ווי אַ גוטער לערער און דערציִער. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו אונדז אַהיים געבן לעקציעס מײַן ברודער נאָך דעם, ווי מײַן טאַטע האָט מסכּים געווען דערצו.

מײַן ברודער לערנט מיט התמדה, גיט מיר איבער נאָוואָגרודסקי, ער איז פֿעיִק, ווײַזט אַרויס אינטעליגענץ און אַפֿילו אינטערעס צו די שמועסן, וואָס נאָוואָגרודסקי פֿאַרפֿירט מיט אים.

— אַלץ גייט כּשורה — זאָג איך צו מײַן שוועסטער שׂרהלע — צײַט צו ווירקן אויף טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן אײַנגיין אויף מײַן שידוך מיט לאַנדינסקין.

מײַן שוועסטער לייגט אײַן וועלטן, נעמט אַרבעטן אויף אַלע כּלים, דער־קלערט דעם טאַטן, אַז לאַנדינסקי שטאַמט פֿון אַ יחוסדיקער משפּחה; דער זיידע אַ מאָדזשיצער רבֿ, דער פֿאָטער איז געווען אַ גרערער חסיד.

מײַן טאַטע וויל ניט הערן און שרײַט אַ באַנומענער: „אַ גאַלעבראָדניק נישט בײַ מײַן לעבן! אַ גדולה האָט זי באַטראַסקעט, זי האָט זיך פֿאַר־ליאַפּעט, פֿאַרליאַפּעט האָט זי זיך, די חצופֿה. נײַן, נישט בײַ מײַן לעבן!"

— אָבער טאַטעשי, ס'איז דאָך בעסער צו גיין מיט גוטן, ער וווינט דאָך אין ווילנע, וועט זי דאָך אויך באַלד נאָך דער חתונה פֿאָרן מיט אים קיין ווילנע און מע וועט פּטור ווערן פֿון איר.

— פֿין מײַנעט וועגן קען ער אַפֿילו וווינען אין שאול תּחתּיה. נישט בײַ מײַן לעבן האָב יאָך געזאָגט און די זײַ נישט איר בחנמדיקער שאַלאַטן־שמש — פֿאַרטרײַבט דער טאַטע מיט צאָרן מײַן אומבאַהאָלפֿענע שוועסטער.

פּלוצעם איז געשען אַ גרויס אומגליק אין אונדזער פֿאַמיליע, וואָס האָט אין גאַנצן אָפּגערוקט אָן אַ זײַט די ביטערע קריגערײַ אַרום מיר און לאַנ־דינסקין. מײַן איינציקער ברודער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס, וואָס האָט געבושעוועט אין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די גרעסטע דאָק־טוירים ווערן גערופֿן, מע פּירט אויס אויף אים אַלערליי עקספּערימענטן, וועכטערס טרעטן ניט אָפּ פֿון זײַן בעט סײַ בײַ טאָג, סײַ בײַ נאַכט.

איך גיי אויס פֿון רחמנות צום טאַטן. זײַן פּנים בלייך ווי קאַלך, די אויגן רויט פֿון וויינען, ער עסט ניט און טרינקט ניט, אַ שאָטן. ער הערט ניט אויף צו זאָגן תּהילים אין דערבײַיקן צימער פֿון מײַן קראַנקן ברודער. אַלע אין דער היים גייען אַרום פֿאַרמרה־שחורהט.

עס טוט ווי דאָס האַרץ צו זען מײַן ברודערס יסורים. איך נעם זיך שרעקן, זײַן לעבן איז אין אַ סכּנה. אַ פֿרילינגדיקע קנאָספּ פֿון אַ צאַרטער בלום, ער האָט דאָך נאָך ניט באַוויזן אַרײַנצוזאַפּן אין זיך די זאַפֿטן פֿונעם לעבן. כ׳געטרוי ניט די וועכטערס און וואַך מיט זיי בײַ נאַכט לעבן בעט פֿון מײַן קראַנקן ברודער.

יאַנקעלע ליגט ווי אין אַ הינערפֿלעט. דאָס פּנים פֿאַרפֿלאַמט פֿון היץ, די אויגן פֿאַרמאַכט, פֿאַרזונקען אין שלאָף, צי אפֿשר גאָר אין חלום. וועגן וואָס חלומט ער?

פּלוצעם טוט ער זיך אַ כאַפּ אויף, מיט אַ צעווילדעוועטן אימפּעט רײַסט ער זיך פֿון בעט, וויל לויפֿן צום פֿענצטער. ס׳האָבן זיך צעשטורעמט און צעצונדן אין אים זײַנע יונגע בלוטן.

„ווי שפּעט איז?“ — שרײַט ער ניט מיט זײַן קול, אָבער מיט אַלע כּוחות.

„ס׳איז נאָך פֿרי, יאַנקעלע“ — פֿירן מיר אים צוריק צום בעט. יאָ, אַוודאי איז נאָך צו פֿרי צו פֿאַרלירן דאָס יונגע לעבן דײַנס, טראַכט איך, האָסט נאָך דעם טעם פֿון לעבן ניט פֿאַרזוכט, ניט באַוויזן אַפֿילו צו זינדיקן.

אַ רעזיגנירטער, אויסגעשעפּט פֿונעם אָנשטרענג, גיט ער זיך אונטער, לאָזט זיך צוריק אַרײַנלייגן אין בעט, פֿאַרזיגלט די בלוילעכע ליפּן און פֿאַרזינקט ווידער אין זײַנע חלומות.

אין דער נאַכט פֿון קריזיס, ווען דער מלאך־המוות האָט שוין אויס־געשפּרייט זײַנע שוואַרצע פֿליגל איבערן בלאָנדן קאָפּ פֿון מײַן זיבעצן־יאָריקן ברודער, גייט די מאַמע מיט מײַנע פֿינף שוועסטערס אַרײַנרײַסן אין שיל און דער טאַטע מיט זײַנע פֿיר איידעמס זאָגן תּהילים אין דער היים.

כ׳דערהער דאָס טיפֿע קרעכצן פֿון מײַן טאַטן. ס׳פֿאַרגייט די שײַן פֿון זײַן לעבן, ס׳צאַנקט און ס׳לעשט זיך דאָס ליכט, וואָס האָט אים פֿאַר־בלענדט מיט זיבעצן יאָר צוריק, ווען ער האָט מיט שטראַלנדיקער פֿרייד אויפֿגענומען די גליקלעכע בשׂורה: „מזל־טובֿ, אַ בן!“ ניין, ניט קיין מתּנה האָט אים דער רבונו־של־עולם געשענקט, בלויז אַ הלוואה באַוויליקט, גע־באָרגט אים בלויז דעם נחת־רוח אויף זיבעצן יאָר. ניין, ניט מקוים גע־וואָרן איז זײַן חלום, ער וועט קיין „קדיש“ נאָך זיך ניט לאָזן. אַכזריותדיק ווערט אָרונטערגעריסן זײַן בליִענדיקער צווײַג, אָן אָפּגעטריקנטער בוים איז ער איצט אַליין, ס׳וועט פֿון אים מער קיין נאָכשפּראָצן ניט זײַן. ניט געהאַט דעם זכות — קען ער פֿון זיך די פֿינצטערע געדאַנקען ניט אָפּיאָגן.

„פֿאַר וואָס?" — פֿרעגט ער זײַנע פֿרומע אײדעמס — „פֿאַר וואָס, רבונו של עולם, קימט מיר אַזאַ האַרבע שטראָף, מיט וואָס האָב יאָך זיך אַזוי פֿאַרזינדיקט? אפֿשר וועד יאָך באַשטראָפֿט פֿאַר איר, דער מוידס זינד?" — דערגייען מיך מײַן טאַטנס קלאָגווערטער פֿונעם דערבײַיקן צימער.

„מע טאָר זיך ניט מיאש זײַן, שווער". — פּרובירט אים טרייסטן זײַן עלטסטער אײדעם מלך — „כּל־זמן ס'קלאַפּט בײַ יאַנקעלען דער דופּק טאָר מען נישט פֿאַרלירן דעם בטחון".

— און אפֿשר, שווער, — הער איך מײַן ייִנגסטן שוואָגער מאָטל, שרהלעס מאַן, — אפֿשר דאַרף מען זוכן דעם זינדיקן ערגעץ אַנדערש ווו? אָט וואַכט זי דאָך איבער יאַנקלען נאַכט אײַן נאַכט אויס, זי איז זיך דאָך פּשוט מוסר־נפֿש פֿאַר אים. אונדז לאָזט זי אין זײַן שטוב ניט אַרײַן, מיר זאָלן זיך, חלילה, פֿון אים ניט אָננעמען מיט דער שלאָפֿקייט און אַליין שטעלט זי אײַן איר לעבן.

— יאָ, שאָקלט מײַן טאַטע מיטן קאָפּ, יאָ, אפֿשר האָט זי חרטה. אפֿשר, אויב זי וועט זיך אָרויסשלאָגן פֿון קאָפּ דעם אַפּיקורס, וואָס האָט איר אַ כּישוף אָנגעטאָן, אפֿשר וועט זיך, אין דעם זכות, דער אייבערשטער מרחם זײַן און שענקען דאָס לעבן מײַן בן־יחיד.

— שווער, פֿאַרגעסט נישט, אַז איר זענט מבֿייש אַ יתום. ער איז דאָך אַ קײַלעכדיקער יתום, נישט געדאַכט זאָל עס זײַן. אפֿשר גאָר פֿאַר־קערט, אפֿשר דאַרפֿט איר זיך מישבֿ זײַן, זיך אַ נדר טאָן מער ניט צו פֿאַרשעמען דעם בחור, געבן אײַער הסכּמה אויף דעם שידוך, אפֿשר וועט אין דעם זכות קומען די ישועה?...

דער טאַטע לאָזט אַראָפּ זײַן קאָפּ, זיפֿצט טיף אַרײַן אין זײַן גרוילעכער באָרד און נאָך אַ ווײַלע פֿון פֿײַנלעכן שטילשווײַגן הייבט ער אויף די פֿאַרווייַנטע אויגן צו גאָט: „זאָל נאָר דער השם יתברך שיקן די רפֿואה שלימה צו מײַן יאַנקעלען, וועל יאָך אם ירצה השם..." — ברעכט זיך מײַן טאַטנס שטים און ער קען ניט פֿאַרענדיקן זײַנע רייד.

מײַן ברודער האָט בעת מעשׂה געקעמפֿט פֿאַר זײַן לעבן, זיך געראַנגלט מיטן מלאך המוות, אים אָבער נישט געקענט גובֿר זײַן און צוזאַמען מיטן אויפֿגייענדיקן מאָרגן אויף דער וועלט איז אויסגעלאָשן געוואָרן זײַן מאָרגן לעולם ועד.

***

אַ טרויער הויערט פֿון יעדן ווינקל אין דער היים. עס טרויערן מיט אונדז מיט די ווענט פֿון אונדזער וווינונג. אין אַבֿילות איז פֿאַרצאָגט

אונדזער גאַנצע משפּחה. יאַנקעלע פֿעלט אונדז אויס אויף טריט און שריט. זײַן שאָטן באַגלייט אונדז און שוועבט אַרום אונדז. דער עיקר וויקלט ער זיך אַרום דעם ווייטיקדיקן טאַטן און דער כּסדר קלאָגנדיקער מאַמען:

— ווי און ווינד איז מיר, נישטאָ מער מײַן יאַנקעלע — האַלט זי אין אײַן פֿאַרברעכן די הענט — געשפּיגלט האָב יאָך זיך אין זײַן שיינעם ליכטיקן פּנים, מײַן צירונג געווען, און שוין, אַזוי יונג פֿון מײַנע אָרעמס אַרויסגעריסן געוואָרן. נישט געהאַט די זכיה, נישט געפּועלט האָבן מײַנע תּפֿילות, נישט געקענט אויסבעטן מײַן אויסגעחלומטן בן־יחיד — יאָמערט די מאַמע, מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

אײַנגעהילט אין עצבֿות, פּרובירט זי דער טאַטע טרייסטן:

— ס׳איז מן השמים, חנהלע, אַזוי איז געווען זײַן רצון ער האָט אונדז געגעבן און האָט פֿון אונדז צוריקגענומען — שלינגט ער שטילערהייט די טרערן, וואָס פֿילן אָן זײַנע אומעטיקע אויגן.

ס׳איז שטיל, ס׳איז טויט אין דער וואָכנס, ס׳איז טויט אין די שבתים.

די טעג לויפֿן. שוין אַריבער די „שלושים״, אַריבער אויך די ערשטע יאָרצײַט. דאָס לעבן שטייט נישט אויף אַן אָרט. מײַן שוועסטער ליבעלע, ייִנגער פֿון מיר מיט צוויי יאָר, בליט זיך פֿונאַנדער און טאַטע־מאַמע זעען אײַן, אַז ס׳איז שוין צײַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ זיווג פֿאַר איר. על־פּי טראַדיציע גייט מען בײַ חסידים נישט אויס קיין ייִנגערע טאָכטער פֿאַר דער עלטערער. גייען טאַטע־מאַמע אַרום פֿאַרזאָרגט, איך שטיי זיי אין וועג, אַ ביין אין האַלדז.

מײַן שוועסטער שׂרהלע און איר מאַן מאָטל ניצן אויס די געלעגנהייט און וועקן אויף דעם האַרבן ענין: חיהלע און איר ליבע. דער טאַטע פּרובירט זיך נאָך אַלץ אַנטקעגנצושטעלן, ווייל זיך נישט בייגן, דער טיפֿער טרויער האָט זײַן שטאָלץ נישט געבראָכן, ער איז נאָך אַלץ דער האַרטער נוס נישט אײַנצובײַסן. דאָס פּנים זײַנס אָבער מסרט אים, אַז ער וואָלט שוין וועלן פּטור ווערן פֿון מיר, חתונה מאַכן און אַן עק זאָל עס נעמען.

אין דער היים הייסט עס נאָך, אַז לאַנדינסקי איז אַ לערער אין ווילנע, אַ ווײַטער מהלך פֿון וואַרשע.

— אויב מען וועט באַשליסן צו שרײַבן תּנאָים — זאָגט מײַן שוואָגער מאָטל, נאָך אַן עצה האַלטן זיך מיט מיר — וועט מען מודיע זײַן דעם בחור און ער וועט קומען צו פֿאָרן.

נאָך אַ לאַנגן ישובֿ־הדעת גייט מײַן טאַטע אײַן, אַז מע זאָל שרײַבן תּנאָים. צו די תּנאָים דאַרף מײַן חתן גלײַך ווי אַלע שוואָגערס, קריגן פֿון

טאַטן אַ גאָלדענעם זייגער. מײַן טאַטע, אָבער, האָט ניט בדעה צו לאָזן זיך קאָסטן פֿאַר אַ חתן, וואָס איך האָב זיך אַליין אויסגעקליבן, טענהט ער:

— וואָסי? אַנדערש איז ער נישט געווינט, דער שׂרה אירער, נאָר אַ גאָלדענער זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט? אַן עסק האָב יאָך מיט אים, ער וועט שוין יוצא זײַן אָן דעם.

— דאָס איז אַלץ, וואָס פֿעלט אים? — העלפֿט אים אונטער די מאַמע — וואָס האָט ער איר צו געבן, דער יחסן, ער האָט שוין אַ מאָל אין זײַן לעבן פֿאַרדינט אויף אַ ברליאַנטן פֿינגערל?

איך האָב אָבער אָפּגעמאַכט בײַ זיך, דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער גאָלדענער קייט זיי ניט צו שענקען. איך לויף אַוועק צו מײַן חבֿרטע האָדעסל. אירע חסידישע עלטערן און מחותּנים האָבן זי באַהאָנגען מיט ברילײאַנטן, בעת זי האָט זיך געלאָזט פֿאַרקנסן צום ישיבֿה־בחור, וועמען זי האָט אַפֿילו ביז צו דער חופּה אויף אירע אויגן ניט געזען. די איינציקע טאָכטער האָט ניט געהאַט קיין כּוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן פֿון אירע פֿאַנאַטישע עלטערן. איך בעט האָדעסלען מיר אויסצובאָרגן איינעם פֿון אירע ברילײאַנטענע רינגלעך. זי פֿאַרשטייט מײַן מצבֿ און באַלד פֿינקלט אַראָפּ פֿון מײַן פֿינגער האָדעסלס שיינער ברילײאַנט.

מיט אַ געלעכטער פֿאַל איך אַרײַן צו לאָנדינסקין און גיב אים איבער די קאָמעדיע, וואָס איך האָב פֿאַרטראַכט פֿאַר אים צו שפּילן אויף אונדזערע תּנאָים.

— ניין, מײַן טײַערע, דו וועסט עס בײַ מיר ניט פּועלן! וואָס פֿאַלט דיר גאָר אײַן? — ווונדערט ער זיך און בייזערט זיך — אָפּנאַרן דעם טאַטן צוליב אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט? צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף איך דאָס, איך וועל דאָך דאָס סײַ ווי אין מײַן לעבן ניט טראָגן.

— אײַ, ווי דו פֿאַרשטייסט ניט, טויגסט זיך גאָר ניט אויס. אַ מאַנטל דאַרפֿסטו, אַן אָנשטענדיקן אָנצוג צו דער חתונה דאַרפֿסטו, אײַאָ? מיר וועלן דעם זייגער שפּעטער ווען ניט איז פֿאַרקויפֿן און דאָס געלט פֿאַרניצן פֿאַר וויכטיקע זאַכן.

„ניין, און מער וויל איך וועגן דעם ניט הערן!"

איך לאָז אַראָפּ אַ ברוגזע די נאָז. — ווילסטו, הייסט עס, כ'זאָל זיי נאָכגעבן, זיך לאָזן באַהאַנדלען ווי אַ שטיפֿקינד פֿון מײַנע רײַכע עלטערן. אַלץ, וואָס זיי ווילן, איז אַרויספּטרן מיך פֿון דער היים.

„ס'איז דײַן טאַטע, איך קען דיר ניט שטערן צו האַנדלען מיט אים ווי דיר געפֿעלט, אָבער איך קען עס ניט און וויל עס ניט טאָן".

מיטן ברילײַאַנטענעם רינגל אויפֿן פֿינגער באַווײַז איך זיך מיט אַ

גדולה אין דער היים און דערצייל מײַנע עלטערן וועגן גליק, וואָס האָט מיך געטראָפֿן, מײַן חתן האָט מיר געשיקט אַ מתּנה צו די תּנאָים.

טאַטע־מאַמע קוקן מיך אָן מיט חשד. די מאַמע ציט אַראָפּ דאָס רינגל פֿון מײַן פֿינגער, באַטאַפּט עס פֿון אַלע זײַטן, וווּנדערט זיך און סוף כּל סוף שיסט זי אויס:

„ווייס יאָך וואָס, בלישטשען בלישטשעט עס, אָבער ס'מיז זײַן אַ גלעזל, ווי קימט צי אים אַ ברילִיאַנט?

— געפּסקנט און שוין אָפּגעפּסלט — פֿיל איך זיך באַליידיקט — ס'איז אַ ירושה פֿון זײַן מוטער ע"ה. אויב מע וויל וויסן דעם ווערט פֿונעם רינגל, לאָזט מען עס אָפּשאַצן.

דער קוואַליפֿיצירטער שאַצער עפֿנט ברייט זײַנע אויגן, קוקט דורך אַ שפּאָקטיוו, דרייט דעם ברילִיאַנט אין אַלע זײַטן.

— אָ, וואַ, אָ וואַ, — שאָקלט זיך בײַ אים דער שפּיץ פֿון זײַן געל בערדל — אַזאַ יקר־המציאות, האָב יעך שוין לאַנג אין מײַנע הענט נישט געהאַלטן. אָ, וואַ! — טשמאַטשקעט ער מיט זײַנע דיקלעכע ליפּן — וואָס פֿרעגט עץ מעך. עץ זעט דען נישט אַליין דעם אבן־טובֿ? קיקט ווי עס מיניען זיך אין אים די פֿײַערן, בלוי־ווײַס, אָן אַ פּגם, ס'פֿאַרבלענדט ממש דאָס אויג.

— ני, אויב אַזוי, לייבל, דאַרף מען אים קויפֿן אַ שיינעם גאָלדענעם זייגער צי די תּנאָים, האַ, ווי מיינסטע? — ווענדט זיך די מאַמע, מיט צעשטראַלטע אויגן, צום טאַטן.

דער טאַטע שווײַגט, אַ סימן, אַז ער איז מסכּים. מע האָט אײַנגע־האַנדלט אַ וואַגיקן גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, און דאָס געגעבן לאַנדינסקין בעת די תּנאָים. וועגן סילוקן אַ נדן, ווי דער טאַטע פֿלעגט דאָס טאָן מיט אַלע זײַנע טעכטער, טום ער איצט ניט קיין פּיפּס.

איך זע באַשיימפּערלעך ווי טאַטע־מאַמע זאָרגן ניט פֿאַר מײַן צוקונפֿט, וואָס גיכער ווילן זיי מיך חתונה מאַכן, זיך באַפֿרײַען פֿונעם עול און אחריות, אַרויספּטרן מיך אָן אַ נדן. איך שווײַג, לאָז צוגרייטן דער מאַמען דעם אויסשטײַער פֿאַר מיר. זי קערט וועלטן, לויפֿט אַרום און יאָגט, קויפֿט סחורות, אײַלט די נייטאָרינס, די העפֿטערקעס, די שנײַדערינס. זי טאַ־ראַראַמעוועט: „גיכער, גיכער, איין חודש נאָר געבליבן צי דער חתונה".

איך ווייס די סיבה פֿונעם געאײַל: מען דאַרף הייסן די שדכנים זוכן אַ חתן פֿאַר מײַן יינגערער שוועסטער, צעשלאָג איך זיי זייערע פּלענער און זאָג זיי אָט וואָס:

— וואָס איז ס'געיעג? וואָס איז די גראַטשקע? וואָס פּאַדעט מען

אַזוי? — פֿרעג איך קאַלטבלוטיק מײַן צעיאָכמערטע מאַמע — איך האָב אַ ניט פֿריילעכע בשורה. מע מוז אָפּלייגן דעם זמן פֿון דער חתונה. מע האָט געשלאָסן די שול אין ווילנע און מײַן חתן איז געבליבן אָן אַ פּאָסטן. ער קומט אין גיכן קיין וואַרשע, ער וועט מסתמא דאָ געפֿינען אַרבעט, אָבער דאָס וועט נעמען צײַט. מוזן מיר בכן וואַרטן.

מײַן טאַטע מאַכט יללות. ער וויל באין אופֿן ניט אָפּלייגן דעם זמן פֿון דער חתונה.

— נו, — פֿרעג איך דעם טאַטן — ווו איז יושר? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ טאַטע זאָל אַזוי אומיושרדיק האַנדלען, וועלן מיך אַרויס־פּטרן אָן נדן? אויב איר זאָרגט ניט פֿאַר מיר, ווי פֿאַר אײַערע אַנדערע טעכטער, מוז איך אַליין פֿאַר מיר זאָרגן. און איך גיי טאַקע אויך אָננעמען אַ שטעלע פֿאַר אַ לערערין. אויב עס פּאַסט פֿאַך אײַך, קען דאָס אויך פּאַסן פֿאַר מיר. (דאָס האָב איך געוווסט איז די גרעסטע חרפּה פֿאַר מײַן טאַטן).

— קאָמבינאַטאָרקע! — קאָכט זיך דער טאַטע — פֿאַרגלײַכסט זיך צו דײַנע עלטערע שוועסטערס?

— אַוודאי, די ביימער אין וואַלד זענען אויך ניט גלײַך.

— עזות־פּנים די, מיט וואָס נאָך וועסטו מיך סטראַשען? זי וועט אויך זײַן אַ לערערקע! די מיינסט טאַקיש, אַז די האָסט מיך אין דײַנע הענט? זי וועט מיר גאָר זאָגן וואָס יאָך האָב צו טיַען, אַ חוצפּה און אַ העזה דאָס האָט!

— און וואָס בין איך דאָס מחויבֿ זיך מקריבֿ צו זײַן פֿאַר אײַער מיזי־ניקל, ליבעלע? די שדכנים האָבן ניט קיין צײַט, זיי שטייען שוין אין דרויסן מיט פֿולע קעשענעס מיט חתנים פֿאַר איר? מיר, מײַן חתן און איך, האָבן צײַט. מיר וועלן ניט פֿאַרשפּעטיקן צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון דער „גילדענער" יויך אין אַ יאָר אַרום.

„אין אַ יאָר אַרים?" — גייט דער טאַטע אַרויס פֿון די כּלים. כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט פֿאַרן קאָפּ, ס'קאַפּל פֿאַלט אים אַזש אַראָפּ, און ער לויפֿט האַסטיק אַרויס פֿון דער היים.

עטלעכע טעג שפּעטער, ס'איז אַריבער דער שטורעם, האָט זיך מײַן טאַטע מישבֿ געווען און געסילוקט אַ היפּשן נדן און מען פֿאַרעט זיך ווײַטער בײַם גרייטן דעם אויסשטײַער. מײַן טאַטע האָט אויך געמוזט מסכּים זײַן, קעגן זײַן ווילן, צו האַלטן אונדז אויף קעסט בײַ אים אין דער היים. איך האָב אים דערקלערט, אַז מיר וועלן מיטן נדן גרינדן אַ פֿאַרלאַג פֿון ייִדישע ביכער און ביז ס'וועט זיך אײַנשטעלן דאָס געשעפֿט, קענען מיר ניט גיין פֿאַר זיך. דערפֿאַר אָבער האָבן מיר געמוזט אײַנגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס: דער חתן וועט זיך ניט גאָלן און איך וועל טראָגן אַ שייטל.

אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין

מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט לאַנדינסקין האָט מיך, פֿאַרשטייט זיך, אַרײַנגעפֿירט אין דער סבֿיבֿה פֿון ייִדישע שרײַבערס. דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ לחלומין נײַע וועלט. די דאָזיקע וועלט האָט אין מײַנע אויגן ניט אַלע מאָל אויסגעזען אַזוי שיין און דערהויבן, ווי איך האָב זי מיר פֿריִער אויסגעמאָלט אין מײַן דימיון, אָבער אינטערעסאַנט און אינטריגירנדיק איז זי תּמיד געווען. ווילט זיך דאָ פֿאַרצייכענען עטלעכע עפּיזאָדן פֿון איין אָוונט אויף טלאָמאַצקע 13, דעם צענטער פֿון די ייִדישע פענמענטשן אין וואַרשע.

אינעם גרויסן זאַל פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין איז רוישיק און לוסטיק. בײַ אַ טישל, גלײַך בײַם אַרײַנגאַנג, שפּילן שרײַבערס אין קאָרטן, בײַ אַ צווייט טישל שפּילט מען שאָך. נאָענט צום באַלקאָן, וואָס ליכטיקט איצטער אַראָפּ אויף דער גאַס, אין דער העלפֿט פֿאַרזונקען אין שניי, זע איך לאַנדינסקין און י. מ. ווייסענבערגן פֿאַרטאָן אין אַ שמועס.

— אַבי איך האָב געמיינט, איר באַהאַנדלט וויכטיקע פֿילאָסאָפֿישע פּראָבלעמען, לסוף מאַטלט איר גאָר, טרײַבט רכילות וועגן אײַערע קאָלעגן־שרײַבערס. אָנשטאָט צו מיר זײַנען אײַערע בליקן גאָר געווענדט צו אײַער שכנישן טישל מיט נאָמבערגן בראש — זאָג איך ברוגזלעך.

— ניין, איר האָט אַ טעות! מיר דיסקוטירן וועגן מײַן אָפּהאַנדלונג: „צו וואָס?” אין די „ייִדישע זאַמלביכער”. אײַער לאַנדינסקי רײַסט מיך אַרונטער און איך לאָז זיך נישט — באַגריסט מיך ווייסענבערג מיט אַ וואַרעמען האַנטדרוק.

איך קוק זיך אַרום. מײַנע אויגן פֿאַרהאַלטן זיך אויף נאָמבערגן. ער זעט מיך ניט, פֿאַרטאָן בײַם עסן זײַן פֿאַרציע געענדזנס.

ווייסענבערג כאַפּט אויף מײַן קוק און זאָגט:

— ער האָט שוין באַלד צו רעכט געמאַכט אַ האַלב גענדזל, נאָמבערג, עסט און עסט און איז דין ווי אַ שפּינוועבס. ווו קומט אַהין, כלעבן דאָס גענדזל, וואָס ער לאָזט מיט אַזאַ תּאווה אַראָפּ אין זײַן חומר? — צעלאַכט זיך ווייסענבערג מיט זײַן געשטיקטן אָבער האַרציקן געלעכטער.

— דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט אײַער פּאַמפֿלעט װעגן נח פּרילוצקי און מיט זײַן באַהאַנדלען נאָמבערגן — רײַסט אים איבער לאַנדינסקי.

— אײַער לאַנדינסקי מיינט, אַז איך האָב אים געטאָן אַ בערישע טובֿה, נאָמבערגן, מחמת איך האָב אַנטפּלעקט פֿאַר זײַנע לייענערס און פֿאַרערערס זײַן אונטערטעניקייט. אַדרבא, נעמט, לייענט אויף זײַט 244 — דערלאַנגט מיר װײַסענבערג זײַנע „ייִדישע זאַמלביכער" — און זאָגט איר מיר אײַער מיינונג.

„(...) ס'איז איין מאָל באַמערקט געװאָרן פֿון אַ גאַנצן זאַל מענטשן, אין דער צײַט, װען נאָמבערג און נאָך אַנדערע פֿון דעם פֿאָלקס־קאָמיטעט זײַנען געװען אויף דער בינע, װי אַזוי פּרילוצקי איז אָנגעקומען מיטן פֿאַרטפּעל, דערשײַנענדיק פּלוצלינג, װי אַ קייזער צװישן זײַנע הויפֿלײַט. מיט װעלכן שטאָלץ און הויכן מאַניער ער האָט אויף נאָמבערגן אַראָפּגע־קוקט, איבערגעבנדיק אים דירעקטיװן, און װי באַלד ער איז פֿאַרשװוּנדן צוריק, אויסשטעלנדיק אַלע אין דער לאַגע פֿון זײַנע דינערס, איבער הויפּט נאָמבערגן".

— איך האָב קיין מאָל נישט געספּקט אין אײַער אויפֿריכטיקייט און געװאָגטקייט, װאָס איר דריקט אויס סײַ בעל־פּה, סײַ מיט אײַער פּען, װײַסענבערג, אָבער אין דעם פֿאַל בין איך מסכּים מיט לאַנדינסקין. איר פֿאַרשאַטנט דאָך נאָמבערגס פּרעסטיזש און פֿאַרטונקלט זײַן אויטאָריטעט. ס'טײַטש ?

— לייענט זשע װײַטער אויף זײַט 245.

„(...) אמת, אַז נאָמבערג פֿאַרקויפֿט זײַנע געדאַנקען דער „מאָמענ־טישער" ריכטונג, אָבער פּרילוצקי דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז נאָמבערג איז איינער פֿון אונדזערע שענסטע ייִדן, און נישט שטעלן אים אין דער לאַגע פֿון אַ שמש, אָדער אַ ייִנגל, װײַל זײַן כּבֿוד פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט איז איר כּבֿוד".

— װאָס מיינט איר ? — רעדט שוין װײַסענבערג װײַטער בעל־פּה — איך טענה כּסדר צו אים, אַז פֿאַרקויפֿנדיק זײַנע פּערלדיקע שורות דער טאָג־טעגלעכער פּרעסע, באַגייט ער ממש אַ זינד.

— גענוג שוין גערעדט װעגן נאָמבערגן, טוט בעסער אַ קוק אויפֿן הויכן, לעבן אים — שלאָגט איבער לאַנדינסקי װײַסענבערגס רייד. — ער פּיפּקעט פֿאַרעקשנט זײַן ליולקע און הערט ניט און זעט ניט, װאָס עס טוט זיך אַרום אים.

— יאָ, זײַן לענגלעך פּנים איז הײַנט װי מיט פּאַרמעט פֿאַרצויגן. דער אומעט אין זײַנע אויגן װאַרפֿט אָן אויף מיר אַן אימה און רחמנות.

איך גיי אים טרייסטן, סעגאַלאָוויטשן, זאָגן, אַז זײַן שיינע קלאָרע וועט באַלד קומען. למאַי לאָזן אים אין צווייפֿל זיך אָפּעסן, נעבעך, אומנישט און אומזיסט דאָס האַרץ? — זאָג איך.

— סעגאַלאָוויטש? אָ, דאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך. ער וועט נאָך האָבן געננוג צו זינגען און צו זאָגן צוליב דער שוואַרץ־חנעוודיקער קלאָרע זײַנער — ווערט וויסענבערג ערנסט, הייבט דערבײַ, ניט אָן זאָרג, זײַטיק זײַן פּלייצע.

אָט קומט זי טאַקע קלאָרע. דאָס גרויע באַראַנקאָווע היטעלע פֿאַררוקט אויף אַ זײַט, אויפֿן רוסישן, זעלנערישן שטייגער. דאָס פּנים און די אויערן רויט, געקניפּט פֿונעם דרויסנדיקן פֿראָסט. זי פֿאָלט אַרײַן ווי אַ בליץ, מיט אירע שוואַרצע, גלײַענדיקע אויגן עלעקטריזירט זי די כאַליאַסטרע שרײַבערס אין זאַל. שטאָלץ, דעם קאָפּ פֿאַרריסן, לאָזט זי זיך גיין גלײַך צו סעגאַלאָוויטשן.

סעגאַלאָוויטש ברוגזט זיך ניט לאַנג. ער איז איר מוחל דאָס פֿאַר־שפּעטיקן זיך. ווי קען ער בײַשטיין קלאָרעס חנדלען זיך צו אים, איר ווארעמען בליק, מיט וועלכן זי נעמט אים אַזוי צאַרט אַרום? און באַלד לאָזט ער טאַקע מער ניט אַרויס איר פּוכיקע האַנט פֿון זײַנער און שלינגט זי ממש אײַן אין גאַנצן מיט זײַנע אויפֿגעלעבטע און דאַרשטיקע אויגן.

נאָמבערג דערפֿילט זיך ווי אַ פּיפּטער ראָד בײַם וואָגן, ער זעצט זיך אַוועק בײַ אַן אַנדערן טיש. עס רינגלען אים אַרום עטלעכע שיינע מיידלעך, די אַזוי גערופֿענע דיכטערישע מוזעס. דאָס מאַכט אים, אַפּנים, פֿילן גוט, ער דערציילט זיי עפּעס און אַ הילכיק־מיידלשער געלעכטער קאַלערט זיך צו צו אונדז פֿון זײַן טישל.

איך נעם שוין נישט אַראָפּ די אויגן פֿון נאָמבערגן. ער רוימט עפּעס אײַן אַ מיידל לעבן אים. זי איז זיך ניט לאַנג מישבֿ, טוט זיך אַ הייב אויף און גייט מיט אימפּעט צו דער פּיאַנע. מיט אירע פֿינגערס אויף די פּיאַנע־קלאַווישן פֿילט זי באַלד אָן דעם זאַל מיט קלאַנגען פֿון אַ „פּאָלקע". נאָמבערג כאַפּט אַרום בײַ דער טאַליע פֿריילין שיק, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע יפֿת־תּואר, און מען טאַנצט און מען האָפּקעט און נאָמבערג טופּעט צו מיט די פֿיס צום טאַקט.

— אַ מאָדנער מענטש נאָמבערג, ס'איז אים באמת שווער תּופֿס צו זײַן. כ'וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן דעם אײַנדרוק, וואָס ער האָט אויף אונדז געמאַכט, בעת מיר האָבן אים ס'ערשטע מאָל געזען פּנים אל פּנים. געווען איז דאָס אין יאָר 1915. געקומען בין איך מיט מײַנע צוויי חבֿרטעס צו אים אין רעדאַקציע „הײַנט", בעת מיר האָבן געהאַלטן אין גרינדן די ערשטע יידישע קינדערהיים. זײַן קאַלטער, גרויער בליק, דאָס פּנים גע־

קאַרבט אין פֿאַלדן, דער פֿאַרדאַגהטער, גערונצלטער שטערן, זײַן קוקן אויף דער וועלט דורך שוואַרצע ברילן, באַזונדערס זײַן פּעסימיסטישע מיינונג, אַז קיין אײן ייִדישע מאַמע וועט ניט שיקן איר קינד אין אַ קינ־דערהיים צו לערנען ייִדיש — האָט געמאַכט גליווערן אונדזערע אבֿרים, בפֿרט נאָך דעם וואַרעמען אויפֿנעם פֿון י. ל. פּרצן אין דער זעלביקער אַנגעלעגנהייט. זינט דעמאָלט זײַנען שוין אַוועק עטלעכע יאָר. אין פֿאַר־לויף פֿון דער צײַט האָב איך אַ סך מאָל געזען נאָמבערגן, אָבער גאָר אַן אַנדערן.

אָט זיץ איך אין טעאַטער עליזעום. מײַן שול־חבֿרטע פּאָליאַ אַלטוסקאַ, אין וועלכער אונדזער ייִדיש־לערער דוד הערמאַן האָט נאָך אין קאַלעצקאַס שול אַנטדעקט אַ קינסטלערישן טאַלאַנט און האָט זי שפּעטער, אַליין זײַענדיק אַקטיאָר־רעזשיסער, געפֿירט אויף די דרכים פֿון דער ייִדישער בינע, האָט מיך פֿאַרבעטן בײַצוּוווינען אַ פּראָבע־פֿאָרשטעלונג פֿון „דיבוק״. זי איז דעמאָלט אויפֿגעטרעטן ווי אָרלעסקאַ, געשפּילט די ראָלע פֿון לאה.

אין טעאַטער־זאַל געפֿינען זיך בלויז עטלעכע פֿרײַנד און פֿאָרשטייערס פֿון דער ייִדישער פּרעסע. ס'איז די לעצטע פּראָבע פֿאַר דער פּרעמיערע. אין די ערשטע רייען, נאָענט צו דער בינע, זיצט נאָמבערג מיט די בליקן אײַנגעגעסן אין מײַן חבֿרטע, וואָס רייצט מיט איר גראַציעזער, שלאַנקער געשטאַלט און מיט איר מיידלשן חן.

דער פֿאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ, נאָמבערג באַהאַגלט מײַן חבֿרטע מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, רופֿנדיק מיט זײַן הייזעריקער שטים: „בראַוואָ, אָרלעסקאַ!״ זי באַדאַנקט אים מיט אַ שמייכל פֿון אירע ברוינע מאַנדל־אויגן, פֿאַרנייגט זיך קאָקעטיש און גלײַך ווערט נאָמבערג נעלם פֿונעם טעאַטער־זאַל. מיט אַ יוגנטלעכן ברען שפּאַנט ער אין אײַלעניש הינטער די קוליסן. און עס האָט נישט לאַנג גענומען, נאָמבערג גייט אין גאַס געאָרעמט מיט מײַן חבֿרטע.

— וואָס דען האָט איר געמיינט? — קוועלט אַן ווייסענבערג — ערשט נישט לאַנג האָט מיר נאָמבערג אַנגעפֿאַרטרויט אַ סוד, אַז צום בעסטן שרײַבט זיך אים, ווען ער האָט אַ מיידל בײַ זײַן זײַט.

— דאָס שמעקט שוין מיט רכילות — שלאָגט ווייסענבערגן איבער לאַנדינסקי — לאָמיך אײַך בעסער דערציילן וועגן מײַן ערשטער באַקאַנט־שאַפֿט מיט נאָמבערגן:

— אין בערלין, אין „ראָמאַנישעס קאַפֿע״, זײַנען פֿאַרזאַמלט אַרום אַ טישל אַ גרופּע ייִדישע שרײַבערס: בערגלסאָן, פֿרישמאַן, קוויטקאָ א״אַ. נאָמבערג זיצט מיטן פּנים צום פֿענצטער, נעמט ניט קיין אָנטייל אין די שמועסן. ווען איך הייב זיך אויף און וויל פֿאַרלאָזן די קאַפֿע, ווער איך

פֿאַרהאַלטן פֿון נאָמבערגן: — ווי איז אײַער נאָמען יונגער־מאַן? — נאָך דעם ווי איך זאָג נאָמבערגן מײַן נאָמען — ציט ווײַטער לאַנדינסקי — לייגט מיר נאָמבערג פֿאַר צו גיין מיט אים. פֿון דעמאָלט אָן פֿלעגן מיר זיך אָפֿט טרעפֿן אין „ראָמאַנישעס". איין מאָל האָב איך דאָרט בײַגעוווינט אַ הייסן וויכוח, וואָס נאָמבערג האָט געפֿירט מיט חיים ליבערמאַנען. מיט אַ מאָל טוט זיך נאָמבערג מיט אימפּעט אַ שטעל אויף, לאָזט איבער ליבערמאַנען מיט אַן אָפֿן מויל, נעמט מיך אָן בײַ מײַן אָרעם: „קומט, לאַנדינסקי, לאָמיר פֿאָרן צו דעם פֿערדגעיעג".

איך האָב געוווּסט, אַז נאָמבערג איז אַ לײדנשאַפֿטלעכער שפּילער. אַרײַנגעשלעפּט האָט אים אין דער בערלינער בערזע דער דאָרטיקער באַנקיר גליקסאָן, וואָס האָט אָבער אויך גלײַכצײַטיק געהאַט אַ פֿײַנע באַציִונג צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין הלכות פֿערד פֿאַרשטיי איך ווייניק, דערקלער איך נאָמבערגן. נאָמבערג אָבער עקשנט זיך: „קומט שוין, נישטאָ וואָס צו פֿאַרשטיין, איר וועט זען, איר גייט דאָך מיט מיר!" — איך האָב פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אויך מיטנעמען ליבערמאַנען. און מערקווירדיק, ווי נאָר מיר זײַנען אַלע דרײַ אָנגעקומען אויפֿן פּלאַץ, האָט נאָמבערג אַ קוק געטאָן אויף די נעמען פֿון די פֿערד און תּיכּף, ניט טראַכטנדיק קיין איין רגע, מיט אַ זיכערן טאָן אַ זאָג געטאָן: „אויף דעם וועלן מיר שפּילן". און... מיר זײַנען אַלע אַרויס שמייכלענדיק, מיט אַ שיין ביסל דײַטשישע מאַרקן פֿאַרדינסט.

— אָ, יאָ, אַוודאי, אויף דעם געביט ווייסט ער, נאָמבערג, וואָס ער טוט. ער שפּראַצט נישט נאָר מיט טעמפּעראַמענט, נאָר אויך מיט שאַרפֿזין און חכמה. וואָלט ער זיך בלויז צוהערן צו מײַנע עצות אויפֿן ליטעראַרישן און געזעלשאַפֿטלעכן געביט — זיפֿצט אָפּ ווייסענבערג, רונצלענדיק דער־בײַ זײַן שטערן.

— זעט, ווער עס באַגריסט אונדז, — שלאָג איך איבער ווייסענבערגן — אָט איז דער „רויטער". דער פֿוטערנער קאָלנער פֿון זײַן דרײַ־פֿערטלדיקן ווינטער־מאַנטל אויפֿגעשטעלט איבער די אויערן, דער קאָליר פֿון פּנים האַרמאָניזירט איצט מיטן קאָליר פֿון זײַנע האָר. ער דערנענטערט זיך צו אונדזער טישל, רײַבנדיק ענערגיש זײַנע געפֿרוירענע הענט:

— אײַ, איז דאָס אַ ביטערע קעלט בײַ אײַך, אין וואַרשע. עך וואָלט ניט געקומען צו אײַך צו פֿאָרן פֿון מײַן לעמבערג, ווי עך בין אַ ייִד, עך זאָל וויסן, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿראָסטיקייט איר וועט מיך דאָ אויפֿנעמען.

— זעצט אײַך אַוועק, גרינבערג, און זינדיקט ניט, ס'האָט נאָך געקענט זײַן ערגער — זאָגט לאַנדינסקי, צורוקנדיק פֿאַר אים אַ שטול לעבן זיך — איר ווייסט גאַרנישט, וואָס איר האָט דאָ פֿאַרזאַמט: מען האָט דאָ נאָר וואָס געטאַנצט און מיר האָבן געשעפּט נחת פֿון נאָמבערגן.

— אויב נחת וויל עך שוין בעסער שעפּן פון אײַך. וואָס זשע הערט זיך סאַקע עפּעס בײַ אײַך, „קאַליע״? (אַזוי פּלעגט מיך גרינבערג רופן ביז מײַן חתונה) — סע גייט נאָך אַלץ אָן די קאַלטע, פּערמאַנענטע מלחמה מיט אײַער פּאַרעקשנטן, חסידישן טאַטן? סע שטייט אים נאָך אַלץ ניט אָן דער שידוך מיט אײַער לאַנדינסקין?

— זײַט נישט אַזוי ציניש, מײַן טאַטע טענהט, אַז ער איז אויסן מײַן טובֿה. ער פֿרעגט: ״וויפֿל קאָסט אַ לידל, טאָכטער?״

— ער איז דאָך גאָר ניט קיין יאָלד, אײַער טאַטע. — צעלאַכט זיך גרינבערג אויפֿן קול — אַז מע זאָגט אַ תּלמיד־חכם, זאָל מען גלייבן. אָבער פֿאַרט, ווען וועל עך שוין טאַנצן אויף אײַער חתונה?

— טאַנצן ווילט איר אויף אונדזער חתונה? דאָס זאָל אײַך גאָר ניט אײַנפֿאַלן. מײַן טאַטנס הויפּטבאַדינג איז נישט צו פֿאַרבעטן קיינעם פֿון די „שרײַבערס־רײַבערס״. עס קומט מיר אָן מיט גרינע ווערעם בײַ אים צו פּועלן, אַז ער זאָל מסכּים זײַן אויף די מחותּנים פֿון לאַנדינסקיס צד: הלל צייטלין מיט זײַן פֿרוי. ס׳איז נישט קיין יחוס פֿאַר מײַן טאַטן; „הלל צייטלין? פּשטש... האָסטי געזען, אַז אָך און ווי צו מיר, וואָס יאָך האָב דערלעבט״ — זאָגט מײַן טאַטע, ברויזנדיק פֿון כּעס.

— גאָר אַזוי? אפֿשר וואָלט איר אים זאָגן, אײַער טאַטן, אַז ער קען זיך פֿאַרהערן מיט צייטלינען אין אַ בלאַט גמרא. לאָמיר זען ווער עס וועט וועמען פֿאַרשעמען? אײַער חסידישער טאַטע לערנט תּורה בלויז מיטן קאָפּ, אונדזער צייטלין באַרײַכערט דאָס לומדות מיט זײַן אייגענער תּורה־שבלבֿ — זאָגט אורי צבֿי גרינבערג מיט זײַן אייגנאַרטיקן ברען און אַ מין שטאָלץ שפּיגלט אָפּ זײַן בליק.

— דאָס זענען ניט קיין אַרגומענטן פֿאַר מײַן טאַטנס חסידישע השגות. איך האָב מײַן טאַטן פֿאַרזיכערט, אַז הלל צײַטלין וועט ניט אָפּשערן זײַן שיינע באָרד, אין וועלכער ס׳איז אײַנגערעמט זײַן הדרת־פּנים און ער וועט די גאַנצע נאַכט אויף דער חתונה בלײַבן אין זײַן הוט. און עס דוכט מיר, אַז איך האָלט שוין בײַם לעצטן עטאַפּ פֿון מײַן קאַמף. איך האָב אים שוין גובֿר געווען, לכל הפּחות שוין אַרויסגעקריגן זײַן הסכּמה.

— איאָ, לאַנדינסקי, זי קיבעצט מעך ניט, אײַער „קאַליע״?

— מע האָט שוין מיט מזל אָפּגעשמועסט דעם זמן פֿון דער חתונה און מיר טרעטן שוין צו צום גרינדן אונדזער פֿאַרלאַג. איר מעגט זיך, בכן, צוויילן מיטן צוזאַמענשטעלן אײַערע לידער, גרינבערג, ווײַל אײַער בוך „פֿאַרנאַכטנגאָלד״ וועט אין אונדזער פֿאַרלאַג גיין אויפֿן ערשטן פֿײַער — דערקלערט לאַנדינסקי מיט אַ נישט באַהאַלטענער פֿרייד.

„שעשׂה נסים לאבֿותינו... — צעזינגט זיך גרינבערג — מזל טובֿ! אין אַ מזלדיקער שעה!״

די חתונה

מען דרוקט שוין מיט מזל די חתונה־קאַרטן.

— קיין שים שרײַבערוקעס וועט מען נישט פֿאַרבעטן. די דאַטשן, די אַפּיקורסים, זיי קען זיך נאָך פֿאַרגליסטן צו האַצקען מיט די מיידלעך. אָן אַפּקימעניש, מנע, די גאַנצע חתונה... — האַקט דער טאַטע אָפּ די רייד, וואָס רײַסן זיך בײַ אים אַרויס פֿון זײַן געדריקטן געמיט, מיט אַ טיפֿן קרעכץ.

איך גיב אים נאָך בלויז מיט איין אויסנאָם: הלל צייטלין און זײַן פֿרוי וועלן זײַן די מחותנים פֿון לאַנדינסקיס צד.

„ווער איז ער דאָס, דײַן צייטלין? אויך אַ גאַלעבראַדניק?"

— ניין, טאַטעשי, ער האָט אַ שיינע, לאַנגע באָרד און אַ גרויסן יִחוס־עצמו. זײַן אָנטייל אין דער חתונה איז פֿאַר אונדז דער גרעסטער כּבֿוד. ער איז אַ גרויסער געלערנטער און אויך אַ למדן.

„אַ משׂכּיל, מיינסטו. דאַטש גייט ער אויך מן הסתּם. אַז אַך און ווי איז צו מיר מיט דעם יִחוסדיקן מחותן מײַנעם" — זיפֿצט דער טאַטע, אָבער לכל הפּחות זאָגט ער ניט ניין, ער וויל נים, ס'שטייט אים ניט אָן.

איין טאָג פֿאַר דער חתונה. איך גיי צו לאַנדינסקין העלפֿן אים אײַנפּאַקן זײַן אײַנגעקויפֿטן אויסשטײַער: אַ ביסל וועש, איין אַנצוג און דער עיקר זײַנע ביכער. ווי דער שטייגער איז, דאַרף דער חתן אין טאָג פֿון דער חתונה צושיקן זײַן אויסשטײַער אַהיים צו דער כּלה.

„די קאַליע גייט" — לאָזט וויסן לאַנדינסקין מײַן אָנקום דער רויט־האַריקער אורי צבֿי גרינבערג. ער איז געקומען קיין וואַרשע פֿון לעמבערג און וווינט צײַטווײַליק מיט לאַנדינסקין בײַ אַ ייִדישן שנײַדער אויף דזשיקע גאַס.

— „קאַליע", עד וועל טאַקע ניט זײַן בײַ אײַך אויף דער חתונה? פֿע, שעמען דאַרפֿט איר זיך אין אײַער טיפֿן האַלדז אַרײַן — ברוגזט זיך גרינבערג, ס'טרייסלט זיך זײַן לענגלעך, אָוואַל פּנים און די העל־ברוינע אויגן זײַנע פֿלאַמען מיט טעמפּעראַמענט.

— טוט אַן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ ייִדיש היטעלע, שווערט, אַז איר וועט בײַקומען דעם יצר־הרע, נים פּלירטעווען, אויף אײַער שטייגער, מיט מײַנע חבֿרטעס און נים נאָכגעבן אײַער זינדיקער גלוסטונג צו טאַנצן מיט זיי אויף אונדזער חתונה, וועל איך אפֿשר פּועלן בײַ מײַן טאַטן, ער זאָל אײַך צוטיילן דעם כּבֿוד, איר זאָלט זײַן אַ יוצא מן הכּלל...

— גאָר אַזוי? ער וועט מיר גאָר צוטיילן דעם כּבֿוד? ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, כּלעבן. איר קענט אים דען נים זאָגן, דעם טאַטן אײַערן, אַז ער איז בײַ מיר גאָר נים אַזאַ תּקיף, עד בין מער יחסן פֿון אים, עך שטאַם פֿון אַ רבנישער משפּחה.

— גאַליציאַנער, איר גייט דאָך „דאַטש". וואָס העלפֿט מיר שוין אײַער ייִחוסדיקער אָפּשטאַם, אַז איר אַליין זײַט טריף פּסול, פֿאַר מײַן טאַטן זײַט איר אַן אַפּיקורס, אַ פּושע־ישׂראל.

— אַזוי? און ער וואָס איז? אַ חסיד־צלאָפּ מיט חסידישע העוויות, אַ צבֿועק!

***

אַ יום־טובֿדיקע, געהויבענע שטימונג, אַ טומל, אַ גערודער. די אַרײַנגאַנג־טיר פֿון הויז איז קיך רוט נים. אין דרויסן שטייט אַ ביטערער פֿראָסט, ווי ס'פּאַסט פֿאַרן חודש דעצעמבער, חנוכּה־צײַט. אָבער ווער וויל דאָס דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט: דער גבֿיר אַדיר ר' לייבעלע מתּמיד מאַכט חתונה זײַן טאָכטער, קען מען דאָך עפּעס אָפּלעקן אַ ביינדל. שיטן זיך טאָקע אַרײַן און אַרויס ייִדענעס מיט קאָלירטע פֿאַטשיילעס איבער די שייטלען אָדער קופּקעלעך אויף די קעפּ. אין וואַלענע, האַנטגעשטריקטע הענטשקעס אויף די הענט, ברענגען זיי דאָ צו שלעפּן לעבעדיקע עופֿות אין שטרויענע קוישן. דאָס קוואָקערײַ פֿון די הינער, קאַטשקעס און גענדזלעך צעטראָגט זיך איבער אַלע צימערן און פֿאַרטויבט די אויערן.

אין אַ ווינקל אין קיך — אַ בלעכענע וואַנע אָנגעפּילט מיט וואַסער. ס'פּליעסקען און טאַנצן דאָ פֿריילעך אַרום לעבעדיקע קאַרפּן, העכט און לעשטשעס.

אָט קומט ר' אַהרן דער סאַרווער מיט זײַן שטאַב געהילפֿן. ער קען אונדז גוט. אויף יעדער חתונה פֿון מײַנע עלטערע פֿיר שוועסטערס איז ער געווען דער הויפּטסאַרווער. פֿילט ער זיך דאָ טאָקע זייער היימיש. ער וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך זײַן מאַנטל מיטן פֿוטערנעם קאָלנער, טוט אָן אַ ווײַסן כאַלאַט, אַ פּירקאַנטיק שוואַרץ, זײַדן קאַפּעלע אויפֿן קאָפּ און נעמט באַלעבאַטעווען אין דער קיך. ער שיקט קודם־כּל אַוועק אונדזער דינסט מיט זײַן געהילף צום שוחט קוילענען די עופֿות, אַליין פֿאַרשאַרצט ער די אַרבל פֿון זײַן כאַלאַט און נעמט קנעטן דאָס טייג פֿאַר חלות,

אייער־קיכלעך, האָניק־לעקעך און אַלערליי קוכנס. דאָס גרייט ער פֿאַר מאָרגן. אין טאָג פֿון דער חתונה פֿאַרנעמט ער זיך בלויז מיט קאָכן, באַקן און בראָטן די עופֿות.

צו מאָרגנס קומט ער שוין אין באַגלייטונג פֿון ר׳ משהן, זײַן לאַנג־יאָריקן שותף. ר׳ משהס, דעם קרעדענצערס, אויפֿגאַבע איז אויסצושטעלן די טישן: אין עסצימער פֿאַר די מענער, אין דער סאַליע פֿאַר די פֿרויען. דערווײַל דעקאָרירט ער די סאַליע. ער שפּרייט אויס אַ לאַנגן קאָלירפֿולן טעפּעך לענג־אויס דער סאַליע. שטעלט אַוועק פֿון ביידע זײַטן אַ ריי גרינע פּאַלמען — אַ מין גאָרטן־אַלעע — און נאָענט צום פֿענצטער שטעלט ער אַוועק אַ ברייטע פֿאָטערשטול מיט אַן אָנלען, אויסגעבעבעט מיט רויטן וועלוועט — דאָס איז דער טראָן פֿאַר דער כּלה. אין אַן אָפּגעצוימטן ווינקל אין דער זעלבער סאַליע וועלן זיך פֿאַרזאַמלען די כּלי־זמרים מיטן באַרימטן קאַפּעל־מײַסטער, דעם אַלטן שולץ.

עס שווירבלט און גריבלט אין אַלע צימערן, בלויז אין מײַן צימער איז שטיל, שטיל. קיינער דאַרף מיר נישט שטערן אין מײַן חופּה־טאָג. איך פֿאַסט, אָבער זאָט מיט פֿרייד זיך איך אין אַ ווײַס קליידל אַ גאַנצן טאָג מיט אַ סידורל אין האַנט. פֿאַרזונקען אין דער שטילקייט, דאַרף איך צניעותדיק בעטן גאָט מיר צו שענקען אַ גוט מזל און אַ גוט געזונט מײַן באַשערטן. אָבער וואָס טו איך? אין שווײַגן חלום איך. כ׳מיש די בלעטער פֿונעם סידור, לייען איין מאָל און נאָך אַ מאָל מיט אַ ציטער אין האַרצן לאָנדינסקיס ליד, וואָס איך האָב פֿאַרבאַהאַלטן אין דעם סידור. מיט ליב־שאַפֿט האָט ער מיר נעכטן דאָס ליד דערלאַנגט און מיט צערטלעכקייט געזאָגט:

„דאָס איז, העלוש, פֿאַר דיר, אַנשטאָט בלומען אין אונדזער־חופּה־טאָג״:

„באַגעגנסט מיך מיט ראָזע פֿרויען־אָרעמס, וועלט.
מיט פֿרויען־בליקן... און זיי דאָרשטן מיך און גלוסטן...
אָ, ציטערט מיר אַנטקעגן גליִענדיקע ברוסטן
און איך פֿאַרברען מײַן טרויער אין מײַן נזיר־צעלט.

און נישט פֿאַרלעש מײַן פֿלאַם מיט קאַלטן ברוגז־בליק,
און נישט פֿאַרטויש מײַן פֿײַער אויף אַ ראָזן שאָטן,
האָסט איין מאָל מיר די ליפּן־ווײַנען אָנגעבאָטן,
פֿאַרשיכור מיט דײַן שוימענדיקן שטורעמגליק.

בעט אויס אין שטורעם־וואָלקן אונדזער חופּה־בעט,
צי איבער מיט אַ בלויען פּלאַס דאָס בעטגעוואַנט
און מיט לבֿנהס זילבער־לײַלעך אויסגעשפּרייט.
און לאָז אַראָפּרײַסן פֿון זיך דײַן שאַטנקלייד,
און קושן שטאַרק, מיט ברען, דײַן נאַקעט לײַב צו זעט,
ווײַל צווישן מיר און דיר, אַ וועלט, פֿאַרשווינדט די שאַנד".

***

מײַן צימער איז היפּשלעך ווײַט פֿון דער קיך, דאָך דערגייט מיך פֿון דאָרט אַ געמיש פֿון אַלערליי ריחות: געפּילטע פֿיש, הינער־יויך, גע־בראָטענע קאַטשקעס און געגנדזלעך. זיסע ריחות פֿון היימיש געבאַקענע טאָרטן, שטרודלען, רייצן די נאָזלעכער און קיצלען דעם גומען.

פֿאַר נאַכט צו באַווײַזט זיך די פֿריזירערקע. איך בײַט איבער דאָס קלייד, טו אָן דאָס ווײַסע, זײַדענע חופּה־קלייד מיט לאַנגע אַרבל. די פֿריזירערקע קעמט מיט ענטוזיאַזם מײַנע האָר, פֿאַרלייגט מיר פֿאַרזיכטיק דעם ווײַסן שלײַער, וואָס הילט מיך אײַן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. איך קום זיך אַליין פֿאָר ווי אַן אומבאַוועגלעכע מאַריאָנעטקע, גרייט צום אויפֿטרעטן אויף דער בינע און שפּילן אַ קאָמישע ראָלע. איך קוק אויף מײַן מאַמען און מײַנע חתונה־געהאַטע שוועסטערס. זיי זענען טויט־ערנסט, באַטראַכטן, צי די פֿריזירערקע האָט ריכטיק פֿאַרקעמט זייערע שייטלען, זאָגן מבֿינות, שמייכלען צופֿרידן פֿון זיך און באַשיטן מיט קאָמפּלימענטן די כּלה, זייער שוועסטער, וואָס זעט אויס אין זייערע אויגן, ווי אַ בת־מלכּה.

די כּלי־זמרים סטראָיען שוין זייערע פֿידלען, באַלד וועלן אָנהייבן קומען די פֿאַרבעטענע געסט. מײַן טאַטע שפּרײַזט אַרום איבערן עסצימער, אין דער שבתדיקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיטן שטרײַמל אויפֿן קאָפּ. הגם ס'איז אים ניט ניחא די חתונה, דער חתן מיטן מחותּן ניט צום האַרצן, באַמיט ער זיך דאָס ניט אַרויסצוווײַזן. ער האָט פֿאַרבעטן זײַנע חסידים פֿון שטיבל, פֿאַרשטייט זיך, ניט אין דער צאָל, ווי צו אַנדערע שׂמחות זײַנע, וואָס ער פֿלעגט אײַנאָרדענען ברייט, כּיד המלך. צו דער געצוווּנגע־נער חתונה מײַנער — איז עס בלויז יוצא צו זײַן.

די מאַמע שטייט שוין גרייט אין איר לאַנגן געהאַפּטענעם ראָז קלייד, בריליאַנטן פֿינקלען פֿון די שפּיצאויערן, אַ בריליאַנטענער אָנהענגער אויף דעם קוים דעקאָלטירטן האַלדז, דאָס בלאָנדע שייטל שיין פֿאַרקעמט. דאָס מאַכט זי אויסזען אַ סך יינגער ווי זי איז. זי נעמט מיך אונטערן אָרעם און פֿירט מיך מיט פּאַמעלעכע טריט צום טראָן.

מײַנע פּיס, אין די װײַסע, זאַמשענע לאַטשן, פֿאַרזינקען אין דעם רויטן טעפּעך. אַ בלענדנדיקע ליכטיקייט פֿאַרפֿלייצט אַלע צימערן. ס'מיניען זיך קאָלירקע פֿײַערן פֿון די קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן, װאָס הענגען אַראָפּ פֿון די סופֿיטן אין עסצימער און אין דער סאַליע.

אין מײַן מאַמעס בלויע אויגן באַמערק איך פֿלוצלינג טרערן. אַ װאַרעמקייט דערפֿיל איך אַרום מײַן האַרצן און מיט ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט טוליע איך זיך נענטער צו דער מאַמען.

„װײ, װײ איז מיר נישט, סאַראַ אויסשטײַער ער האָט דאָס הײַנט צוגעשיקט, װײ צו מײַנע אויגן װאָס זעען דאָס" — דערהער איך מײַן מאַמעס כליפּנדיקע שטים.

„װײן נישט, מאַמעשי, ער האָט, דער חתן מײַנער, אַ פֿײַנעם אויסשטײַער אין זײַן קאָפּ. דאָס קען מען פֿאַר קיין געלט נישט קויפֿן. גלייב מיר, מאַמעשי, ס'איז בעסער אַ קראַנקע קעשענע, איידער אַ קראַנקע נשמה" — האַלט איך זיך קוים אײַן פֿון אויסשיסן מיט אַ געלעכטער.

די הילכיקע, פֿריילעכע טענער פֿון די כּליזמרשע פֿידלען פֿאַרטױבן דער מאַמעס רייד און װישן אָפּ איר צער און די ביטערע טרערן. מײַנע שװעסטערס, אויסגעפּוצט אין זײַדענע און טאַפֿטענע קליידער, באַגלייטן אונדזערע טריט מיט אַ האַרציקן:

„מזל־טובֿ, מאַמעשי, מזל־טובֿ, חיהלע!"

בעת איך שטײַג אויף די טרעפּלעך, װאָס פֿירן צום טראָן, צום כּסא־הכּלה, שושקעט מיר אויפֿן אויער מײַן עלטסטע שװעסטער שאַשקע: „מיטן רעכטן פֿוס, אין אַ מזלדיקער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה".

ס'הייבן אָן קומען געסט: מײַנע מומעס מיט זייערע טעכטער, אַלע פֿאַרפּוצט אין שעמערירנדיקע טאַפֿטענע קליידלעך. זיי רינגלען אַרום מײַן טראָן, מע קושט זיך, מע װינטשט מיר מזל־טובֿ, איך װינטש צוריק: אם־ירצה־השם בײַ דיר. די כּלי־זמרים שפּילן אויף אַ װאַלץ. ס'װערט לעבעדיק און לוסטיק. די מיידלעך הייבן זיך ספּאָנטאַן אויף פֿון זייערע שטולן, מע צעװיגט זיך אין אַ טאַנץ אין מיטן דער סאַליע און מען שװעבט אין דער לופֿטן מיטן גערויש פֿון די קליידלעך און מע פֿאַרנייגט גראַציעז די עלאַסטישע יונגע קערפּערס.

אָבער איך, מײַנע געדאַנקען שװעבן אין מענער־אָפּטייל, אַריבער דער „מחיצה". ס'װילט זיך מיר װיסן, װי עס פֿילט זיך דאָרט מײַן מחותּן, הלל צייטלין. צונויפֿגעפּרעסט מוז ער דאָרט, נעבעך, זיצן אויבנאָן, לעבן חתן פֿון איין זײַט, מײַן טאַטע — פֿון דער צװייטער זײַט. װאָס טוען זיי דאָרט ביידע, מײַן חתן און מײַן מחותּן, אַרומגערינגלט מיט די חסידים — מײַן טאַטנס נאָענטע פֿרײַנד? שמועסן זיי אין תּורה, װילן זיי דערגיין,

צי דער חתן איז עפּעס בקי אין די קליינע אויתיותלעך, אָדער צי איז ער גאָר אַן עם־הארץ. רחמנות האָבן זיי, מסתּמא, די חסידים, אויף מײַן טאַטן: ר׳ לייבעלע מתמיד און... אַן אײדעם אַ גאָלעבראָדניק...

ווי אַ געפּאַנגן פֿייגעלע אין שטײַג, זיץ איך צוגעמשידט צום טראָן, אומבאַוועגלעך, ביז, ביז מען נעמט זיך פֿאַרען בײַם אויפֿשטעלן די חופּה. אין מיטן דער סאַליע, ווו די מיידלעך האָפּקען און זײַנען זיך משׂמח, שטעלט מען אַוועק פֿיר שטאַנגען און מע ציט זיי איבער מיט אַ סאַמעטענעם דאַך (באַלדאַכין). מײַנע חבֿרטעס און קוזינעס שטעלן זיך אויס פֿון ביידע זײַטן פֿון דער אויפֿגעשטעלטער חופּה, הייבן די קאָלירקע ליכטלעך אין זייערע הענט און מיט נײַגיר און אומגעדולד וואַרטן זיי אָפּ דאָס אַרײַנפֿירן דעם חתן צו דער חופּה.

אַ מאָדנע אומרויִקייט דערפֿיל איך אין זיך. כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס טאַנצט אין מיר אַזוי דאָס הארץ. זאָל דאָס זײַן פֿון פֿרייד? אָט, וועט דאָך באַלד מײַן שיף פֿאַראַנקערן צום אויסגעקוקטן האָפֿן. דער שטורעם איז דאָך שוין אַריבער, ס׳וועט דאָך באַלד אויפֿהעלן דער ליכטיקער מאָרגן פֿאַר מיר צוזאַמען מיט מײַן געליבטן. דער חלום ווערט — וואָר. כ׳האָב סוף־כּל־סוף גובֿר געווען דעם פֿאַרעקשנטן טאַטן מײַנעם, מיט זײַנע פּלענער מיך חתונה צו מאַכן מיטן רבנישן עילוי.

די כּלי־זמרים לאָזן וויסן דורך זייער הילכיק אויפֿשפּילן, אַז מע פֿירט דעם חתן צו דער חופּה. אַלעמענס אויגן שטעלן זיך אָן אויף מײַן חתן. ער איז דער קלימאַקס, די סענסאַציע פֿון דער חתונה. פֿון איין זײַט באַגלייט אים מײַן פֿאָטער, פֿון דער צווייטער — הלל צייטלין, פֿון אַלע זײַטן וואַרפֿט מען אים צו עלעקטריזירנדיקע בליקן.

איך בין איבערראַשט. בײַ קיינעם פֿון די דרײַ זע איך ניט קיין שמייכל אויף די ליפּן. זיי גייען ערנסט, זייערע רויִקע, ריטמישע טריט וויברירן אין דער לופֿטן. איך פֿיל זיך דערהויבן: דער באַרימטער הלל צייטלין, דער שיינגײַסט איז מײַן מחותּן. מאָדנע, ער זעט מיר איצט אויס גראָד ווי דעמאָלט, ווען כ׳האָב אים צום ערשטן מאָל געזען, מיט אַכט יאָר צוריק.

מײַן ידיש־לערער אין קאָלעצקאָס שול, דוד הערמאַן, האָט אונדז זייער אַ סך דערציילט וועגן צייטלינס חשיבֿות ווי אַ שרײַבער, דענקער און מיסטיקער. ער האָט אונדז געעצהט צו גיין הערן זײַן רעפֿעראַט וועגן שבתי צבֿי.

איך בין געגאַנגען. צו זאָגן דעם אמת: איך האָב דעמאָלט ניט פֿאַר־שטאַנען צייטלינס טיפֿע פֿילאָסאָפֿישע געדאַנקען, וואָס האָבן באַגײַסטערט אַלע צוהערערס. ס׳האָט זיך מיר אָבער אײַנגעקריצט אין זכּרון זײַן הדרת־פּנים, וואָס האָט געוועקט צו זיך אַ טיפֿן דרך־ארץ. מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן

האָט ער גערעדט מער צו זיך ווי צום עולם, אָן פּאַטאָס, אָן אַ געמאַכטן אָנשטעל פֿון אַ ראָפֿינירטן אָראַטאָר. האָט ער געשפּרודלט מיט וויסן, מיט אָריגינעלע געדאַנקען. אָט אַזוי זע איך אים אויך איצט, ווי ער פֿירט צו דער חופּה זײַן פֿאַרערער — לאַנדינסקי, וואָס פֿלעגט אים אָפּט באַזוכן אין זײַן וווינונג אויף שליסקע גאַס, פֿירן מיט אים שעהען־לאַנגע וויכּוחים. געוואָלט ווערן אַ שותּף צו ציטלינס וויסן.

איך מוז אָבער באַלד אָפּווענדן מײַנע אויגן פֿון זיי, ווײַל ס'נעמען מיך אונטער די אָרעמס מײַן מאַמע פֿון איין זײַט, לאַנדינסקיס עלטסטע שוועסטער דאָבע — פֿון דער צווייטער זײַט. און אונטער די קלאַנגען פֿון מוזיק ווער איך צוגעפֿירט צו דער חופּה.

זיבן מאָל דרייען מיר זיך אַרום דעם חתן. ווי פֿאַרענדערט זעט ער איצט אויס. דער נײַער אָנצוג, דער מאַנטל מיטן פֿוטערנעם קאָלנער און דער עיקר דער נײַער שוואַרצער הוט, אָנשטאָט דעם קליינעם, צעקנייטשטן, אָפּגעבלאַקעוועטן ברוינעם — גיבן אים אַ פֿריציש אויסזען. ער איז נישט דרייסט אַ קוק צו טאָן אויף מיר. דערפֿאַר אָבער נעמט מיך דורך מיט וואַרעמע בליקן הלל ציטלין פֿון אונטער זײַן שוואַרצן הוט מיט די ברייטע ראַנדן.

בעת מײַן חתן טוט מיר אָן, מיט ציטערדיקע הענט, דאָס קידושין־רינגל און גלעט מיך מיט זײַנע בלויע, שטראַלנדיקע אויגן, דערפֿיל איך מײַן טאַטנס קוק אויף מיר. מיר דוכט, ער בענטשט מיך, מיט שטומע ליפּן בענטשט ער מיך. כ'בייג אַראָפּ מײַן קאָפּ, כ'וואָלט וועלן, ער זאָל איצט אויפֿהייבן זײַנע הענט איבער מײַן קאָפּ און מיך בענטשן, ווי ער פֿלעגט דאָס אַזוי האַרציק טאָן מיט יעדן פֿון אונדז, זײַנע קינדער, יאָר־אײַן, יאָר־אויס, ערבֿ יום־כּיפּור, איידער ער איז געגאַנגען דאַווענען אין שיל, ווו ער איז פֿאַרבליבן אַ גאַנצן מעת־לעת.

אַרויס פֿון הינטער דער חופּה — לאָזט זיך אויף אונדז אַראָפּ אַ מבול פֿון קאָנפֿעטי. מיט דעם זײַנען מיך און מײַן חתן מכבד מײַנע צעהוליעטע, באַזוניקטע חבֿרטעס. ברכות פֿון מזל און גליק פֿון דעם ווײַבערשן עולם באַגלייטן אונדזערע טריט.

דער עולם איז זיך מחיה מיטן געשמאַקן מאַלצײַט. מע טרינקט לחיים — אַ שפּע פֿון ווײַנען, אַלערליי שנאַפּסן. אַ געמיש פֿון ריחות פֿילט אָן די לופֿט. אַ געזשומערײַ ווי אין אַ בינשטאָק.

איך זעץ זיך לעבן הלל ציטלינס פֿרוי. מיט איידלקייט באַרויִקט זי מײַן באַזאָרגטקייט וועגן איר גרויסן מאַנס געמיט אין דער ניט פּאַסיקער

פֿאַר אים, לויט מײַן מיינונג, געזעלשאַפֿט. מיר דערפֿילן זיך נאָענט, כּמעט היימיש. אָבער אונדזער שמועס שטערט דער מאַרשעליק, אַ ברייטפּלייציקער ייִד אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אַ סאַמעטן קאַפּל אויפֿן קאָפּ, אַ ברייט־צעוואַקסענע געלע באָרד און לאַנגע וואָנצעס איבער די פֿליישיקע ליפּן, אַ מומחה אין שיטן מיט גלײַכוווערטלעך. ער שטעלט זיך אַוועק קעגנאיבער אונדז און מיט אַ בדחנישן ניגון זינגט ער אויס זײַנע געגראַמטע זאָגעכצן, וואָס דאַרפֿן מאַכן סײַ לאַכן, סײַ וויינען די כּלה און דעם ווײַבערשן עולם. אַ טייל פֿון די ייִדענעס האַלטן זיך טאַקע בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער, האָבן הנאה פֿון דעם „מײַסטער”, דעם פּאָפּולערן מאַרשעליק, זיי קוויקן זיך מיט זײַנע שאַבלאָנע דרשות, ווערן ברייטער ווי לענגער ביז... ביז מע לאָזט וויסן, אַז די מחותּנים גייען טאַנצן אַ מיצווה־טענצל מיט דער כּלה.

מײַן פֿרייד איז אין לשער: מײַן טאַטע גייט מיט מיר טאַנצן אַ מיצווה־טענצל? ער איז מיר, הייסט עס, מוחל די צרות, וואָס כ'האָב אים אומבּ־רחמנותדיק פֿאַרשאַפֿן?

אַ צעשײַנטער קומט אַרײַן אין דער סאַליע מײַן טאַטע, הינטער אים הלל צייטלין. אַ גליקלעכע גיי איך זיי אַנטקעגן. מיט אַ ליבלעכן שמייכל נעמט מײַן טאַטע אַרויס פֿון זײַן קעשענע אַ טיכל און דערלאַנגט מיר אַן עק פֿונעם טיכל. מיר טאַנצן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. כ'בין איבער־ראַשט און גערירט. ס'ווילט זיך מיר אַרומנעמען מײַן טאַטן, אים קושן און אויסרופֿן: כ'האָב דיך ליב, טאַטעשי, כ'האָב אַ גרויסן טאַטן! אַ שאָד, כ'קען זיך ניט דערנענטערן צו אים, די פֿאַנאַטישע פּרינציפּן דערלויבן נישט. אָבער וואָס ער האָט ניט דערגרייכט, אין פֿאַרלויף פֿון די דרײַ יאָר, דורך זײַן האַרטנעקיקן קאַמף, דערגרייכט ער איצט דורך זײַן פֿאָטערלעכער ליבע.

הלל צייטלין שטייט אין אַ פֿאַרלעגנהייט, ער ספֿקט, צי קען ער מיט מיר טאַנצן האַלטנדיק זיך בײַ די הענט. מײַן פֿאָטער באַמערקט עס, דער־לאַנגט ער אים זײַן טיכל. מיט אַ שמייכל אויף די לענגלעכע וואָנצעס, אין די ווינקלען פֿון מויל, דערלאַנגט מיר צייטלין דעם צווייטן עק פֿון טיכל, וואָס דאַרף אונדז פֿאַרבינדן בײַם מיצווה־טאַנץ. כ'דערפֿיל אַ וואַרעמקייט, אַ נאָענטקייט צו אים. מײַן פֿיִעטעט, דער יראת־הכּבֿוד, וואָס כ'האָב פֿאַר צייטלינען דעם חשובֿן שרײַבער און דענקער, פֿאַרשווינדט איצט אויף אַ מיסטישן אופֿן. מיר דוכט, אַז הלל צייטלין איז מײַנער אַ נאָענטער קרובֿ.

יאָ, דאָס מיצווה־טענצל, סײַ מיט מײַן טאַטן, סײַ מיט הלל צייטלין, איז געוואָרן איינער פֿון די געהויבנסטע מאָמענטן אין מײַן לעבן און פֿאַרנעמט נאָך עד היום אַ ליכטיק ווינקל אין מײַנע זכרונות.

שמואל יקיר און העלען לאָנדינסקי

פֿאָטאָגראַפֿירט אין 1920 פֿונעם שריפֿטשטעלער אַלטער קאַציזנע ע״ה

די גרינדונג פֿון פֿאַרלאַג „די צײַט"

אין אַן אָוונט אין מיטן וואָך, אָנהייב יאָר 1920, האָבן זיך בײַ אונדז, אין דער דירה פֿון מײַנע עלטערן, פֿאַרזאַמלט אַ גרופּע יונגע ייִדישע שרײַבערס.

מיר זיצן אין אונדזער צווייפֿענצטערדיקן צימער. בײַ אַ גלעזל טיי פֿירט מען אַ לעבעדיקע דיסקוסיע אין שײַכות מיטן מצבֿ פֿון ייִדישער פֿאַרלעגערײַ אין וואַרשע. מע באַקלאָגט זיך, ווי שווער עס איז אַ יונגן ייִדישן שרײַבער אָנצוקומען צו אַ פֿאַרלעגער אין וואַרשע, סײַדן מע איז שוין אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ".

— גוט, קאָלעגן, — זאָגט לאָנדינסקי — וואָס איר באַרירט דעם אָנגעווייטיקטן ענין: ייִדישער פֿאַרלאַג און ייִדישער שרײַבער. וועגן דעם עגבערט מײַן מוח שוין אַ לענגערע צײַט און זאָל איך אײַך מגלה זײַן אַ סוד?

איך האָב אײַך דאָ הײַנט פֿאַרבעטן כּדי אײַך מיטצוטיילן מײַן פּלאַן וועגן גרינדן אַ פֿאַרלאַג אויף גאַנץ אַנדערע יסודות, ווי די ביז־איצט עקסיס־טירנדיקע ייִדישע פֿאַרלאַגן. איך וועל זיך ניט יאָגן, ווי זיי, נאָך ווערק פֿון אונדזערע קלאַסיקערס. מײַן אויפֿגאַבע וועט זײַן אויסצוגעפֿינען אמתע יונגע טאַלאַנטן, געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו שרײַבן און זיי מאַכן פּאָפּולער צווישן אונדזערע ייִדיש־לייענערס; אַרויסצוגעבן ווערק פֿון הײַנטצײַטיקע שרײַ־בערס, וואָס דאַרפֿן בלײַבן אין דער געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור און זייערע נעמען וועלן ניט פֿאַרווישט ווערן פֿון דער צײַט. און הייסן וועט ער טאַקע: פֿאַרלאַג „די צײַט".

— פֿאַרלאַג „די צײַט"? — פֿרעגט ישׂראל שטערן און אַ לײַכטער חוזק־שמייכל צעלייגט זיך אין די ווינקלען פֿון זײַן היפּשלעך ברייט מויל — פֿאַרלאַג, „די צײַט", האַ?... די צײַט איז דאָך אַן אַבסטראַקטער באַגריף, ווילט איר, הייסט עס, גרינדן אַן אַבסטראַקט־קאָנקרעטן, אָדער אפֿשר גאָר אַ קאָנקרעט־אַבסטראַקטן פֿאַרלאַג? — צעלאַכט זיך שוין שטערן אויפֿן קול. און אַז ישׂראל שטערן לאַכט, לאַכן בײַ אים נישט בלויז די בלוילעך־גרינע אויגן, עס לאַכן אויך די טיפֿע פֿאַלדן פֿון זײַן קײַלעכדיקן פּנים אַרום דעם

מויל, עס לאַכן, דוכט זיך, אויך די צעשויבערטע האָר, צעוואָרפֿן איבער זײַן ברייטן שטערן.

— דאָס איז ניט סתּם קיין צופֿעליקער נאָמען — ענטפֿערט לאַנדינסקי ערנסט, מיט אַ באַהאַלטענעם פֿאַרדראָס אויף שטערנס סאַרקאַזם — מײַן כּוונה איז, ווי געזאָגט, אַרויסצוגעבן ווערק פֿון שרײַבערס פֿון אונדזער עפּאָכע, ישׂראל שטערן אַרײַנגערעכנט.

— ס׳קלינגט ווי אַן אוטאָפּיע — שלאָגט איבער יהושע פּערלע — איר האָט אַ „ראַנדעוווּ" מיטן חלום, חבֿר לאַנדינסקי. ס׳איז אַ זיסער חלום, אָבער כלעבן, אַ ביטער שטיקל ברויט. איר זײַט דאָך נאָך לעת־עתּה נישט קיין מעצענאַט. אַ פֿאַרלאַג איז קודם־כּל אַ געשעפֿט און פֿון אונדז, יונגע שרײַבערס, קענט איר נישט דערוואַרטן קיין גליקן — צוקט נערוועז דאָס לינקע אויג הינטער פּערלעס גאָלד־געראַמטע ברילן.

— דאָס רעדט צו מיר איצט, זײַט מוחל, פּערלע דער בוכהאַלטער — זאָגט לאַנדינסקי שוין אַ ביסל אויפֿגערעגט. זײַן הויכער שטערן קאָרבט זיך לײַכט, די בלויע אויגן וואַרפֿן פֿונקען פֿון גלויבן און איבערצייגונג. — פֿאַר וואָס זאָלט איר, מיט אײַער דערציילערישן טאַלאַנט, פּטרן אײַער צײַט אויף פֿירן בוכהאַלטעריע אין עמעצנס געשעפֿט? צי וועט אײַך דען ניט זײַן ליבער זיך מער אָפּצוגעבן מיט אײַער שאַפֿן און צו זען אײַערע שריפֿטן פֿאַראייניקט אין אַ בוך? זאָרגט ניט פֿאַר מײַן ברויט, איך בעט אײַך, מײַן פֿאַרלאַג איז ניט קיין אילוזיע. איך פֿאַרשטיי, ווי אַזוי צו פֿאַרבינדן דאָס גשמיותדיקע מיטן רוחניותדיקן. עס מוז נעמען אַ סוף, חבֿרים, צו פֿאַר־קויפֿן דעם פֿאַרלעגער אַ ווערק לעולם־ועד — הייבט אויף לאַנדינסקי זײַן שטים אויף אַ העכערער אָקטאַווע.

— עס בענקט זיך, קאָלעגע לאַנדינסקי, נאָך די רעוואָלוציאָנערע צײַטן — הערט זיך ד״ר ב. ציפּורס געלאַסענער און צעצויגענער קול.

— איך וועל צאָלן דעם מחבר פּראָצענטער פֿונעם פֿאַרקויפֿפּרײַז פֿון בוך פֿון יעדער אויפֿלאַגע, וואָס וועט דערשיינען אין מײַן פֿאַרלאַג, אין פֿאַרלויף פֿון צען יאָר. נאָכן אָפּלויף פֿון דעם טערמין קערט זיך דאָס ווערק אום צום מחבר, אויף זײַן פֿאַרלאַנג.

— צי שטעלט איר זיך פֿאָר דעם שטורעם, וואָס איר וועט אַרויסרופֿן אין די היגע רײַכע ייִדישע פֿאַרלאַגן מיט אַזאַ ראַדיקאַלער ענדערונג? — פֿרעגט ווידער ד״ר ציפּור אויפֿריכטיק באַזאָרגט.

— גלייבט מיר, — זאָגט לאַנדינסקי, שמייכלענדיק — איך האָב מער מורא געהאַט פֿאַר מײַן חסידישן שווער, וואָס פֿאַר אים זײַנען אַלע ייִדישע שרײַבערס, מײַן ווייניקייט אַרײַנגערעכנט, אַפּיקורסים, גאַלעבראָדניקעס, שלימזלניקעס, און ווי איר זעט, האָבן מיר אים גובֿר געווען: מיר ווינען

נאָך פֿאַרלויפֿיק צוזאַמען אונטער איין דאַך; איך וועל אויך, מיט אײַער הילף, פֿאַרשטייט זיך, בײַקומען די פֿאַרלעגערס און אויסוואָרצלען זייער אויסניצערישע סיסטעם.

ד״ר ציפֿור גלעט זיך די טונקעלע פֿאַסן שיטערע האָר, וואָס פֿאַרדעקן זײַן פֿריצײַטיק כּמעט נאַקעטן פֿאַדערשטן טייל פֿון זײַן קאָפּ און אַ סקעפּ־טישער שמייכל שלענגלט זיך אויף זײַנע ליפּן.

— איך בין אײַער אָנהענגער! — שפּרינגט אויף פֿון שטול דער פֿלאַם־פֿײַערדיקער ענטוזיאַסט יואל מאַסטבוים. קלאַפּנדיק לאַנדינסקין איבער די פּלייצעס, שיסט ער אויס מיט ברען:

— אַנשטאָט צו דערמוטיקן לאַנדינסקין און ווינטשן הצלחה אין דער וויכטיקער אונטערנעמונג, לייגט איר אים גאָר שטיינער אויפֿן האַרצן? איך פֿאַרזיכער אײַך, לאַנדינסקי, וואָלט איך איצט געהאַט אַ פֿאַרטיקן ראָמאַן צום אַרויסגעבן, זײַט איר גלײַך מײַן פֿאַרלעגער, נישט גיטלין און אויך נישט „צענטראַל״ — טרייסלט זיך דערבײַ זײַן געקרײַזלטע שוואַרצע טשופּרינע, ווי זי וואָלט מסכּים געווען מיט זײַן דערקלערונג.

— איך בין צופֿרידן אויסצוהערן אײַערע מיינונגען, אַנטמוטיקן אָבער וועט מיך קיינער נישט! איך האָב שוין לעת־עתּה אָפּמאַכן מיט פֿיר שרײַבערס: דער ערשטער בין איך אַליין. ס׳וועט גאָר אין גיכן דערשײַנען אין פֿאַרלאַג „די צײַט״ מײַן בוך לידער: „פֿלאַמען״. ה. בערלעווי האָט שוין פֿאַרטיק פֿאַר מיר אַ צייכענונג פֿאַר דער הילע. דאָס צווייטע בוך לידער וועט זײַן אורי צבֿי גרינבערגס „פֿאַרנאַכטנגאָלד״; דאָס דריטע וועט זײַן אַ פּראָזע־בוך פֿון אַבֿרהם זאַק: „אונטער די פֿליגל פֿון טויט״. איך האָב פֿאַר דעם בוך באַשטעלט אילוסטראַציעס בײַ יעקבֿ אַדלער און זײַט זיכער, ס׳וועט זײַן אַ פּראַכטיקע אויסגאַבע; דאָס פֿערטע בוך וועט זײַן פּ. בימקאָס דראַמע: „גנבֿים״.

— ווי קומט איר צו פֿישל בימקאָ? ער ווײַנט דאָך אין קעלץ?

— ער האָט זיך פֿאַר מיר פֿאַרקלאָגט, בימקאָ, געמאַכט הוצאות, גע־קומען אין „צענטראַל״ פֿאַרקויפֿן זײַן דראַמע „גנבֿים״. רופֿט מען דאָרט צוזאַמען אַקטיאָרן, מע לייענט פֿאַר זיי די דראַמע, מע וויל זיך פֿאַרזיכערן, אַז מען וועט די דראַמע גלײַך אויפֿפֿירן און מע הייסט אים וואַרטן אויף אַ באַשלוס, מחמת פֿאַראַנען דאָרטן חילוקי דעות. און ער, בימקאָ, לויפֿט, נעבעך, אַרום אַ פֿאַרצווייפֿלטער, ווערט געפּרווירן אין זײַן לײַכטן מאַנטל אין די פֿראָסטיקע טעג אין וואַרשע, האָב איך אים אַרויפֿגענומען צו מיר און זײַנע „גנבֿים״ וועלן אין גיכן דערשײַנען אין מײַן פֿאַרלאַג.

— קומט דאָך אײַך אַ מזל־טובֿ, וואָס זשע שווײַגט איר, לאַנדינסקי? — רופֿט אויס מאַסטבוים אַ דערפֿרייטער.

— מיט אײַך, חבֿר מאַסטבוים, וועל איך שליסן אַן אָפּמאַך אויף אַ ראָמאַן, וואָס איר וועט שרײַבן פֿאַר מײַן פֿאַרלאַג, אויב איר וועט מסכּים זײַן.

— ס׳הייסט מסכּים זײַן? אַוודאי, וואָס דען? איר ווילט מיר אפֿשר אויך געבן אַ טעמע פֿאַר דעם ראָמאַן? — און עס ציטערן בײַ אים נערוועיִש זײַנע סענסועלע נאָזלעכער.

— די טעמע הער איך פֿון אײַך כּמעט יעדן אָוונט אָט־דאָ, בײַ אונדז. איר דערציילט אַזוי לעבעדיק וועגן אײַער רעוואָלוציאָנערן ברודער, שרײַבט דאָס אָן אין פֿאָרעם פֿון אַ ראָמאַן. ברענגט מיר יעדע וואָך קאַפּיטלעך און איך וועל אײַך אין פֿאָרויס יעדעס מאָל צאָלן אויפֿן אָפּגערעדטן סמך פּראָצענטער, וואָס וועט אײַך קומען נאָכן דערשײַנען און פֿאַרקויפֿן אײַער בוך.

— אַ געזונט אין אײַך, אַ געניאַלער אײַנפֿאַל! ס׳איז אָפּגעמאַכט!

— ווי איך זע, זאָרגט איר אויך, לאַנדינסקי, פֿאַר די ווערק וואָס איר האָט בדעה אַרויסצוגעבן — זאָגט מיט אַ שטילן, גלעזערנעם טאָן אַהרן איינהאָרן. — וואָס אַ שטייגער האָט איר אין זינען געהאַט פֿאַר מיר? איך קען אײַך קיין ראָמאַן נישט צוזאָגן.

— מײַן פֿאַרלאַג וועט אויך אַרויסגעבן איבערזעצונגען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. כ׳וויל געבן דעם יידישן לייענער, וואָס קען ניט קיין פֿרעמדע שפּראַכן, אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די שאַפֿונגען פֿון די פּוילישע, פֿראַנצייזישע און אַנדער־שפּראַכיקע שרײַבערס. די איבערזעצונגען מוזן געמאַכט ווערן פֿון אָריגינאַל. י. י. זינגער וועט פֿאַר מײַן פֿאַרלאַג איבערזעצן פֿון פּויליש זשולאַווסקיס „שבתי צבֿי״, ווען ער וועט צוריקקומען פֿון זײַן נסיעה, פֿון רוסלאַנד. איר, חבֿר איינהאָרן, האָט שטודירט אין פֿראַנקרײַך. אײַך איז די פֿראַנצייזישע שפּראַך ניט פֿרעמד, וועט איר פֿאַר מיר איבערזעצן וואָס איר וועט אַליין אויסקלײַבן פֿון מאָליערן.

אַהרן איינהאָרן פֿאַררייטלט זיך ביז איבער די אויערן. זײַנע געל־בלאָנדע האָר, דוכט מיר, רייטלען זיך אויך. ער נעמט אָן דעם אָנבאָט מיט פֿרייד.

— איך... דאַרף זיך נאָך מישבֿ זײַן. — עפֿענען זיך די ביז איצט פֿאַרזיגלטע ליפּן בײַ ז. סעגאַלאָוויטשן — איר זאָגט אונדז צו, לאַנדינסקי, אָנשטאָט אַן איינמאָליקן האָנאָראַר, פּראָצענטער פֿון יעדער אויפֿלאַגע, וואָס איר וועט אַרויסגעבן. מײַנע ביכער, כ׳ווייס נישט צי אײַך איז באַקאַנט, — הייבט אויף סעגאַלאָוויטש די אָראָפּגעלאָזטע ברעמען — זײַנען זייער גוט פֿאַרשפּרייט, זיי ווערן זייער אַ סך פֿאַרקויפֿט ניט נאָר בײַ אונדז אין פּוילן, נאָר אויך אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע, בכלל אומעטום, וווּ עס איז נאָר פֿאַראַן אַ יידישער ישובֿ מיט אַ יידיש־לייענער. איז, פֿרעגט זיך, ווי אַזוי וועל איך לכל הפּחות וויסן, ווען עס ענדיקט זיך בײַ אײַך די ערשטע אויפֿלאַגע און ווען איר הייבט אָן צו לאָזן אין גאַנג די צווייטע. אַגבֿ,

האַנדל איך איצט אונטער מיט שרעבערקס פֿאַרלאַג אין ווילנע, זיי געבן אַרויס מײַן בוך: „גאָלדענע פּאַוועס" און ווילן אויך אַרויסגעבן מײַן בוך דערציילונגען „די קרימער נעכט". בכן, ווי געזאָגט, דאַרף איך נאָך האָבן אַ ישובֿ הדעת.

— די דאָזיקע דרשה פֿול מיט פּאַטאָס, — שיקט ווייסענבערג צו סעגאַלאָוויטשן אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — האַלט איך, איז אַ דירעקטע באַליידיקונג פֿאַר לאַנדינסקין. איך קען גוט די לאַנדינסקיס און להיפּוך צו סעגאַלאָוויטשן גיב איך אײַך איבער, לאַנדינסקי, מײַן בוך דערציילונגען. איך האָב, וואָס אַן אמת, אָפּגעמאַכט בײַ זיך מער נישט צו האָבן צו טאָן מיט קיין שום פֿאַרלעגער. ווי נאָר זיי דערשפּירן בײַ מיר דעם חלף אויף מײַן האַלדז, דריקן זיי מיך צו צו דער וואַנט, די בלוט־זייגערישע פֿאַר־לעגערס, און איך פּטר בײַ זיי מײַן ווערק פֿאַר אַ שיבוש. איך האָב אָקאָרשט פֿאַרענדיקט דאָס צוזאַמענשטעלן מײַן בוך דערציילונגען אונטערן נאָמען: „אַ שלעכטע פֿרוי", בדעה געהאַט דאָס אַרויסצוגעבן אויף מײַן אייגענעם חשבון, אָבער איך האָב דעם פֿולן צוטרוי סײַ צו לאַנדינסקיס אונטער־נעמונגס־קראַפֿט, סײַ צו זײַן עטישקייט און איך בין גרייט אונטערצושרײַבן אַן אָפּמאַך מיט אים.

לאַנדינסקי פֿאַרטיידיקט סעגאַלאָוויטשן. ווי אַ שותּף, הגם ניט קיין גלײַ־כער, האָט ער דאָך דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן דעם פֿאַרקויף פֿון זײַנע ביכער און אין דעם פּרט וועט זיך יעדער איינער דאַרפֿן שטעלן אין פֿאַר־בינדונג מיט פֿרוי לאַנדינסקי, וואָס וועט ניט נאָר קאָרעגירן אַלע אַרויס־געגעבענע ביכער אין פֿאַרלאַג „די צײַט", נאָר אויך פֿירן אַ גענויע בוכ־האַלטעריע.

אויף לאַנדינסקיס בקשה דערלאַנג איך משקה און לעקעך און עס שאַפֿט זיך באַלד אַ דערהויבענע שטימונג. ווייסענבערג ווינטשט, אַז דאָס נײַ־גע־בוירענע קינד, דער פֿאַרלאַג „די צײַט", זאָל, חלילה, נישט זײַן קיין זיבעלע, וואָס זאָל קוים אָטעמען, נאָר אַ רײַף נאָרמאַל קינד, וואָס זאָל וואַקסן און זיך אַנטוויקלען און אַלע זאָלן דערפֿון שעפּן פֿולע עמערס נחת.

חבֿרה נעמט קיבוצן אויפֿן שרײַבערישן שטייגער. יהושע פּערלע פֿירט דורך אַ סטאַטיסטיק פֿון די שוין געגעטע שרײַבערס און אויך פֿון די, בײַ וועמען דער גט וואַרט שוין אויף דער שוועל. די לאַנדינסקיס קומען נישט אַרײַן אין חשבון, זיי האַלטן נאָך בײַ די האָניק־חדשים.

— און וואָס איז די פּעולה, אַז קאַגאַנאָווסקי שטייט נישט בײַ אײַך אויף דער ליסטע — זאָגט ווייסענבערג, שוין דעמאָלט אַ געגטער — שטערט עס אים דען עפּעס, דעם שאַרלאַטאַן, דעם פֿראַנט מיטן ווײַסן קראַוואַטל, צו דעמאָראַליזירן און צו פּטרן דאָס געזונט פֿון זײַן כלומרשטער געליבטער. אַ

רחמנות, כלעבן, אויף דער בלאָנדער יפת־תואר זײַנער, זי מוז שוין, נעבעך, איצט ווינען אין אָטוואָצק, משמעות געפּאַקט די „טשאַכאָטקע".

עס נעמען זיך שיטן רכילותן און זידלווערטער אויף קאַגאַנאָווסקיס אַדרעס: אַ זשוליק, אַ דאָן־זשואַן, דער פֿאַרדאָרבענער...

— גענוג, איך קען נישט מער פֿאַרנעמען אײַערע רייד! — רעוואָל־טירט מאַסטבוים — קיינער פֿון אונדז האָט זיך נישט געטובֿלט אין הייליקן וואַסער. ווער פֿון אײַך, חבֿרה, האָט נישט געזינדיקט? צי פֿאַרשטייט איר נישט, אַז די דאָזיקע יונגע פֿרוי איז אַ פּועל יוצא פֿון די טראַגישע קאָנ־פֿליקטן צווישן איר און די אָרטאָדאָקסישע עלטערן אירע, וואָס האָבן איר אײַנגעשליירט אַ חסידישן יונגנמאַנטשיק פֿאַר אַ מאַן קעגן איר ווילן.

איך שטיי בײַ דעם הויכן, אײַנגעהייצטן קאַפֿלע־אויוון. מיר איז ניט קלאָר, צי איז מאַסטבוים אויסן צו פֿאַרטיידיקן זײַן שוואַרץ־חנווודיקן קאָלע־גע אפֿרים קאַגאַנאָווסקי, צי גאָר זײַן שלאַנקע, בלאָנדע געליבטע. באַלד אָבער רופֿט מיך מאַסטבוים און רוימט מיר אײַן אין אויער, אַז איך זאָל אים געבן אַ שטאָלן קעמל מיט אַ דינער ביבולקע, קיינער זאָל ניט באַ־מערקן. ער שטעלט מיך אין אַ פֿאַרלעגנהייט: צו דערפֿילן דאָס שליחות, מוז איך אַרײַן אין באַדצימער, וואָס מיינט דורכגיין דאָס עסצימער, ווו עס זיצן בײַם טיש טאַטע־מאַמע, זיכער מיט אַ בייז געמיט צוליב דער מסיבה אונ־דזערער.

מאַסטבוימס ווייכער, בעטנדיקער בליק איז גורם, אַז כ'זאָל צוגיין צו אַ שופֿלעדל, אַרויסנעמען מײַן שטיקל שייטל און פֿאַרלייגן עס אויף מײַן קאָפּ, ווײַל באַוויַזן זיך פֿאַר מײַן טאַטן מיט מײַנע אייגענע האָר וואָלט זײַן הימל עפֿן זיך...

— זע, נאָר זע, חייקע — הער איך מײַן מאַמעס אויפֿגערעגטע שטים, בעת איך שפּאַן דורך דאָס עסצימער. די מאַמע רופֿט מיך חייקע, ס'איז שלעכט — זי איז בייז.

— זע נאָר דעם שמאַדער, וואָס דײַנע „געסט" האָבן מיר דאָ אָנגע־מאַכט. אַזעלכע צעלייגערס זײַנען זיי, די לידלעך־שמירערס דײַנע, אַז סע סטײַעט זיי אַפֿילו נישט אויף קאַלאָשן? די בלאָטע פֿין גאַנץ וואַרשע האָבן זיי דאָ פֿאַרשלעפּט אויף מײַנע פֿראָטירטע פּאָדלאָגעס.

— מנע, אַן אָנשיקעניש אַזאַ אויף מיר — הייבט אויף דער טאַטע זײַן קאָפּ פֿון איבער דער גמרא — אַן אַסיפֿה פֿין שרײַבערוקעס אין מײַן דירה! זאָל דאָס אויסגיין צי מײַנע שׂונאימס קעפּ! אַ געשעפֿט, זאָגט זי, גייט זי מאַכן, די צדקת דײַנע — טײַטלט ער מיט אַ פֿינגער אויף מיר צו

פֿון ייִוואָ־אַרכיוו און פֿון מלך ראַוויטשעס פֿאָטאָגראַפֿישער זאַמלונג.

שרײַבערס וואָס זײַנען געווען פֿאַרטראָטן מיט זייערע ווערק אין פֿאַרלאַג „די צייט" — אויפֿגענומען אין וואַרשע — 1922 (לייען זײַט 127). פֿון רעכטס ערשטע ריי: ש. י. לאַנדינסקי, י. מ. ווייסענבערג, ד"ר ב. ציפּור; צווייטע ריי: יהושע פּערעלע, אַבֿרהם זאַק, פֿישל בימקאָ, ישׂראל שטערן, יואל מאַסטבוים; דריטע ריי: י. י. זינגער, מלך ראַוויטש, אורי צבֿי גרינבערג, לייבל דניאל, י. י. טרונק און ז. סעגאַלאָוויטש.

דער מאַמען — אַז אָך און ווי — קרעכצט ער אַרײַן אין זײַן גרוילעך בערדל.

איך פֿאַרשנורעווע די ליפּן און שווײַג פֿאַרעקשנט. איך האָב מורא, אַז מײַן ענטפֿער זאָל נישט אַרויסרופֿן אַ גהינומדיקן וויכּוח און לאָז מיך גיין מיט גיכע טריט אין באַדצימער.

צוריק אין אונדזער צימער הער איך לאַנדינסקין דערציילן, אַז זײַן פּנים האָט שוין חדשים־לאַנג ניט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ ראַזיר־מעסערל, ער פֿאַרלאָזט זיך אַ בערדל, כּדי נישט צו דערצערענען דעם שווער זײַנעם, וואָס האַלט אונדז נאָך דערווײַל בײַ זיך אויף קעסט.

איך דערלאַנג דיסקרעט מאַסטבוימען דעם קאָם מיט דער דינער ביבולקע. מאַסטבוים פֿאַרדרייט די עלעקטרישע לאָמפּן און אין שטאָק־פֿינצטערניש וויברירן באַלד אין חלל טענער פֿון דער אָפּערע „טראַוויאַטאַ״ פֿון מאַסט־בוימס ליפּן, דורך דעם „מוזיקאַלישן אינסטרומענט״ זײַנעם.

מיר זײַנען אַלע איבערראַשט, הגם מיר ווייסן, אַז מאַסטבוים איז אַ ליידנשאַפֿטלעכער מוזיק־ליבהאָבער. ער פֿאַרפֿעלט נישט קיין איין אָפּערע, וואָס ווערט אויפֿגעפֿירט אין וואַרשעווער פּוילישן טעאַטער. ספּאָנטאַן רינג־לען אים אַלע אַרום און באַוווּנדערן זײַן דין מוזיקאַליש אויער, וואָס האָט אויפֿגעכאַפּט אַלע קאָמפּליצירטע טענער פֿון אַן אַריע פֿון דער קלאַסישער אָפּערע „טראַוויאַטאַ״.

טאַטע־מאַמע אָבער חוזקן. נאָך דעם ווי די שרײַבערס האָבן פֿאַרלאָזט אונדזער וווינונג פֿרעגט מיך מײַן מאַמע:

„וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קאַצנמוזיק געווען בײַ דיר אין מיטן דרינען? אַ פּורים־שפּיל אין אַ פּראָסטן מיטוואָך?״

„די שרײַבערס, די ליידיק־גייערס, זיי דאַרט נישט דער קאָפּ מכּוח פּרנסה״ — העלפֿט איר אַרויס דער טאַטע אַן אָנגעבלאָזענער.

מײַנע באַגעגענישן מיט י. מ. װײסענבערג

דער נאָמען װײסענבערג איז מיר ליב און טײַער, גלײַך װי עס זײַנען מיר טײַער מײַנע זכרונות װעגן אים. איך טראָג זײ מיט זיך, זײ לאָזן זיך נישט פֿאַרגעסן און, למאַי זאָל איך לײקענען, איך װיל זײ נישט פֿאַרגעסן.

אָט בין איך אַ גאָר יונג מײדל, אַ שפּאָר ביסל נאַיװ, אָבער פֿול מיט ליבע צו מענטשן און גלױבן אין מענטשן. זי געפֿעלט מיר, דאָס מײדל, פֿרײלין טױבנבלאַט, זי געפֿעלט מיר, כּלעבן, בעסער װי פֿרוי לאַנדינסקי. אָט זע איך זי לױפֿן אױף דזיעלנע גאַס אין װאַרשע. װוּהין לױפֿט זי? װוּהין אײַלט זי זיך אַזױ?

ש. י. לאַנדינסקי, איר צוקונפֿטיקער לעבנס־באַגלײטער, האָט אָנגעשריבן אַ ליד פֿאַר װײסענבערגס „ײדישע זאַמלביכער". ער איז קראַנק, ליגט אין בעט, דאָס ליד מוז אָבער װײסענבערג גלײַך באַקומען, כּדי עס זאָל נאָך קענען אַרײַן אין דעם נומער, װאָס װײסענבערג גרײט צום דרוק. מאַכט לאַנדינסקי פֿרײלין טױבנבלאַט פֿאַר זײַן שליח צו װײסענבערגן. װעגן װײסענבערגן האָט שױן דעמאָלט דאָס מײדל אַ סך געהערט, געשלונגען זײַנע דערצײלונגען, אָבער פּערזענלעך קען זי אים נישט. לױפֿט זי דאָס טאַקע איצט מיט דעם ליד צו װײסענבערגן אין זײַן רעדאַקציע, זיך טרעפֿן מיט אים פּנים אל פּנים. זי שפּרינגט, װי אַ װיעװיערקע, איבער די שטיגן פֿיר שטאָק אַרױף און פֿאַלט אַרײַן אין אַ לאַנג, שמאָל צימער. אױף אײן זײַט, בײַ דער װאַנט, אַן אײַזערן בעט, אױף דער קעגנאיבערדיקער זײַט בײַ דער װאַנט — אַ טיש אָנגעװאָרפֿן מיט מאַנוסקריפּטן. צװישן דעם בעט און דעם טיש — אַ שטול.

אַ מיטל־װוּקסיקער, מיטל־יאָריקער מאַן, מיט אַ קאָפּ שװאַרצע געקרײַזלטע האָר, אַ רויק, געלאַסן פּנים, אַ פּאָר שװאַרצע ברענענדיקע אױגן, מעסט זי אָפּ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און בעט זי זיצן. זי זוכט מיט די אױגן אַ צװײטן שטול. דאָס איז נישט בנימצא אין דער רעדאַקציע. בלײַבן זײ שױן בײדע שטײן.

װײסענבערג איז אױפֿגעלײגט, װײצלט זיך, ס'לאַכן זײַנע אױגן און אַ מילדע װײכקײט צעגיסט זיך איבער זײַן מאָגער פּנים.

— אַזוי פֿיל מאַנוסקריפּטן — ווײַזט איך אַן אויפֿן טיש — פֿאַר אײַן זשורנאַל? און איר מוזט דאָס, נעבעך, אַלץ אַליין לייענען.

— איר האָט אויף מיר רחמנות, פֿריילין טויבנבלאַט? אַ רחמנות איז אויף זיי, — ווײַזט ווייסענבערג אַן מיט אַ פֿינגער אויף זײַן אַרבעטס־טיש — אויף די, וואָס מיינען, אַז זיי זײַנען גאַנצע צעלייגערס, נײַע שטערנס אין אונדזער ליטעראַטור און טאַלאַנט האָבן זיי נישט פֿאַר קיין גראָשן. לייענען מוז איך אָבער אַלץ, ווײַל גראָד די באַשיידענע, וואָס גלייבן נישט, אַז איך וועל זיי דרוקן, אינטערעסירן מיך דווקא שטאַרק און אויב זיי וועלן פֿאָלגן מײַנע עצות, וועלן מיר נאָך האָבן פֿון זיי אַ סך נחת.

איך הער זיך אײַן מיט אַן אָפֿן מויל צו ווייסענבערגס רייד וועגן דעם, וואָס עס מיינט אַ שרײַבער אָן טאַלאַנט:

— זיי מיינען — רעדט ווייסענבערג ווײַטער געלאַסן אָבער איבערצײַגעוודיק — זיי וועלן מיר אימפּאָנירן, כ'וועל ווערן נתפּעל פֿון די אינטעליגענטישע אויסדרוקן, וואָס זיי זוכן אויף, מסתּמא, אין אַלערליי ווערטער־ביכער און באַפּוצן דערמיט זייערע נישט געשטויגענע מעשׂיות. איך האָס דעם עולם־השקר, בפֿרט אין דער קונסט. זאָלן זיי מיך בעסער אינספּירירן מיט אײַנדרוקן, וואָס זיי כאַפּן אויף אין טאָג־טעגלעכן לעבן, מאַכן מיך זען און פֿילן דעם העלד, וואָס זיי שילדערן.

איך הער געשפּאַנט און שווײַג.

— איר שווײַגט, פֿריילין טויבנבלאַט? ס'מאַכט נישט אויס, אײַער שווײַגן רעדט צו מיר מער ווי די אַלע פּלאַפּלערײַען אין די אַזוי גערופֿענע מאַנוסקריפּטן.

איך פֿאַרלאָז ווייסענבערגן אַ צעטומלטע. וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט לעב איך? ווי קומט עס, אַז ווייסענבערג זאָל דאַרפֿן אַרבעטן אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן? ער איז דאָך אַזאַ פּאָפּולערער שרײַבער, אַזאַ פּראָזע־מײַסטער, אַ שם־דבֿר אין אונדזער ליטעראַטור?

י. מ. ווייסענבערג מיט זײַן פּשטות, פֿאַלקסטימלעכקייט, וואַרעמקייט און אויפֿריכטיקייט מאַכט אײַך פֿילן זיך היימיש מיט אים. איר דערפֿילט אין אים גלײַך אַ פֿרײַנד, איר קענט זיך אים אַנפֿאַרטרויען, זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן פֿאַר אים; איר ווייסט, אַז ער וועט אײַך אויסהערן, פֿילן און פֿאַר־שטיין. און ער ווערט אײַך נאָענט און איר ווילט אים נאָך אַ מאָל זען און שמועסן מיט אים.

דאָס איז געווען מײַן ערשטער אײַנדרוק בײַם באַקענען זיך מיט

ווייסענבערגן. דער דאָזיקער אײַנדרוק איז לגמרי נישט אָפּגעווישט געוואָרן אין די ווײַטערדיקע יאָרן פֿון מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט אים. להיפּוך, ס'איז געוואַקסן מײַן קולט פֿאַר ווייסענבערגן דעם שרײַבער, דעם פּסיכאָלאָג און דעם אידעאַליסטישן אמת־זוכער סײַ אין קונסט און סײַ אין לעבן.

איך קום איין מאָל אַרײַן אין ווייסענבערגס דירה און ס'ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן: אין דעם תּמיד זויבערן, צווייפֿענצטערדיקן צימער ליגט דער גרויסער דעמבאָווער טיש, אָן פֿיס, אויף דער פּאָדלאָגע. די שטולן אַרום — דער אויף איין פֿוס, דער אויף צוויי. דאָס צימער זעט אויס ווי נאָך אַ חורבן.

— וואָס איז דאָ געשען? — פֿרעג איך אַ צעטומלטע.

ווייסענבערג קײַקלט זיך פֿון געלעכטער: — כ'האָב זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש, די "פֿאַדאַטקע־נעמערס". דרײַ זענען זיי געווען, פֿעסטע, שטאַרקע יונגאַטשעס. געקומען אָוועקצוטראָגן מײַן טיש מיט די שטולן, אַ מכּה וועל איך זיי לאָזן. זיי האָבן מיר געלאָזט וויסן, אַז אויב איך וועל ביז הײַנט נישט האָבן באַצאָלט די פּאָר זלאָטעס דירה־שטײַער, וועלן זיי שיקן צונעמען דעם אָפּגעשריבענעם טיש און די שטולן. געבעטן, אַז זיי זאָלן מיר פֿאַר־לענגערן דעם טערמין נאָך אויף איין וואָך. ס'דאַרף מיר אָנקומען אַ טראַנס־פּאָרט שיך פֿון אַמעריקע. איר ווייסט דאָך, פֿרוי לאַנדינסקי, איך האָב דאָך אײַך דערציילט, — באַקומט ווייסענבערג פּלוצעם אַן ערנסטן טאָן, מעשׂה־סוחר — איר ווייסט דאָך וועגן דעם טויש, וואָס איך האָב געמאַכט אין אַמעריקע:

פֿאַר מײַנע ביכער האָב איך דאָרט אײַנגעהאַנדלט אַ טראַנספּאָרט דאַ־מען־לאַטשן, לאַקירטע לאַטשן, ס'איז דאָך אַ קראַנטענערע סחורה ווי ביכער. האָבן זיי, מיר אויף צו להכעיס, נישט געוואָלט וואַרטן. איז וואָס האָב איך געטאָן? נעמט זיי דער רוח, איידער זיי זענען געקומען האָב איך אַרויס־געדרייט די פֿיס פֿונעם טיש און איצט, אַדרבא, קומט, נעמט און ווערגט זיך דערמיט. פֿאַרשטייט איר שוין פֿאַר וואָס דער טיש ליגט? נישקשה, פֿאַרלאָזט אײַך אויף מיר, זאָלן נאָר אַריבער אַ פּאָר טעג, זיי וועלן אָן מיר פֿאַרגעסן, וועט דער טיש ווידער שטיין אויף זײַנע פֿיס.

— אויב אַזוי, ווייסענבערג, ווו זאָל איך איצט מאַכן די קאָרעקטורן? פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז איר קענט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן מיט אײַערע קאָרעקטורן?

— איר וועט בלויז דאַרפֿן באַמערקן די אָרטאָגראַפֿישע פֿעלערן, וואָס די חמורים, די זעצערס, מאַכן. איך קאָן זיך אויף אײַך פֿאַרלאָזן. און איצט, האָט נישט פֿאַראיבל, טוט דאָס לעת־עתּה אין קיך.

אין קיך ליגן שוין צוגעגרייט די קאַראַקטור־בויגנס, נאָר איידער איך נעם זיך צו דער אַרבעט, כאַפּ איך אַ בליק אַרום זיך.

אויף דער ווײַס־געקאַכלטער קיך: צוויי זויבערע, גוט געשײַערטע, לײַ־דיקע טעפּלעך; אין אַ ווינקל אויף אַ קליין, ווײַס שענקל אַ בלעכערנע, באַבלומטע טאַץ מיט אַ פֿערטל לאַבן שוואַרץ־ראַזעווע ברויט. כ׳זע באַ־שײַמפּערלעך: מע הונגערט דאָ צו שטילערהייט. דאָס קאַראַגירן גייט מיר נישט, די קאַנטיקע אותיות פֿון וויסענבערגס פּערלדיקע שורות ווערן פֿאַרנעפּלט. אין מיר עגבערט דער געדאַנק: וויסענבערג הונגערט.

איך לייג אײַן די לאַנגע אויסגעזעצטע בלעטער (די געליס) און גנבֿע זיך אַרויס שטילערהייט, דאָס דינע, סענסיטיווע אויער פֿון וויסענבערגן זאָל נישט אויפֿנעמען דעם סקריפּ פֿון דער טיר, און איך ווער נעלם.

ס׳נעמט נישט לאַנג, כ׳קום צוריק מיט פֿריש־געבאַקענע בייגל: כ׳וויס שוין פֿון לאַנג, אַז אַ בייגל מיט פּוטער האָט וויסענבערג שטאַרק ליב.

וויסענבערג שטייט מיט אַן אָפֿן מויל אויפֿן שוועל און קוקט מיך אָן פֿאַרחידושט.

— האָט נישט פֿאַראיבל, וויסענבערג, כ׳האָב פּלוצעם דערפֿילט אַ הונגער. נישט געקענט פּשוט אָנגיין מיט דער אַרבעט. — זאָג איך אַ ביסל פֿאַרלוירן — ווערן מיר מאַכן טיי און צוזאַמען כאַפּן אַ בײַס.

וויסענבערג האָט אַ הייב געטאָן זײַנע שמאָלע אַקסלען. זײַן בלייך פּנים פֿאַררייטלט זיך לײַכט. די דינע, תּמיד רויטלעכע אָדערלעך אויף זײַן קורצער נאָז זעען זיך איצט בולטער אָן. ער טוט אַ גליטש זײַן האַנט איבער זײַנע קורץ־פֿאַרשוירענע, געקרײַזלטע האָר און זאָגט מיט אַ פֿרײַנד־לעכן שמייכל, דורכגעווועבט מיט אומעט:

„טיי וועל איך אַליין מאַכן״.

*****

צו דער אָפּגערעדטער שעה באַווײַז איך זיך ווידער, אַ וואָך שפּעטער, אין וויסענבערגס דירה צו מאַכן זײַנע צווייטע קאָרעקטורן. דאָס צימער, וואָס דינט גלײַכצײַטיק פֿאַר אַ שלאָף־ און עס־צימער, האָט שוין אַ נאָרמאַל אויסזען. דער גרויסער דעמבאָווער טיש שטייט ווידער אויף זײַנע פֿיס.

אין צימער איז דאָ אַ גאַסט. וויסענבערג זיצט מויל און אויערן אָנגע־שטעלט צום גאַסט, וואָס לייענט מיט עקסטאַז פֿון זײַנס אַ מאַנוסקריפּט.

וויסענבערג שטעלט פֿאָר:

— שמעון האָראָנטשיק, ער וועט בקרובֿ זײַן אַ שם־דבֿר אין דער יידישער ליטעראַטור. איר וועט אונדז דערלויבן, פֿרוי לאַנדינסקי, צו

פֿאַרענדיקן אונדזער אַרבעט. האַראַנטשיק ווײַנט נישט אין וואַרשע, ער האָט אײַנגעלייגט אַ מהלך וועג צו קומען צו מיר פֿאַרצולייענען די אַקאָרשט אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך פֿון זײַנעם אַ ראָמאַן.

איך זעץ זיך בײַם צווייטן עק טיש. סאַראַ קאָנטראַסט: דער מאָגערער, ווייכהאַרציקער ווייסענבערג און דער הויך־וווּקסיקער, שטאַרק־געבויטער האַראַנטשיק.

ווייסענבערג רייכערט אַ פּאַפּיראָס און הערט מיט קאָפּ. ער שטעלט אַלע ווײַלע אָפּ האַראַנטשיקן, מאַכט זײַנע באַמערקונגען מיט אַ קלאָרער, זיכערער שטים, הייסט דאָ מעקן, דאָרט מער שילדערן, זאָגט אַפֿילו ווי אַזוי ער אַליין וואָלט עס געשילדערט. האַראַנטשיק הערט זיך אײַן מיט גרויס דרך־ארץ, פֿאַרצייכנט וואָס זײַן ליטעראַרישער רבי זאָגט.

נאָכן אויסהערן עטלעכע לאַנגע קאַפּיטלעך, רופֿט זיך אָפּ ווייסענבערג:

— פֿאַר הײַנט וועט זײַן גענוג. זעט צו באַאַרבעטן אײַער זאַך. שרעקט זיך נישט, זאָל אײַך די האַנט נישט ציטערן צו שטרײַכן. קומט ווידער, ווען נאָר איר וועט האָבן חשק, וועלן מיר ממשיך זײַן צוזאַמען — און געזעגנט זיך מיט האַראַנטשיקן מיט וואַרעמע דערמוטיקונגס־ווערטער.

אַליין מיט ווייסענבערגן פֿרעג איך אים:

— הלמאַי טוט איר דאָס? פֿאַר וואָס גיט איר אָפּ אַזוי פֿיל צײַט אַן אָנפּאַנגער? כ'מיין, איר זענט אַ גזלן אויף זיך אַליין. וואָלט נישט זײַן ניצלעכער אָפּצוגעבן די צײַט אײַער אייגענער פֿעדער?

— וואָס רעדט איר? אויב אַ מענטש ווײַזט אַרויס טאַלאַנט און איז, נעבעך, אומבאַהאָלפֿן, קען זיך נישט אַליין קיין עצה געבן מיט זײַנע געפֿילן, געדאַנקען, איז מען מחויב אים צו פֿירן אויף אַ דרך. האַראַנטשיק וועט זײַן אַ שרײַבער, איר וועט זען. די לצים, די צײַטונגס־שמירערס, די „קאַליקעס" האָבן מיך דאָך אויסגעלאַכט, ווען איך האָב אַרויסגעפֿירט עוזר וואַרשאַווסקי אין אונדזער ליטעראַטור, אָבער איצט, אַז זײַן בוך „די שמוגלערס" איז אַרויס פֿון דרוק, לאַכן זיי נישט מער. זאָרגט נישט, איך ווייס וואָס איך טו.

עס עפֿנט זיך פּלוצעם מיט אַ קנאַק די טיר און עס פֿאַלן אַרײַן צווי פֿאַרסאָפּעטע מיידלעך. איינע — די עלטערע — קוועקזילבער, אַ פֿריילעכע, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ געדיכטע, געקרײַזלטע האָר, קוקט מיט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע, שעלמישע אויגן; די צווייטע — אַ דאַרינקע, אַ רויקע, מיט אַ צאַרט בלאַס פּנימל, מיט ווייכע, גלאַט־פֿאַרקעמטע טונקל־בלאָנדע האָר. ווייסענבערג שטעלט מיר פֿאָר זײַנע צוויי טעכטערלעך פֿון זײַן ערשטער פֿרוי: גענענדל און פּערעלע.

די קליינע, צאַרטע פּערעלע נעמט אַוועק דעם טאַטן אָן אַ זײַט און

רוימט אים עפּעס אײַן אויפֿן אויער. ווייסענבערג זאָגט מיט זײַן אייגנאַרטי־קער רויִקייט:

— מיינסט אַזוי, פּערעלע? נו, אַז דו ווילסט דווקא, וועל איך פֿרעגן. ווייסט איר, פּרוי לאַנדינסקי, וואָס מײַן פּערעלען איז אײַנגעפֿאַלן? זי וויל אײַך בעטן, אַז איר זאָלט זי אַ ביסל צולערנען, אַרויסהעלפֿן אין איר שול־אַרבעט, דער עיקר אין אַריטמעטיק.

איך נעם אָן דעם פֿאָרשלאָג און מיר רײַדן זיך אויף מיט פּערעלען, ווען איך וועל קומען זי לערנען.

— איר זענט זיכער, ווייסענבערג, מיר וועלן אײַך ניט שטערן? אפֿשר וועט איר גאָר דעמאָלט וועלן לייענען אָדער שרײַבן?

— זאָרגט גאָרנישט וועגן דעם. איר זעט דאָך, כ'האָב נישט קיין רײַכע ביבליאָטעק, איך לייען נישט צו פֿיל. מײַן בוך איז דאָס פֿאָלק, מײַן לערער — דאָס לעבן.

אין אונדזער פֿאַרלאַג „די צײַט", וואָס לאַנדינסקי האָט געגרינדעט אין וואַרשע נאָך אונדזער חתונה, איז דערשינען צווישן אַנדערע ווײַסענבערגס בוך דערציילונגען: „אַ שלעכטע פּרוי". ווייסענבערג פֿלעגט אָפֿט קומען צו אונדז אין פֿאַרלאַג קאָנטראָלירן די קאָרעקטורן. ס'האָט זיך געטאָן חושך, אויב איך האָב ווען ס'איז זיך דערלויבט צו ענדערן ווייסענבערגס אייגן־אײַנגעשטעלטע אָרטאָגראַפֿיע.

— איך וועל אָפּשטעלן די מאַשין, איר וועט מײַן בוך נישט אַרויסגעבן, אויב איר וועט וואָס עס איז ענדערן אין מײַן מאַנוסקריפּט! — האָט אונדז ווייסענבערג געסטראַשעט. ווייסענבערג איז נישט געגאַנגען אויף קיין קאָמפּראָמיסן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זײַנע ליטעראַרישע פּרינ־ציפּן. ער האָט זײַן פֿאַרעקשנטן קאַמף מיט די „פּסעוודאָ־קינסטלערס", לויט זײַן מיינונג, נישט אויפֿגעגעבן, כאָטש ער האָט דערפֿון שטאַרק מאַטעריעל געליטן. ער האָט נישט גענומען אין אַכט, אַז ער באַװײלט דערמיט זײַן אייגענע משפּחה; זײַן פּרוי און צווי טעכטער — און אַ גוטער טאַטע איז ער דאָך, בלי ספק, געווען.

אָט דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, וואָס איך האָב בײַגעוווינט בײַ ווייסענבערגן אין דער היים. איך בין אין ווייסענבערגס וווינונג אויף עלעק־טאָראַלנע גאַס, געקומען העלפֿן זײַן טעכטערל פּערעלען אין איר שולאַרבעט. פּערעלע איז נישטאָ. ווייסענבערג זיצט אין דעם האַלב־טונקעלן צימער פֿאַר־טאָן אין שרײַבן.

— ווו איז פּערעלע?

—איר האָט זי נישט געזען אויפֿן הויף? — ווייסענבערג נעמט מיך

אָן בײַ דער האַנט, פֿירט מיך צו צום פֿענצטער, וואָס קוקט אַרויס אויפֿן הויף — אָט שפּילט זי זיך דאָך אין יאַגעלעך מיט גענענדלען.

און איך זע דאָס צאַרטע מיידעלע לויפֿן, אַנטלויפֿן גיך פֿון איר על־טערער שוועסטער גענענדל, זי וויל זיך נישט לאָזן כאַפּן. ווייסענבערג קוועלט אָן. זײַן פּנים שײַנט פֿון גליק, די קינבאַקן, וואָס שטאַרצן אַרויס פֿון דעם אײַנגעפֿאַלענעם פּנים, באַגיסן זיך מיט ראָזקייט. מיט אַ שטיל געלעכטער זאָגט ער: „אַ האַרץ־גנבֿ, די פּערעלע מײַנע!"

וויפֿל האַרציקייט און פֿאָטערלעכע ליבע האָבן אויסגעדריקט די עט־לעכע ווערטער זײַנע? אפֿשר האָט ער שוין דעמאָלט פֿאָרויסגעזען מיט זײַן אייגנאַרטיקן, שאַרפֿן אינסטינקט, אַז אָט די טאָכטער זײַנע וועט ירשענען נישט נאָר זײַן ערלעכן כאַראַקטער, נאָר וועט אויך זײַן טאַלאַנטפֿול. זי וועט אַ מאָל פֿאַרשטיין אים צו פֿאַרטיידיקן און אים ווי געהעריק אָפּשאַצן אין וואָרט און אין שריפֿט.

אַוודאי האָט ווייסענבערג געזאָרגט פֿאַר זײַן משפּחה און דאָך... דאָך ווען ער האָט באַקומען 200 זלאָטעס, ווי אַ פּרעמיע פֿאַר זײַנע דערציילונגען, האָט ער די גאַנצע סומע אַוועקגעגעבן ישׂראל שטערנען, וועלכער האָט געהונגערט און וועמען ווייסענבערג האָט געהאַלטן פֿאַר אַ דיכטער פֿון גאָר גרויסן פֿאַרנעם. ניין, ווייסענבערגן האָט מען נישט געקענט קויפֿן מיט קיין חניפֿה, און אַוודאי און אַוודאי נישט מיט קיין געלט. ווייסענבערגס שטאָ־לענער כאַראַקטער האָט זיך נישט געבראָכן, ניט געקוקט אויף זײַן שווערן מאַטעריעלן מצבֿ.

איין מאָל האָב איך באַמערקט אַ טיפֿן טרויער אויף פּערעלעס פּנים, האָב איך זי אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַר וואָס ביסטו הײַנט אַזוי אומעטיק, האָסט עגמת־נפֿש פֿון עפּעס? צי האָט דיך אפֿשר באַלײדיקט, (ווייסענבערגס צווייטע פֿרוי) באַליי־דיקט, אָדער האָט עפּעס געטראָפֿן מיטן טאַטן?

— אָ, ס׳איז גאָרנישט — זאָגט פּערעלע, אַראָפּלאָזנדיק ס׳קעפּל.

— זאָג מיר, פּערעלע, דעם אמת. דו ווייסט דאָך — פֿאַר מיר דאַרפֿסטו זיך ניט שעמען. האָט איר הײַנט געגעסן מיטאָג? אפֿשר איז זי גאָר, באַל־טשע, געוואָרן אויפֿגערעגט, ווײַל זי איז געווען הונגעריק?

— ווייס איך וואָס. נו, אַז מען עסט נישט צו דער זאַט, דאַרף מען זײַן בייז אויף אַלעמען? דער טאַטע איז אַוועק אין דער פֿרי מיט מוסטערן פֿון די לאַקירטע לאַטשן, זיי זײַנען שוין אָנגעקומען פֿון אַמעריקע. אָבער ער איז צוריקגעקומען אַ פֿאַרצווייפֿלטער. ער זאָגט, אַז די שיך־סוחרים האָבן אים גאָר אויסגעלאַכט: ס׳איז נישט קיין סחורה, דאָס איז אַ באָוול. אין וואַרשע טראָגט מען נישט אַזעלכע לאַטשן, ברייטע מיט נידעריקע אָפּצאַסן,

אויב שוין לאַקירטע, זאָגן זיי, טראָגט מען דאָ אויף הויכע אָפּצאַסן און אַ גאַנץ אַנדערן מאָדעל. נו, איז דער טאַטע, פֿאַרשטייט זיך, זייער פֿאַרדאגהט. ער האָט זיך נאָך געדאַרפֿט באָרגן געלט צו באַצאָלן דעם גרענעץ־אָפּצאָל פֿאַר די לאַטשן און ער האָט אַזוי פֿיל אויסגעשטעלט אויף דעם טראַנספּאָרט.

אין מיטן ריידן שלײַכט זיך אַרײַן ווײַסענבערג. זײַן פּנים פֿאַרוואָלקנט פֿון צער. ער באַגריסט מיך העפֿלעך, אָבער אָן דעם געוויינלעכן שמייכל זײַנעם. ער זעצט זיך אַוועק בײַם צווייטן עק טיש. רעדט נישט קיין וואָרט, פֿאַרטראַכט, אין זיך פֿאַרטאָן.

מיר איז פֿײַנלעך זײַן געדריקטע שטימונג. איך גיב אַ ווונק פערעלען, אַז זי זאָל שווײַגן און זאָג ווייסענבערגן מיט אַן אָנגעשטעלטער פֿריילעכקייט:

— כ׳האָב אַ באַשטעלונג, דערווײַל אויף איין פּאָר לאַטשן. מען האָט מיר באַצאָלט אין פּאָרויס. און איך דערלאַנג ווייסענבערגן דרײַ רובל.

— גייט שוין, גייט. וואָס, איר מאַכט שוין אויך חוזק פֿון מיר? מײַן טראַנספּאָרט לאַטשן איז אַ פֿולשטענדיקער דורכפֿאַל. שטעלט אײַך פֿאָר, וואַרשע שטייט נישט אָן די אַמעריקאַנער מאָדע. די „סוואָלאָטשעס“ אין „גאָלדענעם לאַנד“ האָבן מיך אָפּגענאַרט. געפּאַקט אַ „פּרײַער“, אַ „גרינעם“ און אים באַגזלט.

— ניין, ווייסענבערג, כ׳זאָג אײַך ערנסט: אונדזער דינסטמיידל דאַרע וויל האָבן די לאַטשן, זיי געפֿעלן איר. און איר זײַט זיך נישט מיאש, פֿאַרלירט נישט דעם בטחון. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאָדנע שוואַכקייט בײַ אײַך? ווייסענבערג, דער גרויסער שרײַבער, וויל דווקא זײַן אַ סוחר. דער מסחר ציט אײַך ווי אַ מאַגנעט. גלייבט מיר, אַ שאָד אײַער טירחה, זײַט זיך מודה: איר טויגט זיך נישט אויס אין מסחר, איר וועט קיין מאָל נישט זײַן קיין גוטער סוחר.

— איר זענט אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג, פּרוי לאַנדינסקי. נו, אַז מען האָט מיר אויסגעמאַכט אַן אויער אין אַמעריקע, איז וואָס? איז שוין עק וועלט?

— אויב שוין דווקא יאָ האַנדלען, פֿאַר וואָס זעט איר נישט צו פֿאַרקויפֿן אײַערע אייגענע ביכער? כ׳זע דאָך נאָך אַלץ בײַ אײַך אַ היפּשע צאָל איבערגעבליבענע ביכער פֿון אײַערע אייגענע ווערק: „אַ טאַטע מיט די בנים“, „אַ שלעכטע פֿרוי“ א״אַ — בלײַב איך נישט שולדיק דעם אַמביציעזן סוחר ווייסענבערג.

— וועמען זאָל איך זיי פֿאַרקויפֿן? אָט, קום איך טאַקע איצט פֿון גיטלינען — כמעט דער גרעסטער בוכהענדלער און פֿאַרלעגער דאָ־הי — איז וואָס, מיינט איר, וויל ער? איך זאָל אים לאָזן עטלעכע קאָמפּלעטן פֿון מײַנע ווערק אויף „קאָמי“. ער וועט, זאָגט ער, מיר פֿאַר זיי באַצאָלן נאָכן פֿאַרקויפֿן זיי. ווי קען איך דאָס טאָן, אַז איך דאַרף שוין, גלײַך, האָבן מזו־

מנים. איר מיינט ס׳איז אַזוי לײַכט צו האָבן אַ פֿרוי מיט צוויי קינדער און זיי לאָזן הונגערן?

גערירט פֿון וויסענבערגס פֿאַרצווייפֿלטע רייד, זאָג איך:

— קענט איר מיר אפֿשר אָנפֿאַרטרויען עטלעכע קאָמפּלעטן פֿון אײַערע ווערק? כ׳וועל פּרוּוון זיך באַניצן מיט לאַנדינסקיס סיסטעם, בעת ער האָט געהאַט זײַן פֿאַרלאַג. אויב ס׳וועט זיך מיר אײַנגעבן, וועל איך באַלד זײַן צוריק בײַ אײַך.

וויסענבערג קוקט מיך אָן מיט אומעטיקע אויגן, דערלאַנגט מיר דרײַ קאָמפּלעטן פֿון זײַנע ווערק און זאָגט מיט אַ רעזיגנירטן טאָן:

„נאַט אײַך און טוט דערמיט וואָס איר ווילט״.

איך נעם גיין מיט גיכע טריט אויף דזשיקע גאַס אין בוכהאַנדלונג „קולטורא״. דער בוכהענדלער, אַ האַרציקער ייִד, נעמט מיך אויף זייער וואַרעם. מיר פֿלעגן מיט אים און זײַן יונגן זון זײַן אין האַנדלס־באַציִונגען, ווען מיר האָבן געהאַט אונדזער פֿאַרלאַג „די צײַט״.

איך ווייס, מזומן געלט וועט ער מיר נישט צאָלן פֿאַר ביכער, איך לייג אים דעריבער פֿאָר צו בײַטן וויסענבערגס ווערק אויף לערנביכער, ווי גאָרדאָנס „הלשון״ א״א. דער בוכהענדלער איז מסכּים. ער איז צופֿרידן, זאָגט ער, צו האָבן וויסענבערגס ביכער אויפֿן לאַגער, אָבער „מיט דעם עקשן וויסענבערג קען מען דאָך קיין געשעפֿטן נישט מאַכן״.

אָן אויפֿגעמונטערטע אײַל איך מיט די געביטענע ביכער אין אַ צווייטער בוכהאַנדלונג — שאַפּירא, אויף לעשנע גאַס. שאַפּיראָס שוואַכקייט איז מיר גוט באַקאַנט: פֿון לערנביכער, בפֿרט פֿון גאָרדאָנס „הלשון״, וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן. ווער שמועסט נאָך, אויב איך וועל אים זיי לאָזן מיט אַ 10 פּראָצענט ביליקער, וועט ער דאָך, בלי ספֿק, נישט קענען בײַשטיין דעם נסיון און מיר גלײַך אויסצאָלן דעם באַטרעף אין מזומן.

און כּך־הווה. אַ גליקלעכע קער איך זיך אום צו וויסענבערגן אויף עלעקטאָראַלנע גאַס.

נישט אָן גאַווה לייג איך אַוועק דאָס אײַנגעקאַסירטע געלט פֿאַר וויסענבערגס ביכער אויף זײַן טיש. פּערעלע נעמט מיך קושן מיט טרערן אין די אויגן. דער תּמיד צוריקגעהאַלטענער וויסענבערג קאָנטראָלירט זײַן אויפֿרעגונג און זאָגט:

— זענט איר דאָך אַ כּישוף־מאַכערין! באַרעס געלט, טאַקע ממש מזומנים האָט איר באַקומען פֿאַר מײַנע ביכער? ס׳ווילט זיך מיר קוים גלייבן — נעמט מיך וויסענבערג דורך מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק פֿון זײַנע אויף ס׳נײַ באַלעבטע אויגן, וואָס ליכטיקן איצט מיט וואַרעמקייט — זאָגט מיר, כלעבן, ווו האָט איר געפֿונען אַ בעלן אויף מײַנע ביכער און אַזוי גיך?

איך גיב איבער ווייסענבערגן אין עטלעכע ווערטער ווי אַזוי און ווו כ׳האָב דורכגעפירט די טראַנזאַקציע מיט זײַנע ביכער.

**
*

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך באַזוכט ווייסענבערגן, ווען ער איז שוין געווען מיט זײַן משפחה אין אָטוואָצק. די אָטוואָצקער לופט האָט גאָר ניט געווירקט אויף זײַן אויסזען. ער איז פאַר דער צײַט געוואָרן מאָגערער, דאָס פּנים בלייכער.

וועגן ווייסענבערגס לעצטע טעג האָט מיר דערציילט ש. י. לאַנדינסקי, וואָס איז אין 1938 געווען אין וואַרשע און פלעגט אָפט באַזוכן דעם קראַנקן ווייסענבערגן.

— אַ מסוכן קראַנקער, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ערגעץ הינטער וואַרשע אין לעגיאָנאָווע, פלעגט ווייסענבערג חלומען — האָט מיר לאַנדינסקי דערציילט — וועגן אַ גרויסער דירה, ווו עס וועלן זײַן פּראַטירטע פּאָדלאָגעס, נישט קיין געשײַערטע, נאָר טאָקע מיט וואַקס פּראָטירטע, מען זאָל קענען זיך אויף זיי גליטשן, שפּיגלען און טאַנצן. און אַז ער וועט געזונט ווערן וועט ער, ווייסענבערג, מאַכן אַ סעודהלע.

ער האָט אויסגערעכנט לאַנדינסקין, ווען ער וועט פאַרבעטן און וועמען ער וועט בכיוון אויסמײַדן.

אין יאָר 1939, האַרט פאַר דער מלחמה, ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען אין וואַרשע, האָב איך אויפגעזוכט ווייסענבערגס צוויי טעכטער גענענדלען און פּערעלען און זיי געבעטן מיר דערציילן פּרטים וועגן די לעצטע טעג פון זייער גרויסן טאַטן. איך האָב געוווּסט, אַז גענענדל האָט דעמאָלט געאַרבעט און פּערעלע, ווייסענבערגס באַליבטע טאָכטער, איז וואָכן לאַנג נישט אָפּגעטראָטן פון איר קראַנקן טאַטן. מיט ליבע און צאַרטקייט פלעגט זי אים באַנדאַזשירן די אָפענע ווונדן אויף זײַן קראַנקער פליליצע. מיט צער און ווייטיק צוגעקוקט, ווי איר טאַטע צאַנקט און גייט אויס ווי אַ ליכט.

— דער טאַטע האָט ביז דער לעצטער מינוט געגלייבט, אַז ער וועט געזונט ווערן. ער פלעגט אָפט בעטן — דערציילט מיר פּערעלע — כ׳זאָל אים געבן אַ שפּיגעלע, געוואָלט זען זײַנע ווונדן און מיך כסדר געטרייסט:

— זאָרג נישט, פּערעלע, ווּעסט זען, ס׳וועט נאָך זײַן גוט, כ׳וועל אין גיכן געזונט ווערן און מיר וועלן נאָך האָבן אַ סך, גאָר אַ סך געלט. כ׳וועל פאַרקויפן מײַנע ווערק, און דיך, פּערעלע, וועל איך נישט לאָזן מער גיין

צו דער אַרבעט. ווייסטו, פּערעלע, אויב אַ מיידל גיט זיך אָפּ מיט פיזישער אַרבעט, איז נישט גוט, זי פאַרלירט איר מיידלשן חן.

אַזוי האָט ווייסענבערג געחלומט. זײַנע טעג זײַנען שוין געווען געצייל־טע. איינזאַם און עלנט איז ער געווען, פאַרלאָזן פון זײַנע תּלמידים־שרײַבערס, כמעט קיינער איז אים נישט געקומען מבֿקר־חולה זײַן, טייל, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט אויפרעגן ווייסענבערגן, ער איז געווען אין כעס אויף זיי, פאַר וואָס זיי זײַנען אַוועק אויף קרומע וועגן, געוואָרן מיטאַרבעטערס אין דער טעגלעכער פּרעסע. אַלע האָבן זיך אָבער פון דער ווײַטנס אינטערעסירט מיט ווייסענבערגס געזונט־צושטאַנד.

דער קאַלטער ווינט האָט זיך געריסן דורך די צעשפּאַלטענע שויבן אין ווייסענבערגס אָרעמען צימער און געשטאָכן, ווי מיט שפּילקעס, ווייסענ־בערגס קראַנקע פלייצעס, ביז דער מלאך־המוות האָט אויסגעשפּרייט איבער אים זײַנע שוואַרצע פליגל, אים אונטער זײַן שוץ גענומען און אויסגעלייזט פון זײַנע יסורים.

מיט דער רעטעניש־ווייסענבערג, מיט דער אייגנאַרטיקער, קאָליר־פולער פּערזענלעכקייט, מיט זײַנע קלאַסישע ווערק און אויך מיט מײַן בינטל זכרונות וועגן ווייסענבערגן געשעט, ווי עס האָט זיך טרעפלעך אויסגעדריקט יצחק גאָלדקאָרן אין זײַן עסיי וועגן ווייסענבערגן: „געשעט ווי מיט זונ־ליכט: וואָס ווײַטער עס איז פון אונדז, אַלץ ליכטיקער, אַלץ וואַרעמער און דירעקטער קומט עס צו אונדז".

ה. ד. נאָמבערג אין דערמאָנונג

די לעצטע יאָרן פֿון ש. י. לאַנדינסקיס לעבן, ס׳רובֿ מיט זײַן פֿאַרקלעמט האַרץ פֿון יסורים, צוגעשמידט צום בעט, פֿלעגט ער מיט מיר אָפֿט אין שמועסן אַוועקשפּאַצירן צו די אַמאָליקע ליטעראַרישע קרײַזן אין וואַרשע. מיר האָבן צוזאַמען געבלעטערט און אויפֿגעפֿרישט אין אונדזער זכּרון דעם ווײַטן, פֿאַר אונדז אַזוי נאָענטן, נעכטן.

עס שווימט אַרויף, צווישן אַנדערע אומפֿאַרגעסלעכע פֿרײַנד־שרײַבערס, די געשטאַלט פֿון ה. ד. נאָמבערג.

— אָט בין איך אין פּאַריז, 1927 — זאָגט לאַנדינסקי מיט אַ שוואַכער שטים, אָנקוקנדיק מיך מיט אַ טריבן בליק — „קאָפֿע לאַ ראָטאָנד״. ייִדישע שרײַבערס קומען פֿון וואַרשע אײַנזאַפּן אין זיך אַ ביסל קונסט און פֿראַנצייזישע קולטור, דעם טרוקענעם שׂכל אָפּפֿרישן מיט אַ פּאָעטישן שוווּנג. צווישן אַנדערע זע איך נאָמבערגן. ער איז שוין אין פּאַריז, אַגבֿ, כּמעט ניט קיין גאַסט „דאָס קינד פֿון דער וועלט״.

— וואָס ? נאָמבערגן רופֿסטו אָן : דאָס קינד פֿון דער וועלט ? — רײַס איך איבער לאַנדינסקין — דו ביסט, זע איך, אונטער דער השפּעה פֿון ד״ר מוקדוני, וואָס זאָגט אין זײַן אַרײַנפֿיר אין שמואל ראָזענפֿעלדס „געקליבענע ווערק״, אַז נאָמבערג, בעת ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פֿרײַנד״ אין וואַרשע, אונטערן פּסעוודאָנים „נון״, האָט נישט געלעבט בשלום מיט אַ. וויטערן, אויך אַ מיטאַרבעטער אין „פֿרײַנד״, מחמת זיי זענען צוויי קאָנטראַסטן. אַ. וויטער איז געווען אַ בעל־תּשובֿה, אַ שטרענגער און אײַנגעשלאָסענער אין זיך, דער באָהעמער, דער פֿרײַער קינסטלער און שטיפֿער נאָמבערג פֿלעגט אָפֿט זאָגן, אַז דער „פֿרײַנד״ ווערט אַ מין מאַנסבילשער מאָנאַסטיר, וווּ אַ שמייכל, אַ הלצה און אַ „באָן־מאָ״ איז אַ בלוטיקע זינד.

— ניין, די דעפֿיניציע האָט זיך נאָמבערג אַליין געגעבן. נעם זײַן בוך „פֿעליעטאָנען״. ער פֿאַרלאָזט אייראָפּע, נאָמבערג. פֿאָרט קיין אַרגענטינע. אין זײַן פֿעליעטאָן „אַדיע אייראָפּע״ זאָגט נאָמבערג : „די צעשיידונג איז די פֿרייד פֿון אַ קינד פֿון דער וועלט, פֿון אַ מענטש, וואָס

הימל, ערד, ים־שטורעם און אַלע כּוחות פֿון דער נאַטור האָבן נאָך בײַ אים עפּעס אַ שײַכות. אַזוי לאַנג ווי מײַנע פֿינף חושים וועלן מיר בלײַבן געטרײַ, וויל איך זײַן אַ קינד פֿון דער וועלט״.

נאַמבערג האָט דעמאָלט אויסגעזען שטאַרק געעלטערט, — דערציילט ווײַטער לאַנדינסקי — זײַנע אויגן פֿאַרצויגן מיט אַן אומעט, אויסגעלאָשן, די קנייטשן אויף זײַנע אײַנגעפֿאַלענע באַקן טיפֿער, די פּלייצע מער פֿאַר־הויקערט, ווי ווען ניט איז פֿריִער. ער האָט שטאַרק געהוסט און ניט גערוט אויף זײַן אָרט בײַם טישל אין קאַפֿע.

איך האָב זיך דערנענטערט צו אים און געפֿרעגט: וואָס איז מיט אײַך הײַנט, נאַמבערג?

ער קוקט מיך אָן שטום מיט אַ פֿאַרוואָלקנט פּנים.

— נאָך וואָס זיצט איר אין שטאָט, נאַמבערג, פֿאַר וואָס פֿאָרט איר ניט בעסער צום ים? דאַרף איך אײַך דערמאָנען אײַער קלוגן געדאַנק, וואָס איר האָט אויסגעדריקט וועגן ים אין איינעם פֿון אײַערע פֿעליעטאָנען: „די יבשה איז מער מסוגל צו פֿאַרגיפֿטן און פֿאַרביטערן אַ נשמה, ווי דער ים, וואָס קען רוישן, קאָכן, ליאַרעמען, אָבער ער איז קיין מאָל נישט קליינ־לעך, נישט קריכעריש און פֿאָלט נישט אָן פֿון הינטן, וואָס עס פּאַסירט, לײדער, אַזוי אָפֿט אויף דער יבשה״.

— צו שפּעט, לאַנדינסקי, — ענטפֿערט ער מיט אַ טרוקענער, היי־זעריקער שטים — איך האָב נאָר וואָס באַשלאָסן תּיכּף אַהיים צו פֿאָרן. אויב שטאַרבן, וויל איך ליגן מיט מײַנע וואַרשעווער ייִדן. עס צאַנקט דאָס ליכטל אין דער מנורה און קיין נסים וועלן נישט געשען.

און, ווי דו ווייסט, בלויז עטלעכע וואָכן שפּעטער איז צו אונדז דער־גאַנגען די טרויעריקע בשׂורה: אונדזער נאַמבערג האָט אויסגעהויכט זײַן לעצטן אָטעם אין אָטוואָצק.

לאָנדינסקיס

פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור

1924. מיר יום־טובֿ דעם פּערטן געבוירן־טאָג פֿון אונדזער פֿאַר־לאַג „די צייט", וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן אַן ערך דרײַסיק ביכער: ראָמאַנען, דערציילונגען, פּאָעזיע, דראַמעס און איבערזעצונגען פֿון וועלט־באַרימטע פֿראַנצייזישע, פּוילישע, רוסישע און דײַטשישע שרײַבערס: י. מ. ווייסענבערגס „אַ שלעכטע פּרוי"; ז. סעגאַלאָוויטשעס „קרימער נעכט" און זײַן איבערזעצונג פֿון גאָגאָלס „דער רעוויזאָר"; יואל מאַסט־בוימס „פֿון רויטן לעבן" (ראָמאַן אין צוויי בענד); יהושע פּערלעס „מירל" און „אין לאַנד פֿון דער ווײַסל"; אַבֿרהם זאַקס „אונטער די פֿליגל פֿון טויט" (רײַך אילוסטרירט פֿון יעקבֿ אַדלער) י. י. טרונקס „פֿײַגנביימער און אַנדערע דערציילונגען"; אורי צבֿי גרינבערגס „פֿאַרנאַכטנגאָלד" (לי־דער); ש. י. לאַנדינסקיס „פֿלאַמען" (לידער), זײַן איבערזעצונג פֿון טע־אָדאָר הערצלס „דאָס געטאָ" און די פּערטע אויפֿלאַגע פֿון זײַנע „קינדער־לידער" מיט יעקבֿ דינעזאָנס פֿאָרוואָרט אויף 5 זײַטן פּעטיט־שריפֿט (די ערשטע אויפֿלאַגע איז אַרויס אין 1918, ביז 1920 זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן פֿינף טויזנט עקזאַמפּלאַרן. די לידער זײַנען געלערנט און גע־זונגען געוואָרן אין די קינדערהיימען און שולן אין פּוילן, רוסלאַנד, אַמע־ריקע); מלך ראַוויטשעס „דער קערן פֿון מײַנע לידער" (לידער); פּ. בימקאָס „גנבֿים" (דראַמע), נאָכן אַרויסגעבן — געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער; „פֿון קריג און פֿרידן" (דערציילונגען); „אויפֿן ברעג פֿון דער ווײַסל" און „רעקרוטן" (דערציילונגען); ד"ר ב. ציפּורס „אין בבֿל" (דראַ־מע); י. י. זינגערס אַן איבערזעצונג פֿון זשולאַווסקיס „שבתי צבֿי"; אַהרן איינהאָרנס איבערזעצונג פֿון מאַליערס „דער קאַרגער"; דניאל לייבלס איבערזעצונג פֿון וויספּיאַנסקיס „דניאל".

ישׂראל שטערן האָט זיך מתחייבֿ געווען צוצושטעלן אַ בוך לידער. לאַנדינסקי האָט אים אַוואַנסירט 200 זלאָטעס — אַ טייל פֿון האָנאָראַר, וואָס וואָלט אים געקומען נאָכן פֿאַרקויפֿן זײַן בוך. שטערן פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט ברענגען אַ נײַ־געשאַפֿן ליד, ער האָט זיך אָבער קיין מאָל ניט געקענט שיידן מיט זײַן ליד, פֿלעגט ער עס צוריקנעמען מיטן אויסרייד, אַז ער דאַרף עס נאָך באַאַרבעטן: „ס'איז נאָך רוי, ס'וועט זײַן בעסער".

און אַזוי אַרום זײַנען זײַנע לידער, צום באַדויערן, קיין מאָל בײַ זײַן לעבן ניט אַרויס אין בוכפֿאָרעם.

צווישן די שרײַבערס וואָס זײַנען געווען פֿאַרטראָטן אין אונדזער פֿאַרלאַג מיט די אויבן דערמאָנטע ווערק:

אויף דער רשימה — אַן ערך 15 מחברים — פֿיגורירן נעמען פֿון שרײַבערס, וואָס זײַנען שוין פֿריִער געווען אַ שם־דבֿר אין אונדזער ליטעראַטור, מייסטנס אָבער זײַנען נעמען אומבאַקאַנטע, וואָס זייערע ווערק האָבן נאָך ניט געהאַט די זכיה אַרויסגעגעבן צו ווערן אין בוכפֿאָרעם. אַט־אָ די האָט לאַנדינסקי כמעט ווי אַנטדעקט. מיט זײַן חוש פֿאַרן אמת שאַפֿערישן טאַלאַנט, האָט ער זיי אַנגענומען אין זײַן פֿאַרלאַג און געהאָלפֿן די באַרימט ווערן שפּעטער ווי ערשטראַנגיקע שרײַבערס און דיכטערס.

מיר האָבן זיך פֿאַרשאַפֿט אַ שפּאָר ביסל שׂונאים צווישן די וואַרשעווער פֿאַרלעגערס, מחמת לאַנדינסקיס רעוואָלוציע אין דער ידישער פֿאַרלעגערײַ. ביזן אויפֿקום פֿון פֿאַרלאַג „די צײַט“ איז די לאַגע פֿון ידישע מחברים געווען הפֿקרדיק: מע האָט געאַרבעט אויף אַ ווערק אַ לענגערע צײַט און לסוף געווען געצוווּנגען דאָס איבערצוגעבן אין רשות פֿון פֿאַרלעגער אויף אייביק פֿאַר אַן איינמאָליקן נישטיקן האָנאָראַר. לאַנדינסקי האָט דער ערשטער געצאָלט דעם מחבר פּראָצענטער פֿון ברוטאָפּרײַז פֿון יעדן פֿאַרקויפֿטן בוך און פֿון יעדער ווײַטערדיקער אויפֿלאַגע פֿונעם אַרויסגעגעבענעם בוך. צוליב דעם האָבן אויך אַנדערע פֿאַרלעגערס געמוזט אָפּשטעלן דאָס קויפֿן אַ ווערק פֿון אַ שרײַבער לצמיתות. ידישע שרײַבערס האָבן מער ניט געטאָרט פֿאַרקויפֿן זייערע כּתבֿ־ידן אויף אייביק.

צו אונדזער פֿאַרלאַג האָבן מיר בײַגעשטײַערט ניט נאָר אונדזער מאַטעריעלן פֿאַרמעג (לאַנדינסקי האָט תּמיד געזאָרגט, אַז די ביכער אין זײַן פֿאַרלאַג זאָלן האָבן אַן עסטעטיש אויסזען; לידער־זאַמלונגען האָט ער געדרוקט אויף אַ פּאַפּיר „דע לוקס“, פּראָזע־ביכער — מיט קונסט־אילוסטראַציעס), נאָר אויך אונדזערע פֿיזישע כּוחות. פֿאַרקויפֿן אַ בוך פֿון אַ שרײַבער אַן סטאַזש, אומפּאָפּולער אויפֿן ביכערמאַרק, איז געווען סיזיף־אַרבעט. וועגן עטלעכע ביכער, וואָס לאַנדינסקי האָט באַשלאָסן זיי אַרויסצוגעבן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן זײַן שטיינער אויפֿן ביכערמאַרק. אַ היסטאָרישע דראַמע „אין בבֿל“ וועט זײַן אַ הונדערט־פּראָצענטיקער באַוול. ער האָט אָבער געהאַלטן פֿון דעם מחבר ניט ווייניקער ווי פֿון זײַן ווערק און געוואָלט צוגעווינען דעם לייענער, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען געניסן ניט נאָר פֿון אַ גוט פֿאַרטראַכטן ראָמאַן, נאָר אויך פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעך־געשיכטלעך בוך.

דערקלערן דעם געדאַנק אַ דורכשניטלעכן בוך־פאַרקויפער איז געווען אַ ברכה לבטלה. איז דאָך לאַנדינסקי געבענטשט פון דער השגחה מיט אַרי־גינעלע אײַנפאַלן — האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן מיט אַן אָפּגע־דרוקטער רשימה פון די שרײַבערס און זייערע ווערק, וואָס זײַנען אַרויס־געגעבן געוואָרן אין זײַן פאַרלאַג. געפאָרן איז ער פון שטאָט צו שטאָט, ווו נאָר ס׳האָט זיך געפונען אַ בוכהענדלער אין פוילן און אָנגענומען באַ־שטעלונגען אויף זײַנע אויסגאַבעס מיט אַ תנאי: אַלע אָדער גאָרניט.

— ס׳טײַטש — פלעגט דער בוכהענדלער טענהן — אויב איך דאַרף צוקער, ווילט איר מיר געבן זאַלץ. אַז איך דאַרף האָבן אויפן לאַגער ווייסע־בערגס דערציילונגען, ווילט איר מיך צווינגען צו קויפן בײַ אײַך ביכער, וואָס וועלן בײַ מיר פאַרשימלט ווערן, און איך זאָל אײַך דערפאַר צאָלן לעבעדיקע, קנאַקעדיקע זלאָטעס? וואָס מיינט איר, איך בין קורח, בין איך?

— ווײַזט מיר די ביכער, וואָס ווערן בײַ אײַך פאַרשימלט און מיר וועלן, אפשר, געפינען אַן אויסוועג פאַר אײַער פּראָבלעם.

דער בוכהענדלער האָט לאַנדינסקין געעצהט אַראָפּצונעמען זײַן מאַנטל, ווײַל ווען ער וועט אַראָפּקומען פון בוידעם, ווו ער האַלט זײַן „אוצר״, וועט לאַנדינסקי זײַן מאַנטל ניט דערקענען, דער שטויב וועט פאַרשלינגען דעם שוואַרצן קאָליר.

לאַנדינסקי בלײַבט שטיין פאַר אַ לאַגער פון הונדערטער ביכלעך פון אַ ביליקער אויסגאַבע: גאַרדינס דראַמעס, שמרס ראָמאַנען אד״גל.

— איך וועל אײַך באַפרײַען פון דעם מיסטקאַסטן, שטויבט אָפּ די ביכ־לעך און שיקט זיי מיר צו אַהיים. באַרעכנט וויפל קאָמפּלעטן דאַרף איך אײַך שיקן פון מײַן פאַרלאַג.

דער בוכהענדלער איז אַרײַנגעפאַלן אין קעלבערנער התפעלות:

— אויב איר מיינט עס ערנסט, קומט אײַך אַ יישר־כוח, דער מיסט־קאַסטן וואָלט דאָך מיך איבערגעלעבט. איך האָב גוטע קונים, אינטעליגענטע לייענערס, זיי ווילן קויפן אַ גוט בוך, איך ווײַז זיי אַפילו ניט די שמאַטעס — באַרימט זיך דער בוכהענדלער.

געוווּסט האָט אָבער לאַנדינסקי אין וועלכן שטעטל ער וועט די דאָזיקע שמאַטעס פאַרצוקערן און ער האָט טאַקע צו דעם עסק ניט דערלייגט דער באָבעס ירושה.

אונדזערע שותּפים — די מחברים — האָבן ניט געוווּסט וועגן דער נײַער לאַנדינסקי־סיסטעם פון פאַרשפּרייטן יידישע ביכער, און ווײַל לויטן אָפּמאַך דאַרפן זיי באַקומען 15 פּראָצענט פון יעדן פאַרקויפטן בוך, פלעגן אַ טייל זײַן צופרידן, אַז זייערע ביכער פאַרקויפן זיך גיך אין פאַרלאַג „די צײַט״, אַנדערע אָבער האָבן גענומען מקנא זײַן לאַנדינסקין, אַז ער ווערט

רײַך אויף זייער חשבון. דער ענין איז אונדז ביידן נמאס געוואָרן און מיר האָבן גענומען טראַכטן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון די דאָזיקע „גליקן״.

אין 1924 איז לאַנדינסקי געפֿאָרן קיין בערלין. ס׳מזל האָט אים דאָרט צוגעשפּילט. ער האָט געפֿונען אַ בעלן — אַ דײַטשישער ייִד — בנימין האַרץ, אַ וועלט־באַרימטער פֿאַרלעגער, האָט אָפּגעקויפֿט אונדזער פֿאַרלאַג מיט די קאָנטראַקטן פֿון די שרײַבערס. אויב ווער פֿון זיי האָט ניט מסכּים געווען צו האָבן אַן אַנדער פֿאַרלעגער, האָט ער באַקומען די מאַטריצן פֿונעם אָפּגעדרוקטן בוך.

אין דער טראַנזאַקציע האָט פֿאַרמיטלט ישׂראל לאַנדאַן —דער געוועזענער אייגנטימער פֿון פֿאַרלאַג „דער קוואַל״, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין בערלין און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

דער פֿאַרלאַג „די צײַט״ האָט עקסיסטירט בלויז 4 יאָר, אָבער צוליב לאַנדינסקיס ראַדיקאַלע ענדערונגען און יסודותדיקע אויפֿטוען אויפֿן פֿאַרלעגערישן געביט אין משך פֿון דעם קורצן צײַטאָפּשניט, מוז ער דערמאָנט ווערן לשבֿח אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאַרלעגערײַ אין פּוילן.

***

לאַנדינסקי שרײַבט מיר פֿון בערלין: „פּטור געוואָרן מיט מזל פֿון פֿאַרלאַג, איצט דאַרף מיר אויך פּטור ווערן פֿון פּוילן. איך כאַפּ זיך אַריבער קיין פּאַריז. פֿראַנצייזיש רעד איך, וועל איך פּרוּוון מײַן מזל אין דער שטאָט פֿון ליכט און קולטור״.

אין פּאַריז האָט לאַנדינסקי גײַסטיק אויפֿגעלעבט, דערפֿילט אַ דאָרשט צו פֿאַרברייטערן און פֿאַרטיפֿן זײַן וויסן. ער איז געוואָרן אַ פֿרײַער צוהערער אין דער פּאַריזער סאָרבאָן און גלײַכצײַטיק געשריבן אַרטיקלען פֿאַרן „מאָמענט״ און פֿאַר פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין פּוילן.

זײַן חיונה האָט ער אָבער ניט געוואָלט ציִען פֿון זײַן פּען. ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זײַן אָנגעוויזן אויף דער טאָגפּרעסע. אינטערעסירט האָט אים אָבער דאָס אַרויסגעבן אין פּאַריז סײַ די טאָג־טעגלעכע צײַטונגען, סײַ די זשורנאַלן. די אילוסטראַציעס, וואָס פֿלעגן באַלעבן דאָס געדרוקטע וואָרט, האָבן גערייצט און געוועקט חשק צום לייענען. איז אים אײַנגעפֿאַלן אײַנצופֿירן אילוסטראַציעס אין דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן.

מע האָט זיך געגרייט אין פּאַריז צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג, וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין 1925. פֿון אַלע לענדער זײַנען געשיקט געוואָרן אַרכיטעקטן און אַרטיסטן צו בויען זייערע פּאַוויליאָנען. יעדעס לאַנד האָט אָפּגעקויפֿט אַ געוויסן שטח אויף „שאַם דע מאַרס״ אין פּאַריז, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פֿאַר דער ריזיקער אונטערנעמונג.

און אַט דערהאַלט איך פֿון לאַנדינסקין אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: אַ בוים אויף אַן אָפּגערוימטן, נאַקעטן שטח, לעבן בוים צוויי עלעגאַנט־געקליידטע מענער. אויפֿן רוקן פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע — אַ היפּשע דערקלערונג אין יידיש: אויף דעם אָרט וועט זיך געפֿינען דער פּוילישער פּאַוויליאָן. רעכטס שטייט דער אַרכיטעקט וואַרכאַלאָווסקי, לינקס — דער אַטאַשע פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז אַרצישעווסקי. די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט באַגליט אַ בריוו צו מיר מיט דער בקשה, אַז כ׳זאָל ניט זוימען, גלײַך צוגיין מאָמענט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעמאָלט אַן אילוסטרירטע בײַלאַגע, און זאָגן דעם רעדאַקטאָר, אַז ער זאָל גיך אָפּדרוקן די פֿאָטאָגראַפֿיע. מיר וועלן דערמיט ווײַזן די פּאַליאַקן, אַז זיי דאַרפֿן זיך מיט אונדז רעכענען אויפֿן געביט פֿון קולטור, מיר קענען זיי איבערשטײַגן.

בײַ מיר האָט לאַנדינסקי געפּועלט. כ׳בין גלײַך אַוועק צום רעדאַקטאָר פֿון דער אילוסטרירטער ביילאַגע אין מאָמענט און אים פֿאָרגעלייגט צו קויפֿן בײַ מיר די פּאַריזער פֿאָטאָגראַפֿיע.

דער תּמיד אויפֿגעלייגטער רעדאַקטאָר האָט זיך הויך פֿונאַנדערגעלאַכט:

— אַ בוים זאָל איך בײַ אײַך קויפֿן? ס׳פֿעלט אונדז שוין אויס ביימער אין זאַקסישן גאָרטן? משוגע, מײַנע שונאים! שרײַבט לאַנדינסקין, אַז איך פֿרעג וואָס איז דער מער מיט אים, צי האַלט ער בײַם פֿאַרלירן זײַן שׂכל אין פּאַריז?

כ׳פֿיל ווי דער מאַמעס מילך ווערט אין מיר אָנטרינען, דאָס לשון ווערט מיר אָפּגענומען, ווען איך שטעל זיך פֿאָר לאַנדינסקיס אַנטוישונג, דערהערנדיק פֿון מיר וועגן דעם ברוך־הבא, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין דער רעדאַקציע.

כ׳באַווײַז נאָך ניט אָנצושרײַבן דאָס בריוול. און ס׳פֿאַלט מיר אַרויס פֿון אַ נאָר וואָס דערהאַלטענעם בריוו אַ צווייטע פֿאָטאָגראַפֿיע: אַ שמאָל געסל, נידעריקע פֿענצטער, פֿון דרויסן אַ פֿאַרצויגענער שטריק באַהאָנגען מיט וועש צו טריקענען. און ווידער אויפֿן רוקן פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע — אַ מגילה: אָט איז דאָס ליכטיקע, רחבֿותדיקע פּאַריז אין זײַן שאָטן. ניט ווײַט פֿון די מלכותדיקע גאַסן, מיט ברייטע, זוניקע פּאַנאָראַמעס, וואָס פֿאַרכאַפּן דאָס אויג — שמאָלע, אָרעמע געסלעך, ווו ס׳לעבן אין נויט און דחקות יידישע און אויך פֿראַנצייזישע אַרבעטנדיקע משפּחות.

אַ קאַלטער ציטער גייט מיר דורך די ביינער. וואָס טוט זיך טאַקע מיט מײַן לאַנדינסקין? ווער ווייסט וויפֿל ער האָט שוין אײַנגעקויפֿט פֿון די דאָזיקע מציאות און פֿאַר וועמען? גיין צי ניט גיין? ס׳איז דאָך אָבער פֿאָרט

אינטערעסאַנט, דער אויפֿשריפֿט רעדט פֿאַר זיך אַליין. אַ ברירה האָב איך, נישטאָ מער וואָס צו פֿאַרלירן, וועט דער רעדאַקטאָר אויך איצט ניט קויפֿן, איז דאָך עס שוין אין פֿאָרויס סײַ ווי פֿאַרלוירן.

כ׳נעם זיך אָן מיט האַרץ און מיט אַן אָנשטעל פֿון זיכערקייט טרעט איך איבער די שוועל פֿון דער רעדאַקציע אויף באַלעוואַקעס.

— נו, לאָמיר זען מיט וואָס וועט מיך הײַנט איבערראשן, אײַער לאַנ־דינסקי.

דערזען דאָס אָרעמע געסל מיט די צעהאַנגענע וועש, פֿאַרציט זיך דעם רעדאַקטאָרס ברייטלעך פּנים מיט אַ וואָלקן. מיט צער זאָגט ער:

— פֿרוי לאַנדינסקי, טוט מיר און אויך אײַך אַליין אַ טובֿה, שיקט אַ טעלעגראַם צו אײַער מאַן, ער זאָל גלײַך אַהיימקומען. ס׳איז מיר ניט אַ שאָד וואָס ער ציט אויף זיך, באַשײַמפּערלעך, דעם דלות, ער באַגזלט זיך אַליין. איך ווייס, אַז ווען מען קויפֿט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע מיט רעכט זי צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין אַ צײַטונג אָדער זשורנאַל, צאָלט מען דערפֿאַר אַ היפּשע מטבע, רחמנות האָב איך אויף אים, כ׳האָב מורא, אַז ער איז אַראָפּ פֿון זינען. פּאַריז איז ניט פֿאַר אים. גלייבט מיר, כ׳בין אים אַ גוטער פֿרײַנד, מײַן עצה, ראַטעוועט אים כּל־זמן ס׳איז ניט צו שפּעט.

איך פּרוביר קלאָר מאַכן דעם רעדאַקטאָר, אַז ער דאַרף איבערלייענען די צושריפֿט צו דער פֿאָטאָגראַפֿיע, איידער ער גיט אַרויס זײַן פּסק־דין. מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע וועט ער ווײַזן דעם לייענער די דיסהאַרמאָניע פֿון דעם וועלט־באַרימטן פּאַריז. ער לאָזט אָבער צו זיך ניט ריידן:

— פֿרוי לאַנדינסקי, איר רעדט ווי אַ נאַאיווע פֿרוי. ס׳פֿעלט אונדז אָרעמקייט אין וואַרשע? איר זענט נאָך ניט געווען אויף ניסקע גאַס, אויף קראָכמאַלנע און וו ניט? איר האָט ניט געזען, ווי עס פֿינצטערן אינדזערע ייִדן אין די קעלערס, וווּ ס׳דערגרייכט ניט קיין שפּור פֿון זונשטראַלן צו זיי? געדענקט וואָס איך עצה אײַך, זאָל ער אַהיימקומען און וואָס גיכער. זאָרגט ניט, איר וועט מיט אים פֿון הונגער ניט שטאַרבן, ער האָט אַ גוטע פֿען אין דער האַנט. דער מאַמענט וועט אים ניט לאָזן פֿאַלן.

כ׳פּרוביר ווידער פֿאַרטיידיקן לאַנדינסקין, מײַן צונג אָבער פּלאָנטערט זיך, ווי אַ פֿאָדעם אין אַ קנויל באַוול. מײַנע רייד פֿאַלן אויף טויבע אויערן. אין דער אמתן זע איך דאָך, אַז ער איז גערעכט, ער רעדט אויפֿריכטיק, דער רעדאַקטאָר, ער מיינט דאָך לאַנדינסקיס טובֿה.

אונטער דעם אײַנדרוק שרײַב איך אַוועק אַ בריוו צו לאַנדינסקין. כ׳בעט אים, אַז ער זאָל מיר מער ניט שיקן קיין פֿאָטאָגראַפֿיעס, ער זאָל

מער ניט פּטרן קיין געלט. חלילה, זיך ניט פאַרבינדן מיט קיין שום פאָ־טאָגראַפישער אַגענטור אין פּאַריז. כ'בין זיכער, אַז סוף כל סוף וועט ער אַהיימקומען, ווי אַ פאַסטעכל אָן אַ פּײַפל. מײַן טאַטע זאָגט אויך, אַז ווען מען מאַכט אַ פויל געשעפט — שנײַדט מען אָפּ. „אַ געשעפט — זאָגט ער — איז דאָס, ער וויל האַנדלען מיט מאַליאַוואַנקעס, דײַן דיכטערישער סוחר?"

— כ'לאַך פונעם רעדאַקטאָרס קאָפּ — ענטפערט מיר לאַנדינסקי אויף מײַן בריוו — זאָג אים, אַז כ'האָב געוואָלט פונאַנדעראַקערן דעם פאַר־עלטערטן יידישן באָדן אין פוילן, אָבער, אַ פּנים, ס'איז נאָך ניט געקומען די צײַט, זיי זענען נאָך ניט רײַף פאַר מײַנע אידעען. דערמאָן אונדזער רע־דאַקטאָר, אַז איך געהער צום פאָלק פון עקשנים, איך קום ניט צוריק, כ'בלײַב אין פּאַריז! דאָ וועלן מיר בויען אונדזער היים, דאָ וועט שטיין דאָס וויגעלע פון די קינדער, וואָס דו וועסט מיר געבוירן, און טאַקע דאָ, אין פּאַריז, וועלן מיר זיי דערציִען. באַרויִק אים, זאָג אים, אַז איך בין פולקום געזונט, איך ווייס וואָס איך וויל און וואָס איך טו. ניט אַזעלכע ווי ער האָט מיצקעוויטש געמיינט, ווען ער האָט געזונגען: „גרייך אַהין, וווּהין ס'גרייכן ניט בליקן" (אַדאַ דאָ מלאַדאָשצי — אָדע צו דער יוגנטלעכ־קייט). זײַן מוח קען דאָס לעת עתה ניט איבערקאָכן, ער קען, נעבעך, ניט אַריבערשפּרײַזן דעם תּחום פון זײַנע נאַלעווקעס. טאָ הער זיך ניט צו צו זײַנע עצות. דער עיקר וואַרף ניט אַרויס די פאָטאָגראַפיעס, זעץ איבער אויף פויליש די יידישע אויפשריפטן און טראָג זיי אַוועק אין דעם גרעסטן פוילישן זשורנאַל טיגאָדניק אילוסטראָוואַני. זיי גיבן אויך אַרויס דעם רע־פּרעזענטאַטיוון ליטעראַרישן זשורנאַל וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע, און לאָז מיר וויסן זייער מיינונג.

ס'האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט אַן ערך צוואַנציק פאָטאָגראַפיעס. דער יידישער טעקסט איז בײַגעלייגט, ניט געשריבן אויפן רוקן פון דער פאָטאָ־גראַפיע: מיצקעוויטשעס ביבליאָטעק געזען פון דרויסן, די געבײַדע פון דער פוילישער אַמבאַסאַדע אויף „פּלאַס אַלמאַ" א"אַ בילדער פון דעם שטייגער, און אויך עטלעכע — מיט אַ יידישן אינהאַלט.

ווײ, ווײ, טראַכט איך, וואָס וויל דער מאַן פון מיר? זיך ווידער אויס־שטעלן צו שאַנד און צו שפּאָט בײַ די פוילישע רעדאַקטאָרן? אָבער, האָסט געוואָלט האָבן פאַר אַ מאַן אַ דיכטער, מוזטו אויסשטיין פון אים זײַנע קאַפּריזן. ס'ווייטיקט בלויז דאָס האַרץ, וואָס ער פּטרט דאָרט דאָס אַזוי שווער פאַרהאָרעוועטע געלט. און ווי וועט ער פילן, ווען ער וועט אײַנזען, אַז ס'איז געווען ניט מער ווי אַן אוטאָפּיע, זײַן חלום וועט צערונען ווערן, און ער וועט מוזן בחרפּתו צוריקקומען אַהיים?

מיט האַרץ־קלאַפּעניש און ציטערדיקע פֿינגערס צעשפּרייט איך מײַנע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿאַרן אילוסטראַציעס־רעדאַקטאָר פֿון דער אימפּאָזאַנטסטער פּוילישער וואָכנשריפֿט טיגאָדניק אילוסטראָוואַני.

דער יונגער, שלאַנקער שייגעץ וואַרפֿט אַ בליק אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס. ס׳צעשטראַלן זיך זײַנע גרויע אויגן, ער וואַרפֿט צוריק זײַנע בלאָנדע האָר, וואָס פֿאַלן אים אויף זײַן שטערן, קוקט מיך אָן מיט וואַרעמקייט. קוקט ווידער אויף די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וווּנדערט זיך, זײַנע אויגן קענען זיך ניט אָנזעטיקן, ענדלעך פֿרעגט ער:

„פֿון וואַנען האָסטו די פֿאָטאָגראַפֿיעס? ווער האָט זיי דיר געשיקט פֿון פּאַריז?״

„מײַן מאַן״ — זאָג איך אין פֿאַרלעגנהייט. כ׳בין איבערראַשט, איך וויל אָבער ניט אַרויסווײַזן וואָס איך פֿיל.

„דײַן מאַן? ווער איז ער און מיט וואָס באַשעפֿטיקט ער זיך אין פּאַריז?״

„מיט וואָס ער באַשעפֿטיקט זיך אין פּאַריז? — זוך איך אין מײַן קאָפּ אַן ענטפֿער — פֿון באַרוף איז ער אַ שרײַבער, אין פּאַריז וויל ער גרינדן אַ פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור פֿאַר דער פּרעסע, פֿאַר אַזעלכע אויסגאַבעס ווי דײַנע, כאָטש כ׳מיין, אַז דײַנע איז די בעסטע אין פּוילן״ — זשאַלעווע איך אים ניט קיין קאָמפּלימענט.

— אַ שרײַבער? אויב אַזוי פֿאַרשטיי איך. כ׳מוז דיר זאָגן, אַז אונדזער רעדאַקציע איז פֿאַרבונדן מיט צוויי פּאַריזער פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטורן, זיי זײַנען, משמעות, די בעסטע. זיי שיקן אונדז אָן אַ שיער פֿאָטאָגראַפֿישן מאַטעריאַל, ס׳איז אָבער ניטאָ וואָס פֿון דעם אויסצוקלײַבן. זיי ווייסן אפֿשר וואָס צוצופּאַסן פֿאַר זייערע לאָקאַלע צײַטונגען, אָבער פֿאַר אונדז האָבן זיי קיין שום ווערט ניט. איצט, זאָג מיר, וואָס פֿאַרלאַנגסטו פֿאַר די פֿאָטאָגראַפֿיעס?

כ׳בלײַב זיצן אַ פֿריטשמעלעטע. ס׳איז מיר שווער זיך צו באַהערשן. כ׳זע דעם ייִדישן רעדאַקטאָר מיט זײַן חוזק און פֿאַרמשפּטן לאַנדינסקין. ס׳איז מיר טרוקן אין קעל, אָבער איך דערמאָן זיך: געלט קאָסט עס אונדז, אויב ס׳איז ווידער יאָ אַ סחורה, דאַרף איך דאָך ריידן ווי אַ סוחרטע.

„וויפֿל פֿאָטאָגראַפֿיעס קלײַבסטו אויס? אויב איינע, צוויי — איז עס 8 זלאָטעס אַ שטיק, אויב מער — איז 6 זלאָטעס״.

— וואָס מיינסטו וויפֿל? איך נעם זיי אַלע צו בײַ דיר. אויב דו וועסט האָבן נאָך פֿאָטאָגראַפֿיעס, ברענג זיי ס׳ערשטע צו מיר, גיי נישט אין קיין

אַנדער רעדאַקציע מיט זיי. דאָס צווייטע מאָל, ווען דו וועסט קומען, וועלן מיר דיר אפשר געבן אַ באַשטעלונג, וואָס דײַן מאַן וועט דאַרפֿן פֿאָטאָגראַפירן עקסקלוזיוו פֿאַר אונדז, אָבער דערווײַל קום, איך וועל דיך באַקענען מיט אונדזער הויפּט־רעדאַקטאָר.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם סײַ פֿון איבערראַשונג, סײַ פֿון אויפֿרעגונג, פֿאָלג איך נאָך די טריט פֿונעם פּוילישן ראַפֿינירטן קולטורמענטש. ער פֿירט מיך דורך אַ לאַבירינט פֿון אומצייליקע קלענערע צימערן ביז מיר דערגרייכן דעם רײַך מעבלירטן צווייפּענצטערדיקן צימער פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר.

מיטן פּעקל פֿאָטאָגראַפֿיעס אין זײַן האַנט שטעלט מיך דער אילוסטראַציעס־רעדאַקטאָר פֿאַר פֿאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר, וואָס שטרעקט אויס זײַן האַנט צו מיר און באַגריסט מיך העפֿלעך. ער פֿאַרקניפּט אַ קורצן שמועס מיט מיר, דריקט אויס זײַן צופֿרידנקייט צו האָבן אַ שרײַבער אין פּאַריז, וואָס וועט פֿאַרלאָזלעך אַרבעטן פֿאַר זײַנע אילוסטרירטע אויסגאַבעס, און שטרײַכט אונטער, אַז ער האָפֿט אויף גוטער צוזאַמענאַרבעט.

כ׳בין צעטומלט. אַזאַ פּשטות בײַ דעם גרעסטן רעדאַקטאָר אין פּוילן?

כ׳באַטאַפּ מײַנע אויערן: צי חלום איך, צי הער איך עס באמת?

צוריק אַהיים בין איך שוין ניט געגאַנגען, נאָר געפֿלויגן, ווי אויף פֿליגל געטראָגן, מיט אַ פֿריילעך געמיט. אַ וויסטער חלום געווען, אַ קאָשמאַר — דער ייִדישער רעדאַקטאָר אונדזערער.

דערהאַלטן די גוטע בשׂורה פֿון מיר, באַשיט מיך לאַנדינסקי מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס. ער גיט מיר אָנווײַזונגען וועלכע פֿאָטאָגראַפֿיעס ער האַלט פֿאַר פּאַסיק פֿאַר וועמען, דער עיקר שרײַבט ער מיר, זאָל איך גיין צום קאָפּ. אָנהייבן דאַרף איך מיט דער גרעסטער טעגלעכער צײַטונג קוריער פּאָראַנני און מעלדן זאָל איך זיך צום הויפּט־רעדאַקטאָר.

נאָך דעם ערשטן טריומף אין דער פּוילישער רעדאַקציע האָט שוין לאַנדינסקי ניט געהאַט מיט מיר קיין שווערע אַרבעט. איך האָב זיך דאָך איבערצײַגט, אַז ער ווייסט וואָס ער טוט און אַז ער לייגט זיך ניט קיין פֿייגעלעך אין בוזעם, פֿאָלג איך אויס געהאָרכזאַם אַלע זײַנע אָנווײַזונגען.

אין קוריער פּאָראַנני נעמט מיך אויף דער רעדאַקטאָר מאַגנוסקי. אויך ער איז נשתּומם פֿון די צוגעפּאַסטע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿאַר זײַן צײַטונג, אויך ער גיט מיר איבער, אַז זיי זענען שטענדיקע אָבאָנענטן פֿון צוויי בעסטע פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטורן אין פּאַריז, אָבער ער וויל מיר ניט אָפּזאָגן. לויט

די פֿאָטאָגראַפֿיעס זעט ער, אַז מײַן מאַן פֿאַרשטייט בעסער ווי די פֿראַנ־צייזישע אַגענטורן, וואָס זײַן צײַטונג דאַרף, וועגן דעם עניין אָבער דעצידירט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פּריזע. ער וועט, זאָגט ער, אים איבערגעבן וועגן מײַן באַזוך אין דער רעדאַקציע און אויב פּריזע וועט מסכּים זײַן מיך אויפֿצונעמען, וועל איך דאַרפֿן קומען נאָך 12 בײַ נאַכט, ווײַל ער איז דער נאַכט־רעדאַקטאָר.

שוין אָן דעם שפּלות־געפֿיל, ווי פֿריִער, גיי איך נאָך 12 בײַ נאַכט אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס צום רעדאַקטאָר פּריזע אין קוריער פּאָראַנני. דער מיטל־וווקסיקער, שטאַרק געבויטער, מיטל־יאָריקער מאַן איז שוין גוט אײַנ־פּאַרמירט וועגן מײַן סחורה, וואָס ער וועט באַלד אַליין זען און באַוווּנדערן.

בײַ אונדז, ייִדן, האָט דער רעדאַקטאָר אַ שם פֿון אַ נישקשהדיקן אַנטיסע־מיט, מיט דער מאַמעס מילך אין בלוט אַרײַנגעזויגן דעם סם, דעם האַס צו ייִדן. איך ווייס וועגן דעם, אָבער מיך אַרט ניט, איך טראַכט: יאָ — יאָ, נישט — נישט.

נאָכן באַטראַכטן די פֿאָטאָגראַפֿיעס, לייענט דער רעדאַקטאָר פּריזע די טעקסטן:

„גוט, גאָר ניט קיין שלעכטער פּויליש".

כ׳דערפֿיל וואָס ער איז אויסן: ער קען ניט באַשליסן צי בין איך אַ ייִדישקע, צי נישט. מײַן נאָמען: העלענאַ לאַנדינסקאַ, קלינגט פּויליש. מײַן פּויליש רעדן — ניט צו פֿאַרזינדיקן, מײַן אויסזען — ניט אַהין און ניט אַהער. פֿרעגט ער מיך דיפּלאָמאַטיש, כּיטרע, אויפֿן פּוילישן שטייגער:

„מיט עטלעכע חדשים צוריק איז געשטאָרבן אונדזער קסיאָנדז (גלח) לאַנדינסקי. האָט ער עפּעס אַ שײַכות מיט דײַן משפּחה?"

„אויב ס׳וואָלט זײַן אַ רבֿ — זאָג איך ערנסט — וואָלט דאָס מעגלעך געווען, ווײַל מײַן מאַנס עלטער־זיידע איז געווען אַ מאַדזשיצער רבֿ, אָבער אַ קסיאָנדז, ניין, קען ניט שטאַמען פֿון אונדזער משפּחה".

ס׳געפֿעלט אים יאָ און ס׳געפֿעלט אים ניט מײַן ענטפֿער.

„די פֿאָטאָס געפֿעלן מיר, די פּאַסן פֿאַר אונדזער אילוסטרירטער בײַ־לאַגע, האָסט, אַפּנים, אַ פֿעיִקן מאַן. נו, ס׳איז גלײַכער מיט אַ קלוגן צו פֿאַר־שפּילן, ווי מיט אַ נאַר צו געווינען".

איך שמייכל. געוואָלט האָט ער אוודאי זאָגן: „פּשאַ קרעוו, זשידאָווסקאַ גלאָוואַ" (צו אַלדע רוחות, אַ ייִדישער קאָפּ), און קענען זײַן ווילן מוז ער, נעבעך, בײַ מיר קויפֿן די פֿאָטאָגראַפֿיעס.

אויף מײַן פֿראַגע, צי זאָל איך נאָך אַ מאָל קומען, ווען כ׳וועל האָבן אַנדערע פֿאָטאָגראַפֿיעס, האָט ער געזאָגט: בלי ספֿק, ער מיינט, אַז ער וועט מיט אונדז אַרבעטן. מיר וועלן, מסתּמא, אויסאַרבעטן גינסטיקע באַדינגונ־גען, ווײַל צאָלן מיר פֿון שטיק, מיינט ער, אַז כ׳וועל אים רויִנירן. זײַן

זונטיקדיקע אילוסטרירטע בײַלאַגע ווערט פֿונאַנדערגעשיקט ווי אַ צולאַג צו דער טעגלעכער צײַטונג, זיי מאַכן דערבײַ ניט קיין ריווח, און גוטע פֿאָטאָגראַפֿיעס דאַרף ער, און אַפֿילו אַ סך.

בײַ מײַן דריטן באַזוך דערקלערט מיר דער רעדאַקטאָר פֿריזע:

— מײַן ליבע פֿרוי לאַנדינסקאַ, דו מעלקסט פֿון מיר, ווי פֿון אַ קו. אויב כ׳זאָל דיר אַזוי כסדר צאָלן פֿון שטיק, וועל איך גאָר אין גיכן באַנקראָטירן — ווײַצלט זיך דער רעדאַקטאָר, וואָס באַצײַט זיך צו מיר זייער פֿרײַנדלעך. איך הייב זיך אָן צו פֿילן בײַ אים היימיש.

„וואָס איז דײַן עצה? מער ניט קומען, ניט רייצן דײַן קינסטלעריש־קולטיווירטן געשמאַק?״

„ניין, דאָס ניט, חלילה, כ׳מיין לאָמיר שליסן אָן אָפּמאַך, כ׳וועל דיר צאָלן אַ חודשלעכן אָפּצאָל פֿאַר צושטעלן אַ געוויסע צאָל פֿאָטאָגראַפֿיעס יעדן חודש״.

„אויף דעם געביט — זאָג איך — בין איך אַ גרינע. אדרבא, העלף מיר אַרויס, זאָג מיר, וויפֿל פֿאָטאָס דו ווילסט באַקומען און וואָס דו קענסט דערפֿאַר צאָלן, וועל איך דאָס פֿאַרלייגן מײַן מאַן און מיר וועלן שליסן אַ שריפֿטלעכן אָפּמאַך״.

ס׳געפֿעלט אים מײַן אויפֿריכטיקייט. ער זאָגט מיר צו דאָס צו דערלײדיקן דורך זײַן סעקרעטאַרין, דערווײַל לייגט ער מיר פֿאָר צו מאַכן, פֿאַר אים ספּעציעל, אַ סעריע אויפֿנאַמעס פֿון וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטש (אַדאַם מיצקעוויטשעס זון), וואָס וווינט אין פּאַריז. ער גיט מיר זײַן פּריוואַטן אַדרעס און אויך דעם אַדרעס פֿון דער פּוילישער ביבליאָטעק וואָס איז אויף מיצקעוויטשעס נאָמען. וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטש אַרבעט דאָרט עטלעכע שעה יעדן טאָג. מיר דאַרפֿן מאַכן רעפּאָרטאַזש־פֿאָטאָגראַפֿיעס: מיצקעוויטש זאָל ניט וויסן, אים נאָכגיין מיטן אַפּאַראַט ווען ער פֿאַרלאָזט זײַן היים, שטײַגט אויף אויפֿן טראַמוויַ, שטעלט זיך אָפּ אויפֿן בריק (קעי ד׳אָרסיי), באַטראַכט די ביכער וואָס מען פֿאַרקויפֿט דאָרט, און ווען ער קומט צו צו דער ביבליאָטעק — קעי ד׳אָרסיי נומער 6, ערשט שפּעטער, נאָך דעם ווען מיצקעוויטש וועט זיך זען אָפּגעדרוקט אין קוריער פּאָראַנני, וועלן מיר זיך נעמען צו אים: מיר וועלן אים פֿאָטאָגראַפֿירן בײַ אים אין דער היים, בײַ זײַן שרײַבטיש אין דער ביבליאָטעק אאַז״וו.

די באַשטעלונג ווערט אויסגעפֿירט דורך לאַנדינסקין מיט אַ קנאַק. די פֿאָטאָגראַפֿיעס רופֿן אַרויס אַ סענסאַציע סײַ אין פּוילן, סײַ אין פּאַריז.

מיטן אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך פֿון רעדאַקטאָר פֿריזע גיי איך שוין אויף אַ זיכערן וועג. פֿון איין פּוילישער רעדאַקציע צו דער צווייטער. בלויז אין וואַרשע האָב איך שוין געשלאָסן אָפּמאַכן (חודשלעכע אַבאָנענטן)

מיט 5 טעגלעכע צײַטונגען. פֿאַר די זשורנאַלן האָט אונדז בעסער געלוינט צו פֿאַרקויפֿן פֿון שטיק.

כ׳בין אויך אין פֿרײַנדלעכע באַציִונגען מיטן רעדאַקטאָר פֿון טיגאָדניק אילוסטראָוואַני. ער האָט מיר געגעבן אַ באַשטעלונג, אויף מײַן פֿאַרלאַנג, אַ שריפֿטלעכע: פֿאָטאָגראַפֿירן די פּוילישע אַמבאַסאַדע פֿון אינעווייניק: דעם אַמבאַסאַדאָר כלאַפּאָווסקי מיט זײַן משפּחה — פּריוואַט, דעם אַמבאַסאַדאָר בײַ דער אַרבעט אין זײַן ביוראָ, די העכערע באַאַמטע בײַ דער אַרבעט אד״גל.

כּדי אויסצופֿירן די באַשטעלונג, האָט מיר לאַנדינסקי געשריבן, מוז איך קומען קיין פּאַריז. ער וויל זיך ניט קאָמפּראָמיטירן מיט זײַן ניט אײַבעריק קאָרעקטן פּויליש און שיקן דעם פֿראַנצייזישן פֿאָטאָגראַף אַליין, האָט ניט קיין זינען. האָבן מיר באַשלאָסן צו לאָזן אַ פֿאַרטרעטערין אין וואַרשע, וואָס זאָל גיין מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס אין די רעדאַקציעס, וואָס קויפֿן פֿון שטיק, די טעגלעכע פּרעסע וועלן מיר באַדינען דורך פּאָסט, דירעקט פֿון פּאַריז.

**
*

אויפֿן „גאַר די נאָרד״ (באַנהויף) אין פּאַריז גייט מיר אַנטקעגן לאַנדינסקי, אַ געענדערטער, כ׳האָב אים קוים דערקענט. מיר דוכט, אַז ער איז העכער געוואָרן, דאָס פּנים פֿאַררונדיקט, פֿריש, די אויגן שפּיגלען אָפּ גליק, צופֿרידנקייט, יוגנטלעכקייט, אַנזאָרגיקייט.

מיר לאָזן איבער דעם באַגאַזש אויפֿן באַנהויף און ער פֿירט מיך אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן. ער דערקלערט מיר, אַז אין פּאַריז פֿירט זעלטן ווער באַלעבאַטישקייט. מען פֿאַרלירט ניט קיין צײַט אויף קאָכן און פֿירן אַ שטוב, מע לעבט זיך אויס אין דרויסן, מע וויל זײַן פֿרײַ און געניסן פֿון דער שיינקייט פֿון פּאַריז. ס׳איז ניט דאָס פֿאַרשימלטע פּוילן, דאָ זאָרגט מען ניט פֿאַרן מאָרגן, ס׳איז חי געלעבט.

דער רעסטאָראַן איז געפּאַקט. אַלערליי קלאַסן מענטשן: שיין פֿאַרפּוצטע, עלעגאַנטע דאַמען אויסגעמישט מיט אָרעם געקליידטע, אַרבעטנדיקע מיידלעך. קנוילן רויך פֿון פּאַפּיראָסן. אַלע זײַנען פֿריילעך, מע לאַכט אויפֿן קול און מע פּלאַפּלט הויך. איך דערפֿיל זיך אין אַ וואַרעמער אַטמאָספֿער.

ווען מע האָט אונדז דערלאַנגט אַ שיסל מיט גרינעם סאַלאַט האָב איך געפֿרעגט לאַנדינסקין צי מען עסט גראָז אין פּאַריז און פֿאַר וואָס שנײַדט מען ניט דאָס ברויט מיט אַ מעסער, נאָר מע רײַסט שטיקער פֿון די לאַנגע ווײַסע ברייטלעך. דאָס הייסט קולטור?

לאַנדינסקי לאַכט: — וועסט זיך צוגעווינען, ס׳וועט דיר שמעקן און געפֿעלן. קולטור האָבן די פֿראַנצויזן אין זייער באַנעמען, זייער ריידן, זייער הומאַניטאַרישקייט. דו האָסט נאָך די שטאָט ניט געזען, וועסט נאָך זײַן

איבעראַשט פֿון דער שיינקייט און ליכטיקייט, וועסט זיך דערפֿילן פֿריי, ניי־געבוירן. און גלײַך ווי איך וועסטו ניט וועלן צוריקפֿאָרן אַהיים, ווו מען איז געווען געפּענטעט אין קייטן. דו ווייסט דאָך, אַז די זון שײַנט ליכטי־קער נאָך אַ רעגן.

די שריפֿטלעכע באַשטעלונג פֿונעם טיגאַדניק אילוסטראַוואַני האָט פֿאַר מיר ברייט צעעפֿנט די טירן פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. איך האָב זיך באַקענט מיטן פּראָפּאַגאַנדע־שעף — כראַביע פּאַנינסקי. אין דער היים, אין פּויזן, איז ער זיכער געווען אַ ניט־באַהאַלטענער אַנטיסעמיט, אָבער דאָ, אין דער פֿרעמד, דאַרף מען זײַן העפֿלעך צו אַלע בירגערס, מע דאַרף ניט לאָזן פֿילן, אַז מען האָט פֿײַנט דעם ייִד, אָדער אין מײַן פֿאַל, די ייִדישקע, בפֿרט, אַז זי וויל טאָן אַ ניצלעכע אַרבעט און פֿאַרלאַנגט ניט דערפֿאַר קיין געלט. אַלץ וואָס כראַביע פּאַנינסקי וויל איז צו זען די פֿאָטאָ־גראַפֿיעס, וואָס זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן אין דער אַמבאַסאַדע, איידער זיי ווערן פֿונאַנדערגעשיקט, און שפּעטער — די פּרעסע, ווו די פֿאָטאָגראַ־פֿיעס וועלן פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן.

איך האָב אים דאָס צוגעזאָגט און דערפֿאַר באַקומען די דערלויבעניש צו ווענדן זיך דירעקט צו אים נאָך אינפֿאָרמאַציעס וועגן די אַקטואַליטעטן פֿון דער פּוילישער קאָלאָניע אין פּאַריז.

מיר אַרבעטן אינטענסיוו. אונדזער פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור צעוואַקסט זיך און ווערט זייער פּאָפּולער. די ייִדישע רעדאַקציעס אין וואַרשע האָבן זיך אַרומגעזען און אויך גענומען פֿאָדערן פֿון אונדז פֿאָטאָגראַפֿיעס. דער ערשטער איז געווען יאַקוב אַפּענשלאַק, דער רעדאַקטאָר פֿון דער פּויליש־ייִדישער צײַטונג נאַש פּשעגלאָנד. ער האָט אונדז אַפֿילו געמאַכט פֿאַרוואורפֿן פֿאַר וואָס מיר האָבן פֿאַרזען זײַן אויסגאַבע. גיי, דערצייל אים, אַז מען האָט אונדז געעצהט צו ניצן די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿאַר אשר־יצר... אויך דער הײַנט האָט גענומען אילוסטרירן זײַן צײַטונג און פֿאַרלאַנגט פֿאָטאָגראַפֿיעס, און צום סוף — נסים ונפֿלאות: אַפֿילו אין מאָמענט זײַנען אונדזערע פֿאָטאָס געוואָרן שמײַליק, דער רעדאַקטאָר האָט זיך געשלאָגן על חטא און געבעטן, אַז מיר זאָלן אים ניט אויסמײַדן און אים אויך שיקן אונדזערע פֿאָטאָ־גראַפֿיעס.

מע שמועסט אין פּאַריז, אַז לאַנדינסקיס פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור איז אַן עפּעס־מאָכנדיקע אינסטיטוציע. דאָס גיט צו לאַנדינסקין מוט. ער גייט אַרום אין די פּאַריזער מוזעומס, באַהאַלט אונדז מיט נײַע אידעען, גיט פֿאַר־אָרדענונגען דעם פֿאָטאָגראַף וואָס און ווו פֿאָטאָגראַפֿירן, און אַליין שטעלט ער זיך אין פֿאַרבינדונג מיט די גרעסטע אילוסטרירטע אויסגאַבעס, זשור־

נאָלן, צײַטונגען און פֿאַרלאַגן אין פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, בעלגיע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע א״אַ לענדער.

אומעטום ווערט ער אויפֿגענומען מיט גרויס חשיבֿות. זײַנע פֿאָטאָגראַ־פֿיעס נעמען אויס אין די אימפּאָזאַנטסטע אילוסטרירטע זשורנאַלן צוליב דעם צוגעפּאַסטן און אינטערעסאַנטן אינהאַלט. מיר בײַטן דעם נאָמען. און־דזער אַגענטור הייסט איצט: „די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָטאָגראַפֿישע רע־פּאָרטאַזש־אַגענטור אין פּאַריז״.

אונדזער פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור האָבן מיר געהאַט אין קינסטלער־צענטער, אויף בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, ווו ס׳האָבן זיך געפֿונען פֿיר גרעסע־רע קאַפֿעען — אַ שטענדיקער מקום מיקלט פֿאַר קינסטלערס, שרײַבערס פֿון אַלערליי לענדער. לאַנדינסקי ווערט גיך באַפֿרײַנדט מיט זיי און ער שאַפֿט פֿאַר זיי אַ ספּעציעלן אָפּטייל פֿאַר קונסט אין אונדזער אַגענטור.

לאַנדינסקיס אָריגינעלע אײַנפֿאַלן בײַם פֿאָטאָגראַפֿירן די קינסטלערס און זייערע ווערק גיבן אים אַ צוטריט צו די גרעסטע אילוסטרירטע אויס־גאַבעס אין פּאַריז, צווישן אַנדערע — דער שענסטער, וועלט־באַרימטער פֿראַנצייזישער זשורנאַל אילוסטראַסיאָן.

לאַנדינסקי האָט זיך אַנומלט באַקלאָגט פֿאַר דעם רעדאַקטאָר פֿון דער אילוסטראַסיאָן, ה׳ פּעלס, אַז ער האָט געוואָלט פֿאָטאָגראַפֿירן מאַטיסען בײַ דער אַרבעט. ס׳האָט זיך אים אָבער ניט אײַנגעגעבן צו קריגן די דערלויִ־בעניש פֿון מאַטיסען צו קומען אים פֿאָטאָגראַפֿירן אין זײַן ווילע, וואָס איז היפּשלעך ווײַט פֿון פּאַריז.

דער רעדאַקטאָר פּעלס, בײַ וועמען לאַנדינסקי האָט נושא חן געווען, האָט דאָס פֿאַר אים דערליידיקט. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען און אונדזערע פֿאָטאָס: מאַטיס, דעמאָלט שוין ניט קיין יונגער־מאַן, באַארבעט מיט אַ לאָפּעטע זײַן פּראַכטיקן גאָרטן; מאַטיס, אין ווײַסן כאַלאַט, מאָלט אין זײַן רחבֿותדיקן סטודיאָ, און אויך עטלעכע אויפֿנאַמעס פֿון מאַטיסעס מײַסטער־ווערק — זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, באַגלייט מיט אַ פּאַסיקן אַרטיקל, אויף די פּראַנטזײַטן פֿון דער אילוסטראַסיאָן.

דאָס רופֿט אַרויס אַ באַוועגונג ניט נאָר צווישן די גרעסטע קינסטלערס און סקולפּטאָרן פֿון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן אין פּאַריז, נאָר אויך צווישן די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן פֿון פֿאַרשיידענע זשורנאַלן. זיי קומען צו אונדז קויפֿן פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס אינספּירירן זיי צום שרײַבן. זיי געפֿינען בײַ אונדז טעמאַטיק, וואָס צעוואַרעמט זייער פֿאַנטאַזיע. אין קיין שום פֿאָ־טאָגראַפֿישער אַגענטור אין פּאַריז קענען זיי ניט געפֿינען אַזעלכע רײַך־אינהאַלטדיקע פֿאָטאָס ווי בײַ אונדז, — זאָגן זיי לאַנדינסקין.

— אַט, למשל, — זאָגט קלעטשקאָווסקי, דער קאָרעספּאָנדענט פֿונעם אילוסטראָוואַני קוריער קראַקאָווסקי, — די פֿאַרשיידנאַרטיקע פֿאַנטאָפּל, וואָס די אימפּעראַטריצע זשאָזעפֿינע (נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטעס ערשטע פֿרוי) האָט געטראָגן אין 19טן יאָרהונדערט. די סעריע פֿאָטאָגראַפֿיעס, כאָטש מיר האָבן אַלע געזען אין היגן מוזעום די אָריגינעלע פֿאַנטאָפּל, איז קיינעם פֿון אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן ניט אײַנגעפֿאַלן דאָס אויסצוניצן פֿאַר זייערע זשורנאַלן.

ז. קלינגסלאַנד, קאָרעספּאָנדענט פֿון וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע, דריקט אויס לאַנדינסקין אָנערקענונג פֿאַר זײַנע אָריגינעלע אײַנפֿאַלן און טרעפֿלעכע אויפֿנאַמעס פֿון די קינסטלערס אין זייער פּריוואַטן לעבן און בעת זייער שאַפֿן.

מיר פֿאָטאָגראַפֿירן בורדעלן, בעת ער שטייט אין זײַן גרויסער, צווײ־שטאָק הויכער, אַטעליע, אויף אַ לייטער מיט אַ האַמער אין האַנט און אַר־בעט בײַ אַדאַם מיצקעוויטשעס ריזיקן דענקמאָל, וואָס דאַרף אין גיכן אויפֿגעשטעלט ווערן אויף פּלאַס אַלמאַ, ניט ווײַט פֿון דער פּוילישער אַמ־באַסאַדע.

עס פּאַזירט פֿאַר אונדז דער פּוילישער סקולפּטאָר קונאַ, בעת ער פֿאַרענדיקט אַ מײַסטערישע סקולפּטור, וואָס האָט שפּעטער באַשײַנט דעם גאָרטן פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. מיר פֿאָטאָגראַפֿירן די קונסטווערק פֿון הענריק גליצנשטיין, אַראָנסאָן, שאַגאַל, קיסלינג, קראַמשטיק, אַרטור שיק. דער לעצטער ווערט דורך אונדז געוויזן, ווי ער שפּילט זיך מיט זײַנע קינדער אויפֿן טעפּעך פֿון זײַן שיינער היים. אויך לעאָפּאָלד גאָטליב אין זײַן ווײַסן כאַלאַט מיט דער פּאַליטרע און פּענדזל אין דער האַנט; מאַקס באַנד, זיגמונט מענקעס, קאַנעלבאַ, מאַנע קאַץ און אַ סך, אַ סך אַנדערע.

מיר האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט בײַ שלום אַשן, אין זײַן ווילע, הינטער פּאַריז, אַ קאָלעקציע פֿון אַנטיק־מנורות, וואָס אַש האָט ליידנשאַפֿטלעך יאָרן לאַנג געזאַמלט.

מיר האָבן פֿאָטאָגראַפֿירט אַבֿרהם מאָרעווסקין, וואָס האָט זיך פֿאַרהאַלטן, אויף זײַן צוריק־רײַזע פֿון אַמעריקע, אויף אַ לענגערער צײַט אין פּאַריז; דעם באַוווּסטן פּוילישן אַקטיאָר וועגנערקאַ, געקומען פֿון וואַרשע אויף וואַקאַציעס קיין פּאַריז; די שרײַבערס: ז. סעגאַלאָוויטש, ד״ר ציפּור, י. פּערלע; די פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן: נחום סאָקאָלאָוו און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. פֿון די מוזיקערס: אַרטור רובינשטיין, איגנאַצי פּאַדערעווסקי.

וועגן פּאַדערעווסקין דערמאָנט זיך מיר, אַגבֿ, אַ קאָמישער עפּיזאָד, וואָס האָט אונדז שיִער ניט פֿאַרטריבן לעולם ועד פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע.

די קאַסירערין פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע, פּאַדערעווסקיס אַמאָליקע

סעקרעטאַרין, אַ פֿאַרביסענע אַנטיסעמיטקע, האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן, אַז די אַמבאַסאַדע זאָל האָבן אַזוי פֿיל צוטרוי צו אונדז, יידן, האָט זי אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף מיר: באשר בכן כ׳האָב געהאַט די העזה זיך אָוועקצושטעלן לעבן פּאַדערעווסקין און זיך מיט אים צוזאַמען געלאָזט פֿאָטאָגראַפֿירן אין זײַן האָטעל.

ס׳האָט זיך, פֿאַרשטייט זיך, אויפֿגעהויבן אַ שטורעם קעגן אונדז אין דער אַמבאַסאַדע. איך בין אַוועק צו מיכאַל מאַשטשיצקי (דער זון פֿונעם פּרעזידענט פֿון פּוילן), דעמאָלטיקן ערשטן סעקרעטאַר פֿון אַמבאַסאַדאָר כלאַפּאָווסקי, אַן אויסערגעוויינלעך גוטער מענטש און אמתער יידן־פֿרײַנד. אַן אַנגעבלאָזענע, האָב איך אים קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז מיר האָבן באַ־שלאָסן מער ניט איבערצוטרעטן די שוועל פֿון דער אַמבאַסאַדע. אונדזער אַגענטור וועט ניט אונטערגיין, אויב מיר וועלן אויפֿהערן צו אַרבעטן מיט דער פּוילישער פּרעסע. בלויז לשם אמת — האָב איך אים געזאָגט — און טאָקע צוליב אים פּערזענלעך, וויל איך קלאָר מאַכן דעם ענין פּאַדערעווסקי:

— ס׳איז טאַקע אמת, אַז כ׳בין געשטאַנען בעתן פֿאָטאָגראַפֿירן, אָבער ניט לעבן פּאַדערעווסקין, נאָר הינטער זײַן רוקן און געטאָן האָב איך דאָס מיט אַ כוונה. ווי דו ווייסט, האָט זיך פּאַדערעווסקי ניט געוואָלט מטריח זײַן און גיין פֿאָזירן אַפֿילו אין די גרעסטע און רײַכסטע פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטורן. אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פֿון דער אַמבאַסאַדע האָט ער אונדז יאָ דערלויבט צו קומען אים פֿאָטאָגראַפֿירן אין אַ צימער פֿון האָטעל. מיר האָבן ניט געוואָלט דאָס דערציילן דער פּרעסע, איז כּדי צו קאַמופֿלאַזשירן די וועגט פֿונעם האָטעל־צימער, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ לײַ־לעך, וואָס האָט געדינט ווי אַ הינטערגרונט צו פּאַדערעווסקיס פּאָרטרעט, הינטער פּאַדערעווסקיס פּלייצעס.

כ׳האָב געוויזן די פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס האָט באַשטעטיקט מײַנע רייד. מאַשטשיצקי האָט זיך שטאַרק פֿונאַנדערגעלאַכט, געבעטן כ׳זאָל אים מוחל זײַן און מ׳איז ווײַטער געוועזן בשלום מיט דער אַמבאַסאַדע. די קאַסי־רערין אָבער האָב איך אויסגעמיטן און הנאה געהאַט צו זען, ווי זי קוקט אויף מיר, ווי אַ צעשראָקענער האָז.

ווי אַ פֿאַרגיטיקונג האָט מיר מאַשטשיצקי, אויף מײַן בקשה, געגעבן אַ שריפֿטלעכע דערלויבעניש צו פֿאָטאָגראַפֿירן זײַן פֿאָטער (דעם פּרעזידענט) מיט דער משפחה אין זײַן פּריוואַטער וווינונג אין זאַמעק (שלאָס), בעת ער, מיכאַל, וועט פֿאַרברענגען אין וואַרשע די נײַיאָר וואַקאַציעס. איך בין ספּעציעל געפֿאָרן קיין וואַרשע און דורכגעפֿירט דעם פּלאַן מיט אַ דאָר־טיקן פֿאָטאָגראַף. די פֿאָטאָגראַפֿיעס זײַנען גלײַך נאָך די יום־טובֿים

פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן סײַ אין פּוילן, סײַ אין פֿראַנקרײַך און דאָס האָט נאָך מער געהויבן אונדזער פּרעסטיזש אומעטום.

זײַענדיק אין וואַרשע האָב איך איין מאָל באַזוכט דעם רעדאַקטאָר פֿריזע. ער האָט זיך מיט מיר דערפֿרייט, אויסגעפֿרעגט וועגן זײַנע פֿרײַנד אין פּאַריז. איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער קונסטאַפּטייל און אַז איך האָב בדעה צו שאַפֿן נײַע אַבאָנענטן און דערבײַ צוגעגעבן:

— איך דערמאָן תּמיד צום גוטן דעם רעדאַקטאָר פֿריזע, כ׳דערצייל אַלעמען אין פּאַריז, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך מיט צוטרוי אַבאָנירט אין אונדזער פֿאָטאָגראַפֿישער אַגענטור — חנדל איך זיך צו אים — איצט איז מיר זייער אינטערעסאַנט זײַן רעאַקציע אויף די בילדער, וואָס כ׳וועל אים איצט ווײַזן. כ׳לייג אויס 6 פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון מאַנע קאַצס בילדער. (מאַנע קאַץ איז נאָך דעמאָלט ניט געווען באַרימט).

דער רעדאַקטאָר קוקט מיך אָן און שמייכלט: „גאַנץ פֿײַנע בילדער, אָבער... אַ יינגעלע מיט פּאות״. — ס׳רונצלט זיך זײַן שטערן, אַ פּנים, ס׳איז אים נאָך אַלץ שווער צו פֿאַרדײַען, כ׳האָב אים געשטעלט פֿאַר אַן ערנסטן נסיון.

— יאָ, פּאַניע רעדאַקטאָזשע, טאַקע דאָס יינגעלע מיט די פּאות ווילן מיר זען אָפּגעדרוקט אין דײַן אילוסטרירטער בײַלאַגע. ווען טו דאָס טאָן, גיב איך די 6 פֿאָטאָגראַפֿיעס עקסקלוזיוו פֿאַר דיר, כ׳וועל פֿאַר זיי קיין עקסטרע געלט ניט פֿאַרלאַנגען, האָסט אַ צולאָג צום אַבאָנעמענט.

„פֿאַר וואָס״?

„ווײַל מיר ווילן ס׳זאָל זיך בײַטן די מיינונג וועגן דיר בײַ דײַנע יידישע לייענערס אין וואַרשע, דו האָסט זיי אין אַ היפּשער צאָל״.

ער פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און דערנאָך זאָגט ער מיר, אַז כ׳זאָל זיי אים איבערלאָזן, ער וועט זיך מישבֿ זײַן.

דעם קומענדיקן זונטיק האָט מאַנע קאַץ געטאַנצט פֿון גדולה: זײַנע בילדער אויף אַ גאַנצער זײַט פֿון דער אילוסטרירטער בײַלאַגע אין קוריער פּאָראַנני האָבן אַראָפּגעשײַנט צו אים און צו אַ סך יידישע לייענערס, וואָס האָבן ניט פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען ס׳איז פּלוצלינג געקומען די איבערקער־עניש אין קוריער פּאָראַנני.

— אָפּדרוקן שאַגאַלן אָדער אַרטור שיק, וואָס זײַנען אַזוי פּאָפּולער אין פּוילן, פֿאַרשטיי איך איז ניט קיין קונץ, אָבער מאַנע קאַצן? ווער האָט שוין דאָ פֿון מיר געהערט? — האָט דער באַשיידענער מאַנע קאַץ, מיט דאַנק־באַרקייט אין זײַנע בלויע אויגן, מיר געדריקט די האַנט, ווען איך האָב אים געטראָפֿן אין לאָדזש. ער איז געקומען פֿון פּאַריז באַזוכן זײַן פֿרומע מוטער,

איך בין געווען אויף מײַן רײַזע פֿון שטאָט צו שטאָט צו שאַפֿן אָפּנעמערס פֿאַר אונדזער קונסטאָפּטייל.

— אפֿשר דאַרף איך אײַך גאָר דאַנקען, איר זענט אַ מזלדיקער האָז, מאַגנע קאַץ, איר האָט, ניט ווילנדיק, מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרשפּרייטן ייִדישע קונסט אין פּוילישע זשורנאַלן. אויב דער קוריער פּאַראַנני מעג, וועלן אים שוין אַנדערע רעדאַקציעס נאָכטאָן, ווי דער שטייגער איז.

— אַ פּנים, דער טײַוול איז ניט אַזוי שוואַרץ, ווי מען מאָלט אים — זאָגט דער קליינוווקסיקער מאַגנע קאַץ, וואָס האָט זיך פּלוצים דערפֿילט דערהויבן. ער האָט מיך פֿרײַנדלעך פֿאַרבעטן צו גיין מיט אים אין דער וווינונג פֿון זײַן שוויגער, וואָס שטאַלצירט איצט מיט איר איידעם. זי באַציט זיך איצט צו אים מיט מער חשיבֿות — אַ קלייניקייט, זײַנע בילדער געדרוקט אין „קוריער פּאַראַנני", האָט זי דאָך אַ גרויסן איידעם!

ı

אין פּאַריז האָט מען אונדז געלאָזט וויסן פֿון מיצקעוויטשעס ביבליאָטעק, אַז באַלד וועט דאָרט קומען אויף אַ באַזוך עווא קירי סקלאָדאָווסקאַ, אויב ס'אינטערעסירט אונדז קענען מיר קומען זי דאָרט פֿאָטאָגראַפֿירן. אַוודאי לאָזן מיר ניט דורך אַזאַ געלעגנהייט, ווי פֿאָטאָגראַפֿירן די וועלטבאַרימטע אויסגעפֿינערין פֿון ראַדיום.

איך בין איבערראַשט פֿון דער באַשיידנקייט און פּשטות פֿון דער גרויסער געלערנטער. מיטל־וווקסיק, איינפֿאַך געקליידט, אַ חנעוודיק איידל פּנים. בעת אונדזער פֿאָטאָגראַף איז אָנגעשטרענגט בײַ דער אַרבעט, כאַפּ איך אויף אַ שמועס צווישן צוויי הויכע באַאַמטע: „מען האָט נאָך אַלץ ניט באַשלאָסן, צי מען וועט יאָ אָדער ניט פֿאַרבעטן יוזעף מיצקעוויטש צו דער פֿײַערלעכער דערעפֿענונג פֿונעם נײַעם בנין פֿון פּוילישן קאָנסולאָט. מאַריאַ, די טאָכטער פֿון וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטש, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, זי וויל ניט דערלאָזן, אַז דער שלעפּער, דער פּענטאַק, זאָל זײַן צווישן דער פּוילישער עליטע אויף דעם יום־טובֿ".

איך האָב שוין באַקומען די אייגנשאַפֿטן פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן רעפּאָרטער. הגם דעם נאָמען יוזעף מיצקעוויטש הער איך צום ערשטן מאָל, מאַך איך דעם אָנשטעל, אַז איך ווייס וועגן וועמען מע רעדט און פֿרעג דעם בלאָנדן שייגעץ אויף יוזעפֿס אַדרעס.

„איך בין ניט קיין אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ" — וואַרפֿט ער מיר צו אַ בייזן בליק און דרייט זיך מיט רוגזה אַוועק פֿון מיר. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז יוזעף מיצקעוויטש איז אײַנגעהילט אין אַ סוד און איך האָב ניט געדאַרפֿט אַרײַנפֿאַלן אין זייער שמועס, ווי אַ יוון אין סוכה, מיט מײַן טאַקטלאָזער פֿראַגע.

דער ענין אָבער יוזעף מיצקעוויטש לאָזט מיך ניט רוען. בײַ דער ערשטער געלעגנהייט פֿרעג איך דעם שעף פֿון פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַמבאַסאַדע, ווי עס וווינט יוזעף מיצקעוויטש.

ער וווּנדערט זיך ווי איך האָב אַנטדעקט, אַז אַדאַם מיצקעוויטש האָט נאָך אַ צווייטן זון און ער וועט זיך מיט מיר, אַז איך וועל אים קיין מאָל ניט פֿאָטאָגראַפֿירן, ווײַל דער ווילדער יוזעף וועט זיך ניט לאָזן פֿאָטאָגראַפֿירן.

מיר באַשליסן, אַז ער וועט מיר בלויז אָנווײַזן דיסקרעט אויף יוזעפֿן, בעת דער פֿײַערונג אין פּוילישן קאָנסולאַט, און מיר וועלן זען וועגן עס וועט געווינען.

אײנעם ריזיקן אויפֿנעמזאַל אין נײַעם בנין פֿון פּוילישן קאָנסולאַט — אַ געטומל, אַ גערויש. די אָנגעזעענסטע פּאָליאַקן פֿון פּאַריז און פֿון אַרום די געגנטן פֿון פּאַריז זײַנען געקומען פֿײַערן דעם גרויסן יום־טובֿ אין קאָנסולאַט.

איך שטיי לעבן אַ מיטל־וווּקסיקן, אײַנגעדאַרטן מאַן. די בגדים, ניט איבעריק ריינע, הענגען פֿון אים אַראָפּ. דאָס פּנים טונקל, דער שטערן שמוציק, ווי ס׳וואָלט קיין מאָל דעם טעם פֿון וואַסער און זייף ניט פֿאַרזוכט. אין האַנט אַ שוואַרצער פּאַראַסאָל, כאָטש אין דרויסן שײַנט די זון. אַרומגערינגלט האָבן אים עטלעכע פּאָליאַקן, שמועסן מיט אים, טייל חוזקן, אַנדערע פֿאַרטיידיקן אים האַלב אויף פּויליש, האַלב אויף פֿראַנצייזיש.

איך בעט מײַן פֿאָטאָגראַף צו האָבן גרייט זײַן אַפּאַראַט אויף דער טעראַסע, וואָס גרענעצט מיט דעם אויפֿנעמזאַל. כ׳באַגריס יוזעף מיצקעוויטשן, ווי אַן אַלטן פֿרײַנד, און כ׳פֿרעג אים, צי ער פֿילט ניט די דושנעקייט אין זאַל. איך וואַרט ניט אויף זײַן ענטפֿער, כ׳נעם אים אונטערן אָרעם און פֿיר אים אַרויס אויף דער טעראַסע.

„דאָ איז לופֿטיק און ניט אַזוי רויִשיק, וועלן מיר קענען בעסער שמועסן״.

ער שמייכלט. אַ צופֿרידענער לאָזט ער זיך פֿירן פֿון מיר. אויף דער טעראַסע רוק איך זיך גיך אָפּ פֿון אים, הער אָבער ניט אויף צו אים צו ריידן. ער ווייס ניט, אַז כ׳האָב געוואָלט דעם געוועט.

איך נעם אָוועק דעם שירעם פֿון אים, כ׳זאָג, אַז ס׳איז בעסער אים אָוועקצולייגן אין דער גאַרדעראָב, מײַן כּוונה איז צו פֿאָטאָגראַפֿירן אים אין נאָך אַנדערע פּאָזעס. ער וווּנדערט זיך, ער האָט ניט ליב זיך צו שיידן מיט זײַן פּאַראַסאָל. מײַן פֿאָטאָגראַף קנאַקט דערווײַל איין אויפֿנאַמע נאָך דער אַנדערער. געענדיקט דאָס פֿאָטאָגראַפֿירן, זאָג איך מיצקעוויטשן, אַז אויב

ער וויל זען זײַנע פֿאָטאָגראַפֿיעס, זאָל ער מיר געבן זײַן אַדרעס ווו ער וווינט און איך וועל זיי אים ברענגען און געבן ווי אַ מתּנה.

יוזעף מיצקעוויטש איז אויסער זיך: „פֿאָטאָגראַפֿיעס? אַזוי מאַכט זיך דאָס? מען האָט מיך נאָך קיין מאָל ניט פֿאָטאָגראַפֿירט״. אַוודאי וויל ער די זען און ער שרײַבט מיר גלײַך אויף זײַן אַדרעס.

איך גיי, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַליין. מײַן פֿאָטאָגראַף האָט גרייט צוועלף קלישעען אין זײַן אַפּאַראַט. און אַט שטײַגן מיר אויף קרומע שטיגן אין אַן אָפּגעלאָזן הויז, אין אַן אָרעמער געגנט אין פּאַריז. אויפֿן דריטן שטאָק וווינט יוזעף מיצקעוויטש.

סאַראַ קאָנטראַסט, טראַכט איך, דער עלעגאַנטער וולאַדיסלאַוו מיצקע־וויטש אין זײַן רײַכער וווינונג און זײַן יינגערער ברודער יוזעף.

יוזעף מיצקעוויטש וואַרט אויף אונדז אין אַ קליינעם צימער, לעבן אַ שמוציקער קיך. מיט ווילגאַטש איז דורכגעזאַפּט די לופֿט אין דער וווינונג פֿון אַדאַם מיצקעוויטשעס יינגסטן זון. אין ווינקל שטייט אַ פֿאַרשטויבטע פּיאַנע אָנגעוואָרפֿן מיט נאָטן. אויף מײַן פֿראַגע ווער עס שפּילט אויף דער פּיאַנע, דערציילט מיר יוזעף, אַז די פּיאַנע איז זײַן ברויטגעבער. ער שפּילט אין די קינאָס, ווען און ווו עס לאָזט זיך. פֿאַר אַ קליינעם געהאַלט שרײַבט ער אויך פֿראַנצייזישע אַרטיקלען פֿאַרן מוניציפּאַלן בולעטין.

מיר האָבן פֿונאַנדערגעשיקט די פֿאָטאָגראַפֿיעס אין אַלע פּוילישע רע־דאַקציעס מיט אַ גרעסערער באַשרײַבונג וועגן אַדאַם מיצקעוויטשעס זון, וואָס זעט אויס ווי אַ „קלאָשאַר״ (אַ שלעפּער), גייט אַרום קרוע־בלוע און לעבט און פּלאָגט זיך מיט אַ פֿרוי און אַ טאָכטער אין דחקות, ווי דער גרעסטער קבצן.

די אָפּגעדרוקטע פֿאָטאָגראַפֿיעס מיט דער באַשרײַבונג רופֿן אַרויס אַ שטורעם אין פּוילן. די פּוילישע רעגירונג איז געווען געצוווּנגען אים צו העלפֿן. מיט אַ צײַט שפּעטער האָבן מיר שוין געזען יוזעף מיצקעוויטשן אַן אָפּגעוואַשענעם, אַ באַקליידטן און אַ באַנײַטן. ער קריגט, זאָגט ער אונדז, אַ חודשלעכן געהאַלט פֿון דער פּוילישער רעגירונג, אָבער, אַז ער דאַרף דערפֿאַר דאַנקען לאַנדינסקיס פֿאָטאָגראַפֿישער אַגענטור, ווייס ער ניט.

לאָנדינסקיס
„געדעקטע" רײַזע־ביוראָ

לאַנדינסקיס פּאָטאָגראַפּישע אַגענטור אין פּאַריז האָט אים אַרײַנגעפּירט אין די העכסטע אינטעלעקטועלע קרײַזן. זײַנע פרײַע אָוונטן פלעגט ער פּאַרברענגען אין די קאַפּעען אויפן מאָנפּאַרנאַס, ווו ער האָט געפּירט לעבעדיקע און קערנדיקע שמועסן און פּאָלעמיזירט סײַ מיט ייִדישע, סײַ מיט פּוילישע שרײַבערס און קינסטלערס ביז שפּעט בײַ נאַכט.

ער האָט זיך נאָענט באַפרײַנדט מיט אַ פּראָמינענטן פּוילישן קריטיקער אַנטאָני פּאָטאָצקי, מיטן סקולפּטאָר אָסטראָווסקי און מיט די ייִדישע קינסטלערס אַרטור שיק און לעאָפּאָלד גאָטליב. ער האָט אַרויסגערופן זייער אויפמערקזאַמקייט מיט זײַן גרינטלעכן וויסן אויפן געביט פון דער פּוילישער ליטעראַטור און געשיכטע. מיט טעמפּעראַמענט פלעגט ער זיי אויפקלערן די היסטאָרישע אַנטוויקלונגען פונעם ייִדישן פאָלק אויפן פּוילישן באָדן, אַרויסגעהויבן די היסטאָרישע פאַקטן, וואָס באַווײַזן די גרויסע פאַרדינסטן פון די פּוילישע ייִדן אינעם קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פון פּוילן.

די פּאָליאַקן אין דער פרעמד, בפרט אין פּאַריז, זײַנען געווען אין זייער באַנעמונג לגבי ייִדן אומפאַרגלײַכלעך סימפּאַטישער און העפלעכער, ווי בײַ זיך אין דער היים. טייל מאָל, בעת איך האָב געהערט לאַנדינסקין ריידן פּויליש, פלעג איך פאַרריכטן זײַנע גראַמאַטישע פעלערן, כ׳האָב מורא געהאַט, אַז זיי גרילצן אין די אויערן פון זײַן פּוילישן מיטשמועסער; כ׳האָב ניט געוואָלט, אַז דער פּוילישער שרײַבער, אָדער קינסטלער, זאָל זיך אין זיך כעסן, פאַר וואָס לאַנדינסקי צעקאַליעטשעט די פּוילישע שפּראַך. ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן שטוינונג, ווען די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן מיר גאָר געמאַכט פאַרוואָרפן, הלמאַי איך שטער לאַנדינסקין ריידן. „ס׳איז וויכטיק וואָס לאַנדינסקי האָט צו זאָגן, ניט ווי אַזוי ער רעדט״ — האָט אַנטאָני פּאָטאָצקי מיר אַ מאָל געזאָגט.

דאָס האָט לאַנדינסקין דערמוטיקט און ער איז אַרויס מיט לשון:

— די פּוילישע באַגנעטן האָבן תּמיד געגלאַנצט צוזאַמען מיט די ייִדישע. דאָס בלוט פון ייִדישע קדושים האָט זיך תּמיד געמישט מיטן בלוט

פֿון פּוילישן מאַרטירער. דאַרף איך אײַך דערמאָנען דעם ייִדישן פֿולק פֿון בערעק יאָסעלעוויטש, וואָס האָט מיטגעקעמפֿט מיט קאָשטשושקאָ?

— יאָ, — זאָגט פּאָטאָצקי אין אַ מילדן טאָן, דרייענדיק זײַנע לענגלעכע וואָנצעס — יאָ, זיי האָבן זיך געשלאָגן פֿאַר יעדן הויז אין פּראַגע, ביז זיי זײַנען אַלע אויסגעקוילעט געוואָרן. אונדזער פּוילישע געשיכטע פֿאַרלייקנט דאָס ניט.

— אָבער — זאָגט לאָנדינסקי — די געשיכטלעכע אָנערקענונג לייזט לגמרי ניט די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פֿון דער עצם ייִדן־פֿראַגע אין פּוילן.

— איר רעדט דאָך וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט אין 1794 — פֿאַרשטייט ניט פּאָטאָצקי, וואָס לאָנדינסקי איז אויסן.

— איך קען ציִען דעם פֿאָדעם ווײַטער — שטייט ניט אָפּ לאָנדינסקי — אין יאָר 1831 האָט בערעק יאָסעלעוויטשעס זון, יוזעף בערקאָוויטש, וואָס איז געגאַנגען אין זײַן פֿאָטערס דרכים, פֿאַרגעלייגט דעם גענעראַל כלאָפּיצקי צו גרינדן אַ ייִדישע מיליטערישע פֿאָרמאַציע; אין 1860 האָבן זיך ייִדן באַטייליקט אין דער פּוילישער דעמאָנסטראַציע צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פֿון אויפֿשטאַנד און צווישן די פּוילישע קרבנות האָבן קיין ייִדישע ניט געפֿעלט; דעם 17טן מאַרץ 1861 האָט די וואַרשעווער סוחרים־פֿאַראייניקונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „פּוילישע סוחרים אָן אונטערשייד פֿון אמונה" און אין 1863 האָבן מיר צוזאַמען געקעמפֿט קעגן צאַרישן רוסלאַנד מיטן לאָזונג: „פֿאַר אײַער און אונדזער פֿרײַהייט".

אַוודאי האָבן מיר ניט אָפּגעטיילט פּאַטריאָטיזם פֿון ייִדישקייט: דער פּוילישער ייִד האָט זיך פֿון זײַן אייגענעם נאַציאָנאַלן איך ניט אָפּגעזאָגט, ער האָט פֿאַר זײַן אייגנאַרט ניט געדאַרפֿט קעמפֿן מיט די פּאָליאַקן, זײַן רעליגיע און זײַן נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט זײַנען געווען אָנערקענט און באַרעכטיקט. איך ווייס ניט, ווו איר זײַט געווען, מײַנע ליבע פֿרײַנד, אין 1905, אָבער איך, אַ זעכצן־יאָריק ייִנגל, בין ניט איין מאָל צעטרעטן געוואָרן פֿון די וואָלינצעס, בעת די געמיינזאַמע מאַניפֿעסטאַציעס מיט אײַך, פּאָליאַקן.

אויפֿן ראָזלעכן פּנים פֿונעם מיטל־יאָריקן פּאָליאַק פּאָטאָצקי מערקט זיך אָן אומצופֿרידנקייט, אין די בלויע אויגן — אַ ברוגז:

— פֿאַרגעסט ניט, לאָנדינסקי, מיר לעבן איצט אין אַן אַנדער תּקופֿה. צי ווייסט איר וויפֿל ייִדן עס זײַנען אַוועק פֿון פּוילן, ס'רובֿ אומלעגאַל, קיין דײַטשלאַנד, אַמעריקע, אַהער קיין פֿראַנקרײַך און אַפֿילו צו די באַלשע־

וויקעס קיין רוסלאַנד? און פֿאַר וואָס? ווײַל זיי האָבן ניט געוואָלט דינען אין דער אַרמיי פֿונעם באַפֿרײַטן פּוילן.

— טאָקע דערפֿאַר, ווײַל מיר לעבן איצט אין אַן אַנדער תּקופֿה, און פֿאַר מיר האָט זי זיך אָנגעהויבן דעם 15טן מײַ 1926, ווען פּילסודסקי האָט אַראָפּגעזעצט וויטאָסן, וואָיציעכאָווסקין, האַלערן און זייערס גלײַכן. ביז פּילסודסקיס זיג אין 1926 האָב איך ניט געקענט און אויך ניט געוואָגט מיט אײַך צו דיסקוטירן וועגן אונדזערע פּראָבלעמען אין פּוילן. פֿון אײַך דערוואַרט איך דאָך ניט צו הערן, וואָס אונדזערע ייִדן האָבן געהערט פֿון פּאָליאַקן, די האַלערטשיקעס, וואָס גרײַכן ניט, פֿאַרשטייט זיך, צו אײַער קולטורעלן ניוואָ: „אַז מען טוט אַ זעץ איין הונט וואָיען אַלע". און זיי האָבן געחוזקט, בעת זיי האָבן אומגעשטערט געשניטן די בערד פֿון רעלי־גיעזע ייִדן אויף די וואַרשעווער גאַסן. צי קענט איר זיך וווּנדערן פֿאַר וואָס ייִדן האָבן אין געצײַל געזוכט פּטור צו ווערן פֿון פּוילן, זיי האָבן אײַנגעזעצן, אַז זייער קרבן איז ניט כּדאַי פֿאַר דעם מזבח.

— יעדער זעט נאָר יענעמס הויקער און ניט זײַן אייגענעם — פּרוּ־בירט אָסטראָווסקי פֿאַרטיידיקן זײַנע אַנטיסעמיטישע ברידער — ניטאָ קיין מעלות אָן אַ חסרון. נישקשה, ס'לעבט זיך און ס'האָט זיך פֿאַרט גוט געלעבט ייִדן אין פּוילן. זיי רופֿן אַרויס שׂינאה צו זיך פֿונעם פּוילישן פֿאָלק, ווײַל זיי פֿאַרכאַפּן דעם האַנדל און די אינדוסטריע אין זייערע הענט. און ווי גייט דאָס ווערטל: „מע דאַרף ניט בײַסן די האַנט, וואָס גיט עסן".

לאַנדינסקי נעמט זיך קאָכן: — אַ גוטן מענטש העלפֿט אַ וואָרט, אַ שלעכטן — העלפֿט קיין שטעקן אויך ניט. איר האָט פֿאַרגעסן, אָדער איר מאַכט זיך פֿאַרגעסן, אַז די פּוילישע ליטעראַטור האָט געזויגן איר יניקה פֿון אונדזערע נאַציאָנאַלע מקורים, בעיקר פֿון תּנ"ך. דער פּוילישער גײַסט האָט געזוכט דעם מיסטעריעזן אָטעם פֿון אונדזער נשמה־יתירה. אַדאָם מיצקעוויטש האָט געלערנט קבלה און מיסטיק בײַ ייִדן און זײַנע ווערק זײַנען שטאַרק באַווירקט פֿון ייִדישער מיסטיק.

— איר האָט דאָך מיר אַנומלט געזאָגט, לאַנדינסקי, אַז אײַער פּרץ איז געווען אונטער דער השפּעה פֿון וויספּיאַנסקין — רײַסט אים איבער פּאַטאַצקי.

— יאָ, פּרצעס „בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", גלייב איך, איז געשריבן געוואָרן אונטער דער השפּעה פֿון וויספּיאַנסקיס: „נאָץ ליסטאָפּאַדאָוואַ". איך האַלט דאָס ניט פֿאַר קיין חרפּה, פֿאַרקערט. וואָס איך וויל אונטער־שטרײַכן איז, אַז די גרעסטע פּוילישע דיכטערס און דיכטערינס האָבן אין זייערע ווערק געשילדערט עיינע, פּאָזיטיווע ייִדישע טיפּן: מיצקעוויטשעס

יאַנקל דער צימבאַליסט אין זײַן „פּאַן טאַדעוש" אָטעמט מיט די פּוילישע קאַמפּן, ער באַזינגט די פּוילישע אַרמייען, וועלכע ער פֿאַרלאָזט ניט אין מאָמענטן פֿון טרויער. ציפּריאַן נאָרוויד אין זײַן ליד „פּוילישע ייִדן" גיט אָפּ כּבֿוד דעם מוט און די העלדנטאַטן פֿון זײַנע עלטערע ברי־דער — די ייִדן. און אין 1859, ווען דער ייִד קראַנענבערג האָט געמאַכט קראַשעווסקין פֿאַרן רעדאַקטאָר פֿון זײַן צײַטונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ", האָבן פּאָליאַקן געטענהט, אַז קראַנענבערג האָט אים אָפּגעקויפֿט. אין דער אמתן האָט קראַנענבערג געוואָלט, אַז זײַן צײַטונג זאָל זײַן די טריבונע פֿון ליבעראַלן געדאַנק אין פּוילן. אויף די טענות פֿון קראַשעווסקיס משפּחה, פֿאַר וואָס ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט אַ ייִדישן אַרויסגעבער, האָט קראַ־שעווסקי געענטפֿערט, אַז פֿאַר אים זײַנען בכלל ניטאָ קיין ייִדן, נאָר מענטשן, בירגערס פֿון איין לאַנד, פּאָליאַקן.

— איר אָוואַנסירט דאָך גאַרניט, לאַנדינסקי — וויצלט זיך אָסטראָווס־קי — איר שוועבט נאָך אַלץ אין דעם 19טן יאָרהונדערט. איר רעדט דאָך נאָר וועגן אונדזער ליטעראַרישער ירושה פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

— ס'וועט אײַך, אפֿשר, אינטערעסירן צו וויסן, אַז אין 20סטן יאָר־הונדערט, ס"ה מיט 20 יאָר צוריק, אין 1911, האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אין פּזשעגלאָנד צאַדזיענני וועגן באָיקאָט אויף ייִדן אין דאָמבראָווער ראַיאָן. דער רעדאַקטאָר פֿון דער טעגלעכער צײַטונג איז געווען מענדעלסאָן, איינער פֿון די גרינדערס פֿון פּפּ"ס.

— פּזשעגלאָנד צאַדזיענני? דאָס איז דאָך אַ פּוילישע צײַטונג. איר שרײַבט דען פּויליש? — פֿרעגט אָסטראָווסקי מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל.

— ניין, איך האָב מײַנע אַרטיקלען געשריבן אויף ייִדיש, נאָטאַן שוואַל־בע האָט זיי איבערגעזעצט אויף פּויליש. איך דערמאָן דאָס בלויז, כּדי אײַך צו דערציילן וועגן דעם אידעאַליסטישן ייִדיש־פּוילישן קעמפֿער מענ־דעלסאָן. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט הייסער ליבע צו פּוילן און טיפֿן צער פֿאַר די מעשׂים פֿון די באָיקאָט־פֿאַרשפּרייטערס.

— נו, אויך אונדזער פּילסודסקי האָט, בעת ער האָט אָרגאַניזירט אומ־לעגאַלע דרוקערײַען אין פּוילן, געשמוגלט און צוגעשטעלט שריפֿט דעם „בונד" — רײַסט איבער פּאָטאָצקי.

— יאָ, איז טאַקע איצט, צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען דער זעלבער פּוילישער נאַציאָנאַלער העלד פּילסודסקי איז דער פֿירער פֿון פּוילן, ווען עס זײַנען געביטן געוואָרן כּמעט אַלע העכערע באַאַמטע אין דער פּוילי־שער אַמבאַסאַדע דאָ־הי, אין פּאַריז, אַלע אָנהענגערס און געטרײַע חסידים

פֿון פּילסודסקין, — איצט דאַרף די פּוילישע אינטעליגענץ אין דעם באַ־פֿרײַטן פּוילן פֿאַרשטיין, אַז שטרעבנדיק אונטערצוגראָבן די פֿרײַהייט פֿון די דרײַ מיליאָן יידן אין פּוילן, פֿאַרשוועכט זי בלויז דעם פּרעסטיזש פֿון דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה. מע טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז מיר זײַנען תּמיד געווען לעבעדיק פֿאַראינטערעסירט און אַקטיוו מיטגעהאָלפֿן בויען דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן און, אַז פֿאַרקוקנדיק די פּאָגראָמען, שחיטות און בלוט־בילבולים, זײַנען יידן דאָך געבליבן צוגעבונדן צו פּוילן, וואָס זיי האַלטן פֿאַר זייער פֿאָטערלאַנד.

נאָך אַזעלכע און ענלעכע פּילמאָליקע, היציקע דעבאַטן און לײדנ־שאַפֿטלעכע רעפּליקעס, נאָך אַ שטורעם פֿון קעגנזײַטיקע פֿאַרוואָרפֿן, אָבער טייל מאָל אויך אָנערקענונג, איז מען געקומען צום אויספֿיר, אַז אַ נײַע יידיש־פּוילישע פֿאַרשטענדיקונג איז נייטיק און אַז קומען וועט זי פֿון פּאַריז, דער פּאָטענציעלער קולטור־פּעריפֿעריע.

די איניציאַטיוו צו שאַפֿן אַ „קרײַז פֿאַר יידיש־פּוילישער צוזאַמענאַר־בעט", כּדי די דיסקוסיעס זאָלן ניט בלײַבן אַבסטראַקט, האָט געגעבן לאָנ־דינסקי, קרעדיט פֿאַר רעאַליזירן זײַן אידעע קומט דעם קינסטלער לעאָ־פּאָלד גאָטליב.

פֿאַר לעאָפּאָלד גאָטליבן, אַן אַמאָליקן איבערגעגעבענעם לעגיאָניסט אין פּילסודסקיס אַרמיי, בטבֿע אַ שטילער און צוריקגעהאַלטענער, האָט מען געהאַט גרויס דרך ארץ אין די „הויכע פֿענצטער" פֿון די פּאַליאַקן אין פּאַ־ריז. לאָנדינסקי פֿלעגט אים אָפּט פֿאַרלייענען זײַנע לידער, וואָס ער האָט געשריבן זינט פּילסודסקי האָט איבערגענומען די מאַכט אין פּוילן.

בעת אַ צונויפֿקום פֿון עטלעכע פּאַליאַקן און יידן אין לעאָפּאָלד גאָט־ליבס דירה, האָבן די פּאַליאַקן קריטיקירט און געטענהט, אַז די יידן אין פּוילן און אין פֿראַנקרײַך זײַנען פּראָ־סאָוועטיש. גאָטליב האָט זיי דעמאָלט דערציילט וועגן די לידער, וואָס דער פֿאַרביסענער קעגנער פֿון די באָל־שעוויקעס, לאָנדינסקי, שרײַבט. די פּאַליאַקן זײַנען צוגעשטאַנען צו לאָנ־דינסקין ער זאָל זיי איבערלייענען זײַנע לידער.

לאָנדינסקי האָט מיר דערלאַנגט זײַן ליד: „נאָטיצן צו אַ דענקמאָל" און געבעטן כ'זאָל עס איבערזעצן אויף פּויליש וואָרט בײַ וואָרט.

מיט אַנגעשפּיצטע אויערן הערן זיך אַלע אײַן:

„(...) פֿאַר דיר איז אַ דענקמאָל די גרענעץ פֿון פּוילן:
דער ווײַס־רויטער סלופּ און דער זעלנער, וואָס וואַכט...
אַן אָדלער אַ ווײַסער —
באַלשעוויע עד כּאן און נישט ווײַטער קיין טריט...

(...) פֿאַר דיר איז אַ דענקמאָל דאָס גרינען און בליִען
פֿון אַלערליי צווייַגן אין פּוילישן שטאָט —
דער קאָשציִאָל, די צערקווע, די קירך, דאָס בית־מדרש —
דו האָסט זיי באַשיצט פֿון סאָוועטישן כאָס.
די ביידערליי תּפֿילות, זיי זענען דייַן דענקמאָל —
דו, טאַטע און מאַמע פֿון פּוילנס אַרמיי,
האָסט אונטער דייַן האַרצן געטראָגן דאָס פּוילן,
געגלעט מיט דייַן חלום אין קראַמפּיקן ווײ...״

פּאָטאָצקי לאָזט אַראָפּ זייַנע געדיכטע ברעמען, שווייַגט. ער איז גע־רירט. אָסטראָווסקי, וואָס טאָלערירט ניט תּמיד לאַנדינסקיס שטאַנדפּונקט, מיינט, אַז יידן דאַרפֿן בויען זייער היימלאַנד אין „פּאַלעסטינע״, איז איצט איבערראַשט. ער נעמט דורך לאַנדינסקין מיט אַ שאַרפֿן בליק פֿון זייַנע גרויע אויגן און שיסט אויס:

— נו, יאָ, אָבער וויפֿל האָבן מיר אַזעלכע לאָיאַלע יידישע בירגערס אין פּוילן, ווי איר זענט עס? איר ווייסט דאָך, אַז מיט איין שטיקל האָלץ קען מען נאָך קיין פֿייַער ניט מאַכן.

— ס׳איז בעסער אַ פּאַטש פֿון אַ פֿרייַנד, איידער אַ גלעט פֿון אַ שׂונא — זאָגט אים, אין אַ געלאַסענעם טאָן, לאַנדינסקי. — איך נעם אָן אייַער באַמערקונג ווידער אַ מאָל ווי פֿון איינעם, וואָס קען ניט זייַן שׂכנותדיקן ברודער אין פּוילן.

פּאָטאָצקי רייַסט איבער זייער קריגערישע דיסקוסיע, ער בעט לאַנ־דינסקי זאָל אַליין פֿאָרלייענען דאָס ליד אין ייִדיש, ער וויל הערן דעם ריטם, וואָס האָט זיך פֿאַרלוירן אין דער פּראָזאַישער פּוילישער איבערזעצונג.

מיט צופֿרידנקייט טוט עס אים לאַנדינסקי צו ליב, און אָסטראָווסקי בלייַבט זיצן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

פּאָטאָצקי האָט געבעטן, אַז לאַנדינסקי זאָל אים געבן אַ קאָפּיע פֿון דעם ליד, ער וועט דאָס ליד לאָזן איבערזעצן אויף פּויליש און אויף פֿראַנצייזיש און עס ערגעץ ווו פֿאַרעפֿנטלעכן. דערבייַ האָט ער אויסגעדריקט זייַן מיינונג, אַז ער האַלט דאָס ליד פֿאַר אַ פּראָלאָג צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס לאַנדינסקי וויל שאַפֿן און וואָס ער איז גרייט צו שטיצן.

אַזוי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן דער „קרייַז פֿון ייִדיש־פּוילישער צוזאַמענאַרבעט״, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי סעקציעס: אַ ייִדישע און אַ פּוילישע. עס האָבן זיך גלייַך אָנגעשלאָסן אין דער ייִדישער סעקציע: אַרטור שיק, לעאָפּאָלד גאָטליב, ד״ר הופֿנאַגעל, הרבֿ ד״ר ליבער (פֿאַרטרע־

סער פֿון דער ייִדיש־פֿראַנצייזישער קאָנסיסטאָריע); צו דער פּוילישער סעקציע האָבן געהערט: דער באַרימטער דיכטער יאַן לעכאָן, אַנטאָני פּאָ־סאַצקי, אַפֿילו דער סקולפּטאָר אָסטראָווסקי מיט זײַנע אַנטיסעמיטישע נייגונגען, און אויך מלוכה־מענער, הויכע באַאַמטע אין דער פּוילישער אַמבאַסאַדע: מיניסטער מילשטיין (ראָטשילדס אײדעם), מיניסטער פּולאַסקי, פּולקאָווניק בלעשינסקי (אַ געוועזענער פּולקאָווניק אין פּילסודסקיס אַרמיי, אַ האַרציקער מענטש און אויפֿריכטיקער ייִדן־פֿרײַנד). דער פּאָרזיצער איז געווען ד״ר הופֿנאַגעל, לאַנדינסקי — דער גענעראַל סעקרעטאַר. קיין גע־האַלט האָט לאַנדינסקי פּרינציפּיעל פֿאַר זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט קיין מאָל ניט גענומען, פּרנסה האָבן מיר געהאַט פֿון אונדזער פֿאָטאָגראַ־פֿישער אַגענטור.

לאַנדינסקי װאַרפֿט זיך אַרײַן מיט ברען אין דער אַרבעט. ער רופֿט פֿאַרזאַמלונגען. לכתּחילה רעדט ער צו ליידיקע שטולן. אונדזערע ייִדן, דער עיקר פֿונעם לינקן פֿליגל, האָבן ניט קיין צוטרוי, לייגן אײַן װעלטן צו צעשטערן זײַן אַרבעט. דאָס שרעקט אָבער לאַנדינסקין ניט אָפּ, פֿאַרקערט, דאָס איז פֿאַר אים אַ סטימול נאָך אינטענסיווער צו אַרבעטן. יעדער אָנ־הייב איז שווער, פֿלעגט ער זיך אַליין טרייסטן. „לאָמיר נאָר האָבן אַ פֿײַן געגרייטן טיש, וועלן אונדז קיין געסט ניט פֿעלן״.

און כך הווה: ער האָט פֿאַרבעטן ייִדישע פּאַרלאַמענטאַריערס, מנהיגים פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן און אויך געזעלשאַפֿטלעכע טוערס צו האַלטן רעפֿעראַטן פֿאַר זײַן אָרגאַניזאַציע. עס קומען פֿון װאַרשע קײַן פּאַריז צווישן אַנדערע: נחום סאָקאָלאָוו, ווישליצקי, ד״ר שאָשקעס, זיי האַלטן רעפֿעראַטן פֿאַר אַ היפּשן עולם.

דער קרײַז װערט פּאָפּולער, צעוואַקסט זיך סײַ אין צאָל, סײַ אין פּאָטענץ. לויט די עצות פֿון דער עקזעקוטיווע פֿונעם קרײַז האָט לאַנדינסקי אַרויסגעגעבן זײַנע לידער אין בוכפֿאָרעם: לידער פֿון ייִדישע זעלנער — פּאַריז 1931. דאָס בוך האָבן אילוסטרירט: אַרטור שיק, לעאָפּאָלד גאָטליב און אַ פּוילישער האָלצשניט־מײַסטער, סטעפֿאַן מראָזשעווסקי.

דאָס בוך האָט געמאַכט אַ רושם סײַ אין פּאַריז, סײַ אין פּוילן. לאַנ־דינסקיס נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן: מע פּראָטעסטירט, מע זידלט: „שאָוויניזם״, „פֿאַשיזם״. פֿאַראַנען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס פֿאַר־טיידיקן. קאָרעספּאָנדענטן פֿון פּוילישע זשורנאַלן קומען לאַנדינסקין אינ־טערוויויִרן.

די גרעסטע פּוילישע ליטעראַרישע זשורנאַלן ווי: „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע״, „דראָגאַ״, „קוריער פּאָראַנני״ א״א ווידמען דעם בוך אַ סך

אַרטיקלען. דער באַרימטער ליטעראַטור־קריטיקער ז. קלינגסלאַנד, באַצייכנט לאַנדינסקין ווי אַ פּוילישן נאַציאָנאַלן דיכטער אין ייִדיש (וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע). לאַנדינסקי האָט אויך דערהאַלטן דאַנקבריוו פֿאַר דעם בוך פֿון מאַרשאַל פּילסודסקי, פּרעזידענט מאָשטשיצקי, פּרעמיער סלאַוועק א״א פּוילישע מלוכה־מענער אין וואַרשע און אין פּאַריז. דאַקעגן אין די ייִדישע ליטעראַרישע קרײַזן, וואָס זײַנען דעמאָלט נאָך געווען „לינק״ געשטימט, האָט דאָס בוך אַרויסגערופֿן אַן אומצופֿרידנקייט, בײַ טייל — אַפֿילו כּעס און צאָרן. מע איז אַרויסגעטרעטן קעגן אים, מע האָט אים אַטאַקירט, באַשולדיקט אין מיליטאַריזם, אימפּעריאַליזם און פֿאַרשפּרייט אַלערליי רכילותן. אַ העליש פֿײַער האָט געפֿלאַקערט אַרום אים.

לאַנדינסקי האָט ניט רעאַגירט, זיך געהאַלטן בײַ זײַן פּרינציפּ: בעסער אַן אומרעכט לײַדן, איידער אַן אומרעכט טאָן. געטרייסט האָט אים וואָס בײַ אַ סך ייִדישע אָפֿיצירן און העכערע מיליטער־לײַט, וואָס האָבן געדינט אין פּילסודסקיס אַרמיי, האָט דאָס בוך שטאַרק אויסגענומען. 1,500 עקזעמפּלאַרן זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין פֿאַרלויף פֿון 6 חדשים.

צום 20סטן יאָרטאָג פֿון דער גרינדונג פֿון דער פּוילישער רעפּובליק האָט די וואַרשעווער ייִדישע גמינע, אין אַ זאַמלבוך לכּבֿוד דעם יום־טובֿ, אָפּגעדרוקט לאַנדינסקיס ליד וועגן פּילסודסקין אין אַ פּוילישער איבער־זעצונג מיט אַ קורצער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אונטערן נאָמען: „מאַרשאַל פּילסודסקי אין דער ייִדישער פּאָעזיע״.

דאָס האָט לאַנדינסקין באַוויזן, אַז דאָס דאָזיקע בוך זײַנס איז דאָך געווען נייטיק פֿאַר אַ גרויסן טייל פֿון פּוילישן ייִדנטום צו יענער צײַט.

***

אין 1933, מיטן אויפֿקום פֿון היטלערן, האָט לאַנדינסקי אָפּגעשטעלט זײַן פֿאָטאָגראַפֿישע אַרבעט פֿאַר דײַטשלאַנד. מיר האָבן אויפֿגעהערט צו שיקן אונדזערע פֿאָטאָגראַפֿיעס אין דער דײַטשישער פּרעסע. לאַנדינסקי, וואָס פֿלעגט פֿריִער אָפֿט פֿאָרן קיין דײַטשלאַנד אין שײַכות מיט אונדזער פֿאָטאָגראַפֿישער אַגענטור, האָט פֿאַרויסגעזען דעם גזר־דין, וואָס דערוואַרט די ייִדן אין דײַטשלאַנד. ער האָט געוועקט און געשטורעמט די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, זיי זאָלן באַיקאָטירן, אָפּשטעלן זייערע האַנדלס־באַציִונגען מיט דײַטשלאַנד.

„אַ שוואַרצזעערישע פֿאַנטאַזיע פֿון אַ ייִדישן דיכטער״, האָבן פֿון אים געחוזקט די ייִדישע פֿאַבריקאַנטן און סוחרים פֿון אַרום פּלאַס רעפּובליק. ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און ס׳האָבן גענומען שטראָמען קיין פּאַריז

הונדערטער ייִדן פֿון דײַטשלאַנד מיט זייערע משפחות, מיט זייער האָב און גוטס. די ערשטע, וואָס האָבן אין פּאַניק פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד, זײַנען געווען די פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דײַטשלאַנד מיט יאָרן צוריק. שפּעטער זײַנען געקומען „אמתע" דײַטשישע ייִדן.

די פּאַריזער ייִדן מיט ראָטשילדן בראש זײַנען געווען קעגן דעם, אַז מע זאָל די פּויליש־ייִדישע פּליטים פֿון דײַטשלאַנד לאָזן פֿאַרבלײַבן אין פֿראַנקרײַך. זיי האָבן געטענהט, אַז פּוילישע ייִדן דאַרפֿן צוריקפֿאָרן אין זייער היימלאַנד; בלײַבן אין פּאַריז דאַרף מען לאָזן בלויז די דײַטשישע ייִדן, געבוירן אין דײַטשלאַנד.

די פֿראַנצייזישע פּרעפֿעקטור האָט געגעבן יעדן נײַ־געקומענעם פּוילישן ייִדן פֿון דײַטשלאַנד אַן „עקספּולסיאָן", וואָס האָט געמיינט, אַז אין דער אַנגעוויזענער דאַטע מוז ער פֿאַרלאָזן פֿראַנקרײַך און זיך אומקערן קיין פּוילן.

דאָס האָט אויפֿגעבראַכט לאַנדינסקין. ער האָט באַשלאָסן אויסצוניצן זײַנע קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער עליטע און, אין נאָמען פֿון „קרײַז פֿון ייִדיש־פּוילישער צוזאַמענאַרבעט", ווירקן אויף דער פּוילישער אַמבאַסאַדע, אַז זי זאָל פּועלן אין פֿראַנצייזישן אויסערן־מיניסטעריום צו לאָזן די פּליטים אין פֿראַנקרײַך, לכל הפּחות צו פֿאַרלענגערן די אַרויסשיקונגען ביז עס וועלן אָנגענומען ווערן ענדגילטיקע באַשלוסן, וואָס צו טאָן מיט די פּוילישע ייִדן־פּליטים.

לאַנדינסקי האָט דעמאָלט געגרינדעט אַ „פֿאַראיין פֿון פּוילישע ייִדן פּליכטלינגע פֿון דײַטשלאַנד". קיין געזעלשאַפֿטלעכע געלטמיטלען האָט ער פֿאַר דעם ניט געהאַט, איז ער געווען געצוווּנגען צו פֿאַרוואַנדלען אונדזער פּריוואַטע דירה אין אַ ביורא. געאַרבעט האָבן די פּליטים אַליין. זיי האָבן געדאַרפֿט אויפֿנעמען יעדן פֿאַל פֿון יעדער איינצלנער משפּחה באַזונדער, אויסגעפֿינען וועמ ס'האָט געניג מיטלען אויף צו בלײַבן און וועמ עס נייטיקט זיך אין הילף אד"גל.

לאַנדינסקי האָט אָרגאַניזירט אַ ריי מיטינגען, אין וועלכע די פּליטים האָבן זיך באַטייליקט. די רעזאָלוציעס, מיט אונטערשריפֿטן פֿון הונדערטער פּוילישע ייִדן־פּליטים פֿון דײַטשלאַנד, האָט מען פֿונאַנדערגעשיקט צו פֿאַרשיידענע ייִדישע פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן. די דאָזיקע פּראָבלעם פֿון די פּוילישע ייִדן־פּליטים פֿון דײַטשלאַנד איז אַ סך דיסקוטירט געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע קאָנפֿערענצן — נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע. ענדלעך האָט ראָטשילדס הילפֿס־קאָמיטעט אין פּאַריז צוגעזאָגט צו געבן געוויסע מאַטעריעלע שטיצע די פּליטים, וואָס האָבן

געמוזט פֿאַרלאָזן פֿראַנקרײַך. אַ גרויסן טייל האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצו־ראַטעווען, מע האָט זיי געלאָזט פֿאַרבלײַבן אין פֿראַנקרײַך. אַ סך האָבן זיך גאַנץ גוט אײַנגעאָרדנט, געעפֿנט קליינע קראָמען אָדער פֿאַבריקלעך. די אומפֿאַרמעגלעכע, די אַרבעטערס, האָט לאַנדינסקי געהאָלפֿן באַקומען אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן, וואָס איז געווען אַ ביז גאָר שווערע פּראָבלעם פֿאַר אַ פֿרעמדן אין פּאַריז.

די ייִדישע פּליטים אין פּאַריז האָבן אונדז איבערגעגעבן וועגן די שוידערלעכע רדיפֿות און אַכזריותן, וואָס די נאַציס באַגייען לגבי די ייִדן אין דײַטשלאַנד.

אין 1934 האָט דער „קרײַז פֿון ייִדיש־פּוילישער צוזאַמענאַרבעט" אַרויס־געגעבן אַ זשורנאַל: „דער פּוילישער ייִד" אין ייִדיש און פֿראַנצייזיש. לאַנדינסקי איז געווען דער רעדאַקטאָר. אין דעם זשורנאַל זײַנען פֿאַר־עפֿנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס האָבן געשילדערט די „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" און אילוסטרירט דעם טראַגישן מצב פֿון די ייִדן אין נאַצי־דײַטשלאַנד.

די אינטענסיווע אַרבעט פֿונעם „קרײַז" און אויך פֿונעם „פֿאַראיין פֿון פּוילישע ייִדן פּליכטלינגע פֿון דײַטשלאַנד" האָט צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל נײַע מיטגלידער — פּוילישע און פֿראַנצייזישע ייִדן — צווישן זיי: אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, פֿאַבריקאַנטן, סוחרים און אויך אַרבעטערס. מע האָט דעמאָלט געביטן דעם נאָמען אויף: „פֿאַראיין פֿון פּוילישע ייִדן אין פֿראַנקרײַך".

דער סעקרעטאַריאַט פֿון פֿאַראיין איז געווען אין אונדזער דירה. מע האָט אונדז פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט. די מיטגלידער פֿון פֿאַראיין פֿלעגן קומען מיט אַלערליי פּראָבלעמען, ס'רובֿ אויפֿן געביט פֿון פּוילישער אָנגעהעריקייט.

אָט קומט אַ געוועזענער פּוטער־סוחר אין פּוילן, איצט אַ רײַכער פֿאַב־ריקאַנט אין פּאַריז. ער האָט פֿאַרלאָזן פּוילן מיט זײַן משפּחה, ווײַל ער האָט אָנגעזעצט (באַנקראָטירט). ער האָט מורא אַליין צו גיין אין פּוילישן קאָנסולאַט אויסצוגעפֿינען, צי איז ער נאָך אַ פּוילישער בירגער. לאַנדינסקי שיקט מיך אין פּוילישן קאָנסולאַט אָנצופֿרעגן דעם גענעראַל קאָנסול, אין נאָמען פֿון אונדזער פֿאַראיין, וועגן דער אָנגעהעריקייט פֿון דעם מיטגליד.

איך זיץ בײַם לאַנגן טיש אין וואַרטזאַל פֿון פּוילישן קאָנסולאַט. דער טיש איז פֿאַרפֿלייצט מיט בלעטלעך, וואָס רופֿן די פּאַליאַקן אין פֿראַנקרײַך אָנטייל צו נעמען אין דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון פּאָליאַקן פֿון אַלע לענדער. דער צוזאַמענפֿאָר וועט פֿאָרקומען אין וואַרשע אין 1934. די אָנטייל־נעמערס וועלן געניסן פֿון אַלערליי הנחות, צווישן אַנדערע: רײַזע־קאָסטן

קיין פוילן און צוריק מיט 80 פראָצענט ביליקער, זיי וועלן האָבן אַ גע־לעגנהייט אַרומצופאָרן אין פוילן פאַר זייער ביליקע פּרײַזן דעם גאַנצן חודש, וואָס דער צוזאַמענפאָר וועט אָנהאַלטן.

אין דער היים ווײַז איך דאָס בלעטל לאַנדינסקין און זאָג אים, אַז איך באַדויער, וואָס מיר קענען דערפון ניט געניסן.

„וואָס מיינסטו, מיר קענען דערפון ניט געניסן? ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?״ — פרעגט מיך לאַנדינסקי און גיט צו, אַז איך ווייס גאָרניט, וואָס איך האָב אים אַהיימגעבראַכט.

כ׳קוק אים אָן, כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס ער רעדט. ס׳האָט זיך צעשפּילט לאַנדינסקיס פאַנטאַזיע: „דער פאַראיין פון פוילישע ייִדן אין פראַנקרײַך״ וועט זיך אָנשליסן אין דעם צוזאַמענפאָר, זאָגט ער מיר און שיקט מיך צום קאָנסול איבערגעבן אים דעם באַשלוס און אויסגעפינען וועגן פּרטים פון דעם צוזאַמענפאָר און אויך וועגן אַלע טעכנישע אָנגעלעגנהייטן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דעם.

איך לאָך אים אויס: אַ נײַער יקום־פורקן. אין הימל אַ יאַריד, פאַליאַקן האָבן אַ צוזאַמענפאָר, וואָס האָט עס צו טאָן מיט אונדז, ייִדן? כ׳וויל זיך ניט נאַריש מאַכן פאַרן קאָנסול און כ׳וויל ניט גיין. לאַנדינסקי שטייט אָבער ניט אָפּ:

— דו וועסט יאָ גיין, כ׳ווייס וואָס איך פאַרלאַנג. די פאַליאַקן זײַנען פוילאַקעס, דער קאָנסול וועט אונדז נאָך דאַנקען פאַרן אָנפילן אים די באַן.

איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ משוגעת, פונדעסטוועגן בין איך גע־גאַנגען.

ווען דער קאָנסול האָט דערהערט לאַנדינסקיס פאַרשלאָג, איז אים ליכ־טיק געוואָרן אין די אויגן. געזאָגט, אָבער, האָט ער, אַז ער האָט דערמיט ניט צו טאָן, אַז דער קאָנסולאַט דערלייִדיקט בלויז די פאַספּאָרטן פון די פוילישע בירגערס. דאָך, אויב ס׳אינטערעסירט אונדז, דאַרפן מיר זיך ווענדן צו „אָרביס״ (פוילישע רײַזע־ביוראָ אין פּאַריז).

איך האָב געפרעגט, צי כ׳קען זיך פאַררופן אויף אים, ווײַל עס האַנדלט זיך ניט וועגן אונדז פּערזענלעך, מיר ווילן פאַראינטערעסירן אונדזערע מיטגלידער און בכלל אַלע פוילישע ייִדן אין פראַנקרײַך מיט דער דאָזיקער נסיעה.

— אַלע פוילישע ייִדן אין פראַנקרײַך? — צעלאַכט זיך דער קאָנסול — איר זײַט נאַיוו, כ׳ווייס ניט, צי כ׳דאַרף באַניצן די פינגערס פון מײַנע

בײדע הענט איבערצוצײלן די צאָל פּױלישע ייִדן אין פֿראַנקרײַך, װאָס זײַנען פֿאַרבליבן פּױלישע בירגערס.

איך בעט אָן אױפֿקלערונג, כ'פֿאַרשטײ ניט זײַנע רײד. דערקלערט מיר דער קאָנסול, אַז ס'רובֿ ייִדן, װאָס האָבן עמיגרירט אָדער זיך אַרײַנגעשמוגלט קײן פֿראַנקרײַך, זײַנען דאָ געװאָרן שטאַטנלאָז, מחמת זײ האָבן זיך ניט געמאָלדן אין צײַט אין פּױלישן קאָנסולאַט אַנצוגעבן, אַז זײ װילן בלײַבן פּױלישע בירגערס. זײ האָבן, אַפּנים, ניט געװוּסט, אַז דערפֿאַר װערן זײ שטאַטנלאָז און װעלן זיך קײן מאָל ניט קענען דאָ נאַטוראַליזירן, װערן פֿראַנצײזישע בירגערס.

װען דער קאָנסול האָט באַמערקט דעם אומעט אױף מײַן פּנים, האָט ער מיך געטרײסט מיטן צוזאָג, אַז ער װעט אונדז העלפֿן אױף װיפֿל ס'װעט זײַן מעגלעך, אױב „אָרביס" װעט אָננעמען אונדזער פּלאַן און, אַז איך קען זיך דרײסט פֿאַררופֿן אױף אים.

שטאַרק באַװירקט פֿון דעם אומדערװאַרטן ענטפֿער האָב איך זיך געמאָלדן צום דירעקטאָר פֿון „אָרביס". שמועסנדיק מיטן דירעקטאָר האָב איך געפֿילט, אַז דער קאָנסול האָט מיר פֿאַרלאָפֿן דעם װעג.

דער דירעקטאָר האָט מיך אױפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס און פֿאַרזיכערט, אַז ער װעט זײַן צופֿרידן צו האָבן װעלכע ניט איז צאָל ייִדישע אַנטײל־נעמערס אין דעם צוזאַמענפֿאָר. אַלץ, װאָס ער װיל װיסן איז, װאָס מיר פֿאַרלאַנגען פֿאַר אונדזער אַרבעט בײַם דורכפֿירן דעם פּלאַן.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אים נישקשהדיק ביטער, ער האָט ניט מיט װעמען צום טיש צו גײן. זײַנע פּאַליאַקן אײַלן זיך ניט צו רעזערװירן פּלעצער אין דער באַן. די רײַכע, די סנאָבעס, שטײט ניט אָן צו פֿאָרן צוזאַמען מיט די פּראָלעטאַריערס, און די אַרבעטערס קענען זיך ניט דערלױבן אױף אַ חודש װאַקאַציע. ער דאַרף כאָטש האָבן אײן פֿולן צוג. האָב איך אים געזאָגט, אַז ער װעט דאַרפֿן בלױז דעקן די הוצאות פֿון די פֿלוגבלעטער, װאָס לאַנדינסקי װעט לאָזן דרוקן אין ייִדיש און אין פֿראַנצײַזיש. מיטן פֿאַרשפּרײטן די פֿלוגבלעטער װעלן זיך פֿאַרנעמען די מיטגלידער פֿון פֿאַראײן.

דאָס, האָט ער געזאָגט, פֿאַרשטײט זיך אַלײן. די דרוקערײַ קען אים דירעקט צושיקן דעם חשבון און נאָך דעם, װען ער װעט זען די רעזולטאַטן פֿון אונדזער אַרבעט, װעלן מיר זיך פֿאַרשטענדיקן װעגן דער באַלױנונג.

אַלץ, װאָס מיר װעלן פֿאַרלאַנגען, האָב איך אים געזאָגט, װעט זײַן, אַז ער זאָל באַהאַנדלען אונדזערע ייִדישע פּאַסאַזשירן גלײַך װי זײַנע אײגענע,

קיין אַנדער באַלוינונג דערוואַרטן מיר ניט פֿון אים, סײַדן ער וועט געבן אַ בײַשטײַער פֿאַרן פֿאַראיין.

מיט אַ דינאַמישער ענערגיע נעמט זיך לאַנדינסקי צו דער אַרבעט. ער לאָזט אָפּדרוקן אַן אויפֿרוף צו די ייִדן אין פֿראַנקרײַך. זײַנע ווערטער עקס־פּלאָדירן ווי אַ ווולקאַן, ער שיסט מיט פֿײַער, לעבט אויף דערינערונגען פֿונעם פּוילישן שטעטל, ווירקט עמאָציאָנעל, רירט ביז טרערן די ייִדן, וואָס זײַנען אָפּגעריסן פֿון זייערע משפּחות יאָרן לאַנג. זיי האָבן אַפֿילו ניט גע־קענט חלומען וועגן באַהעפֿטן זיך אַ מאָל מיט זיי. האָבן אונדז אַ סך ייִדן געזאָגט.

בליץ־שנעל ווערן די בלעטלעך פֿאַרשפּרייט ניט נאָר אין אַלע ייִדישע געגנטן אין פּאַריז, אין די רעסטאָראַנען אויפֿן „פּלעצל״, פּלאַס רעפּובליק א״אַ, נאָר אויך אין פֿאַרשיידענע שטעט אין פֿראַנקרײַך, אומעטום ווו נאָר ס'איז פֿאַראַן אַ ייִדישער ישוב.

די ידיעה וועגן האָבן אַ מעגלעכקייט צו פֿאָרן קיין פּוילן ווערט אויפֿ־גענומען מיט ענטוזיאַזם. ס'נעמען אָנפֿילן דעם פּוילישן קאָנסולאַט פּוילישע ייִדן פֿון אַלערליי שיכטן, זיי ווילן אויסגעפֿינען די ריכטיקייט פֿון די צוזאָגן אין די פֿלוגבלעטלעך און פֿאַרלאַנגען וויזעס קיין פּוילן.

דער קאָנסול האָט אײַנגעזען, אַז ער איז מיאוס אַרײַנגעפֿאַלן. ער דאַרף איצט באַשעפֿטיקן אַלע זײַנע באַאַמטע צוליב דעם אַנגעלויף פֿון ייִדן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צוזאַמענפֿאָר. האָט ער אַלעמען אָפּגעשיקט אין „פֿאַראיין פֿון פּוילישע ייִדן״ און אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער קען ניט אויפֿנעמען און באַטראַכטן יעדן פֿאַל אינדיווידועל, בפֿרט, אַז אויף צען ייִדן, וואָס מעלדן זיך, וועט אפֿשר זײַן אײן לעגאַלער קאַנדידאַט צום פֿאָרן, פֿאַרלאַנגט ער, אַז דער פֿאַראיין זאָל דעלעגירן פֿרוי לאַנדינסקאַ, וועמען ער וועט אויפֿקלערן ווער פֿון די ייִדן קען גענומען ווערן אין באַטראַכט ווי אַן אָנטייל־נעמער אין דער נסיעה. זי וועט אים דאַרפֿן ברענגען אַלע דאָקומענטן צו קאָנטראָלירן.

דער פֿאַראיין באַפֿולמעכטיקט מיך אים צו פֿאַרטרעטן אין די ענינים בײַם קאָנסול און דער קאָנסול האָט מיר געהייסן ברענגען די דאָקומענטן אין אַן אָפּגערעדטער שעה צו אים פּערזענלעך אין קאָנסולאַט. מײַן אויפֿגאַבע איז געווען אויסצופֿרעגן יעדערן באַזונדער וועגן די פּרטים, וואָס דער קאָנסול האָט מיר אָנגעוויזן.

אונדזער דירה איז געווען צו קליין אַרײַנצונעמען די אַלע, וואָס האָבן

געוואָלט פֿאָרן קיין פּוילן. מ'איז געשטאַנען אין דער ריי ניט נאָר אין דער ווינונג, נאָר אויך אויף די שטיגן אין הויז ביז אַראָפּ אין דער גאַס.

איך האָב אויסגעפֿרעגט יעדן איינעם לויט די אינסטרוקציעס פֿונעם קאָנסול. אַלע די, וואָס האָבן דעזערטירט פֿון מיליטערישן דינסט, קומען ניט אין באַטראַכט. זיי פֿאַרלאָזן אונדז אַנטוישטע. פֿון אַנדערע, אַפֿילו שטאַטנלאָזע, נעם איך איבער די דאָקומענטן און אַ הייזעריקע פֿון אומאויפֿהערלעכע אויספֿרעגענישן קום איך יעדן טאָג צום קאָנסול מיט אַן אָנגעפּאַקטער וואַליזע דאָקומענטן.

דער קאָנסול שמייכלט: „וואָס אַן עקשן אַ ייִד קען באַווייזן! ווי אַזוי האָט ער דאָס, דײַן מאַן, מאָביליזירט אַזוי פֿיל ייִדן, וואָס זײַנען פּלוצלינג געוואָרן ליבהאָבערס פֿון פּוילן?"

דער קאָנסול נעמט קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. אַ שפּאָר ביסל זײַנען פּסול, טריף, ער האָט מיר דערקלערט די סיבות און געבעטן צו זײַן מער איבערקלײַבעריש, כּדי אים צו שפּאָרן זײַן צײַט.

איין מאָל, ווען איך האָב געוויזן דעם קאָנסול דעם פּאַספּאָרט פֿון מײַנס אַ חבֿרטע און איר מאַן, וואָס האָט דעזערטירט, און איך האָב געבעטן, אַז דער קאָנסול זאָל זיי דערלויבן צו פֿאָרן מיט זייער קינד, האָט ער מיט כּעס אָוועקגעשלײַדערט דעם דאָקומענט: — ער, ניין, אַ דעזערטירער בשום אופֿן נישט! פֿאַר זײַן פֿרוי איז פֿאַראַנען אַ מעגלעכקייט. איך קען איר געבן אַ פּאַספּאָרט אויף איר מיידלשן נאָמען.

— גוט, זאָג איך אַ צופֿרידענע, אָבער דאָס קינד? דאָס איז דאָך דער עיקר...

— נו, ווען סטו האָבן, אַן ווייטיקן, נאָך אַ קינד — לאַכט שוין דער קאָנסול גוטמוטיק.

איך דאַרף ברענגען דעם קינדס פֿאָטאָגראַפֿיע און ס'וועט ווערן אַרײַנגעקלעפּט אין מײַן פּאַספּאָרט. אַזוי אַרום האָט אונדז דער קאָנסול מיטגעהאָלפֿן ניט נאָר אויסצופּילן די באַן פֿון די פּאָליאַקן, נאָר ניצן אַ ספּעציעלן צוג פֿאַר די פּוילישע ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך, וואָס האָבן זיך כּלומרשט אָנגעשלאָסן אָן דעם צוזאַמענפֿאָר.

און געפֿאָרן זײַנען מיר, ווי די פּריצים. אַנהייבנדיק פֿון דער פּוילישער גרענעץ האָבן זיך אונדזערע צוגן אָפּגעשטעלט אין פֿאַרשיידענע שטעט, וווּ מען האָט אונדז אויף די באַנהויפֿן באַגעגנט מיט מוזיק און באַוואָרפֿן אונדזערע צוגן מיט בלומען.

אין פוילן זײַנען מיר אַלע געווען פֿרײַ. יעדער איינער איז געווען גליקלעך צו פֿאַרברענגען מיט זײַן משפּחה און פֿרײַנד ביזן טאָג פֿון צוריקפֿאָרן קיין פּאַריז.

דער וואַרשעווער באַנהויף איז געווען שוואַרץ פֿון די ייִדישע באַגלייטערס. צו איין אָפּפֿאָרנדיקן זײַנען געקומען צען פֿרײַנד זיך געזעגענען מיט אים. אין אַ פֿריילעכער שטימונג זײַנען מיר צוריקגעקומען קיין פּאַריז.

די עקזעקוטיווע פֿון אונדזער פֿאַראיין איז געווען צופֿרידן. מע האָט באַקומען פֿון „אָרביס" אַ היפּשן בײַשטײַער. לאַנדינסקי איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. די עקסקורסאַנטן האָבן אים באַוואָרפֿן מיט דאַנקבריוו, מיט לויבגעזאַנגען. מע וויל זיך אַנשליסן אין פֿאַראיין, ווערן מיטגלידער. לאַנדינסקי איז גליקלעך, עס זינגט זיך אים, ער ווערט ווידער שאַפֿעריש, שרײַבט לידער.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1937, ווען אויף די גאַסן פֿון פּאַריז האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז היטלער גרייט זיך צו אַ מלחמה מיט פּוילן. לאַנדינסקי איז געוואָרן אומרויִק, ס'האָט אים אַרומגענומען אַ פּחד, דער עיקר פֿאַר אונדזערע ייִדן אין פּוילן. דער אומרו אין אים באַגלייט אים אומעטום און באַשווערט זײַנע טעטיקייטן. ער האָט פֿאַרויסגעזען אַ בלוטיקן מבול אין פּוילן און ער האָט גענומען זוכן וועגן, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען אונדזערע ברידער און שוועסטערס פֿון פּוילן, כל־זמן ס'ווערט ניט צו שפּעט. ער האָט פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן און ווידער האָט ער באַשלאָסן אויסצוניצן זײַנע קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער עליטע אין פּאַריז.

אין דעם זעלבן יאָר 1937 האָט ער זיך געווענדט צום פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום אין וואַרשע דורך דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז מיט אַ פּלאַן פֿון אַ „געדעקטער עמיגראַציע" פֿון פּוילן קיין פֿראַנקרײַך. מורא האָבנדיק, אַז דאָס קען קאָמפּראָמיטירן דעם פֿאַראיין, אין פֿאַל פֿון אַ דורכפֿאַל, האָט ער באַשלאָסן אַליין צו טראָגן די אַחריות פֿאַרן דורכפֿירן דעם פּלאַן. אומאָפּהענגיק פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿישער אַגענטור וועט ער גרינדן אַ רײַזע־ביוראָ, וואָס וועט אָפֿיציעל, פֿאַר דער פֿראַנצייזישער רעגירונג, נאָר פֿאַרקויפֿן בילעטן און באַזאָרגן מיט וויזעס די יחידים און גרופּעס, וואָס וועלן פֿאָרן פֿון פּאַריז קיין פּוילן און צוריק. זײַן כּוונה אָבער איז געווען אַרויסצופֿירן אויף אַ לעגאַלן אופֿן ייִדן פֿון פּוילן קיין פֿראַנקרײַך.

ס'איז, אַ פּנים, געווען אַ גינסטיקע צײַט דערפֿאַר, ווײַל צו אונדזער שטוינונג, איז דער פּלאַן אָן שום שוועריקייטן גלײַך אָנגענומען געוואָרן אין וואַרשע.

די אידעע פֿון אַ „געדעקטער עמיגראַציע״ האָט באַוועלטיקט לאַנדינסקיס האַרץ. מיט גרויס ערנסט האָט ער זיך גלײַך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט. ס׳מזל האָט אים צוגעשפּילט: ער האָט געפֿונען דעם ריכטיקן שליח אין בעלגיע, וואָס וועט אים, פֿאַר אַ גוטער באַלוינונג, דערלײַדיקן צײַטווײַליקע וויזעס קיין פֿראַנקרײַך.

לאַנדינסקי האָט מיך געשיקט קיין וואַרשע. די נײַעס וועגן דער פֿאַנטאַסטישער אונטערנעמונג איז גלײַך צעפּויקט געוואָרן אין גאַנץ פּוילן. פֿאַר די ייִדן האָט אויפֿגעלויכטן אַ נײַער שטערן, ס׳האָבן זיך פֿאַר זיי פֿונאַנדערגעשפּרייט גינסטיקע האָריזאָנטן, אַ האָפֿענונג צו רעאַליזירן דעם חלום, אַרויסראַטעווען זיך פֿון פּוילן, ווו די לופֿט איז פֿאַרסמט מיט מיקראָבן פֿון אַנטיסעמיטיזם און איצט נאָך, פֿאַר אַ צולאָג, איז מען באַדראָט מיט דער סכּנה פֿון אַ נאָענטער מלחמה. מע ציטערט פֿאַר די נאַצישע אַכזריותן, וואָס דערטראָגן זיך קיין פּוילן דורך די דײַטשישע פּליטים.

די בעלנים צו פֿאַרלאָזן פּוילן האָב איך אויפֿגענומען אין וואַרשע, אין מײַן שוועסטערס דירה. לויט אונדזערע באַדינגונגען, האָט יעדער איינער געמוזט האָבן אַ קרובֿ אין פֿראַנקרײַך, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט מעלדן צו לאַנדינסקין אין פּאַריז, אונטערשרײַבן, אַז ער איז וויליק אַליין צו זאָרגן פֿאַרן אויפֿהאַלט, פֿאַר דער דערלויבעניש צו בלײַבן אין פֿראַנקרײַך, פֿון דעם אָנגעקומענעם קרובֿ פֿון פּוילן. דאָס האָט מען אין פֿראַנקרײַך געקאָנט דערגרייכן, אויב מען האָט זיך געלאָזט דערפֿאַר קאָסטן. מיר זײַנען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך בלויז פֿאַר דער לעגאַלער נסיעה פֿון פּוילן קיין פּאַריז.

אויף אָט די יסודות האָבן מיר באַקומען אין וואַרשעווער אויסערן־מיניסטעריום אַן אַלגעמיינעם פּאַספּאָרט פֿאַר אַ גרופּע פֿון 25 מענטשן. דעם פּאַספּאָרט האָבן מיר געדאַרפֿט איבערגעבן דעם פּוילישן קאָנסול אין פּאַריז, נאָך דעם אָנקומען פֿון דער גרופּע קיין פּאַריז.

אין פֿאַרלויף פֿון געציילטע טעג האָבן זיך בײַ מיר אָנגעזאַמלט דאָקומענטן פֿון 50 ייִדן, וואָס זײַנען גרייט געווען צו פֿאַרלאָזן פּוילן. מע שטייט אין דער ריי, גלײַך ווי אַ מאָל אין פּאַריז, בעת דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון פּאָליאַקן פֿון אויסלאַנד. דאָס אויסוואַנדערן פֿון פּוילן מיט לאַנדינסקיס הילף האָט אַ צוציִונגס־קראַפֿט: מע וועט פֿאָרן אין דער באַן לעגאַל ביז פּאַריז און קאָסטן וועט די נסיעה מיט 50 פּראָצענט ביליקער, ווי מען פֿלעגט צאָלן אַ שמוגלער.

וואַרשע קאָכט. אש להבה אויף אונדז זײַנען ניט נאָר די רײַזע־

ביוראָס, נאָר אויך און דער עיקר די שמוגלערס. זיי שרעקן זיך, אַז לאַנדינסקי וועט זיי שעכטן אַן אַ מעסער, ער וועט אַוועקנעמען זייער פּרנסה. ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ לייב, וואָס וועט זיי אַלעמען פאַרשלינגען. פאַלט מען אויף אַ המצאה, כדי דאָס ניט צו דערלאָזן, דאַרף מען צעשטערן לאַנדינסקיס פּלאַן גלייך אין אָנהייב, דערשטיקן דאָס קינד, איידער ס׳ווערט געבוירן, און מע פאַרטראַכט אַ בילבול קעגן אונדז.

אין איינעם אַ אָוונט, איך זיץ ביים טיש, וואָס איז אָנגעוואָרפן מיט דאָקומענטן פון די צוקונפטיקע עמיגראַנטן, וואָס שטראָמען צו אונדז פון אַלע עקן פוילן, באַווייזן זיך פּלוצעם, ווי פון דער העלער הויט, צוויי פּאָליציאַנטן. אַן אַ פאַרוואָס שאַרן זיי צונויף די דאָקומענטן און דער־קלערן מיר, אַז איך בין אַרעסטירט, כ׳דאַרף גלייך מיטגיין מיט זיי.

איך האַלט זיך רויק און זאָג זיי, אַז אויב זיי זיינען באַפולמעכטיקט מיך צו אַרעסטירן, וועל איך גיין מיט זיי, איך פאַרלאַנג אָבער, אַז זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק מיט די דאָקומענטן, וואָס זיי פאַרכאַפּן דאָ איצט אָן קיין שום סיבה. איך מאַך זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן שטיקל פּאַפּיר, וואָס זיי רוימען דאָ אַראָפּ פון טיש.

די פּאָליציאַנטן קוקן זיך איבער. זייערע בליקן זאָגן, אַז זיי זיינען צופרידן, זיי האָבן געפּאַקט דעם ריכטיקן פויגל און מע טוט מיך אַ שטויס צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

אין ראַטהויז פאַרשפּאַרט מען מיך הינטער קראַטעס. כ׳וועל דאָרט בלייבן ביז אין דער פרי, ווען ס׳וועט קומען דער קאָמיסאַר און ער וועט אויספאָרשן דאָס פאַרברעכן, וואָס די ייִדישקע פון פּאַריז דערלויבט זיך אויסצופירן אין וואַרשע. דאָס איז בלויז אַ פאַרשפּיל, אַ מין ערבֿ־תּפֿיסה, האָט מען מיר דערקלערט.

איך שטיי הינטער די קראַטעס, כ׳טראַכט וועגן דעם רעטעניש, וואָס עס קומט דאָ פאָר מיט מיר. אַ מיסטעריע, כלעבן. ס׳פּלאָנטערן זיך געדאַנקען, איך הייב אָן צווייפלען: אפשר איז דער גאַנצער ענין פון דער „געדעקטער עמיגראַציע״ געווען בלויז אין לאַנדינסקיס דמיון. איך האָב זיך דאָך אָבער גלייך נאָך מיין אָנקומען אין וואַרשע געמאָלדן צום סעקרעטאַר אין אויסערן־מיניסטעריום, אין איינקלאַנג מיט לאַנדינסקיס אָנווייזונגען, אים מודיע געווען, אַז איך טרעט צו צו דער אַרבעט און ער האָט ניט פּראָטעסטירט. זאָל דאָס מיניסטעריום איצט האָבן געענדערט דעם באַשלוס און צוריקציִען דעם צוזאָג?

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז ס׳האָט גענומען טאָגן. ענדלעך האָט מען מיך אַריינגעפירט צום קאָמיסאַר.

אַ פֿאַרשנדיקער, שפּיזיקער בליק, וואָס מאַכט מיך אָבער ניט ציטערן. איך האָב געבעטן אַן אויפֿקלערונג וועגן דער סיבה פֿון מײַן אַרעסט. אַנ־שטאָט אַן ענטפֿער הער איך דעם קאָמיסאַרס באַמקען אונטער דער נאָז און אַ טשמאָטשקען מיט די מגושמדיקע ליפּן. זײַנע אויגן לויפֿן גיך דורך די אָנקלאָגע אויף זײַן שרײַבטיש, צום סוף שיסט ער אויס:

„אַזאַ באַשיידענע, דוכט זיך, צניעותדיקע פֿרוי, פֿאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע געפֿערלעכע עסקים?"

„איך זע ניט פֿאַר וואָס זיי זאָלן זײַן געפֿערלעך, בכל אופֿן ניט אין וואַרשע". האָב איך געענטפֿערט און אויפֿגעדעקט פֿאַר אים די קאָרט, דערציילט וואָס מיר האָבן בדעה צו טאָן און געבעטן, אַז ער זאָל אויס־געפֿינען אין אויסערן־מיניסטעריום וועגן דער ריכטיקייט פֿון מײַנע רייד און ערשט נאָך דעם אַרויסגעבן זײַן פּסק־דין.

דער קאָמיסאַר האָט אַרײַנגערופֿן אַ פּאָליציאַנט, מיך געהייסן וואַרטן אונטער זײַן וואַך אין דערבײַיִקן צימער.

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז דער קאָמיסאַר אַרײַנגעקומען צו מיר מיט אַ צעשמייכלט פּנים. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין פֿרײַ און ער האָט זיך אַפֿילו אַנטשולדיקט. באַשולדיקן דאַרף איך ניט אים, האָט ער מיר געזאָגט, נאָר מײַנע אייגענע ברידער, וואָס האָבן אים פֿאַרזיכערט, אַז איך האַנדל מיט לעבעדיקער סחורה, אַז כ'בין געקומען קיין וואַרשע אַרויספֿירן פֿרויען קיין בוענאָס־אײַרעס, אַרגענטינע, און מיט זיי דאָרט האַנדלען.

וועגן דער פּײַנלעכער איבערלעבונג האָב איך לאַנדינסקין דערציילט ערשט נאָך דעם, ווען אונדזער ערשטע גרופּע „עמיגראַנטן" איז בשלום אָנגעקומען קיין פּאַריז. ער האָט גלײַך געביטן אונדזערע מיסיעס: איך בלײַב אין פּאַריז, ער פֿאָרט קיין וואַרשע. זיצן אין תּפֿיסה אין פּוילן איז ער מער עקספּערט ווי איך, האָט ער זיך געוויצלט.

די הצלחהדיקע נסיעה האָט געהויבן לאַנדינסקיס חשיבֿות סײַ אין פּוילן, סײַ אין פֿראַנקרײַך. ס'האָבן גענומען קומען צו אונדז אין געזאַײַל ייִדן פֿון אַלערליי שטעט אין פֿראַנקרײַך. ס'פֿאַרשטאַרקן זיך די קלאַנגען וועגן דער נאָענטער מלחמה, מע וויל זײַן צוזאַמען מיט דער משפּחה, וואָס מע האָט איבערגעלאָזט אויף הפֿקר אין פּוילן. לאַנדינסקי וועט זיי ברענגען די גאולה, טענהן זיי, און בעטן, אַז מיר זאָלן זיי העלפֿן אַריבערברענגען אַ פֿרוי, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַפֿילו אַ קינד.

זייערע קרובֿים קענען ניט פֿאַרלאָזן פּוילן אויף אַ לעגאַלן אופֿן, ווײַל דאָס אויסערן־מיניסטעריום אין פּוילן וויל ניט געבן קיין אויסלענדישע פּעסער, סײַדן מע באַווײַזט אַז מ'איז רײַך, מע צאָלט הויכע שטײַערן, מע האָט אַ פֿאַרמעגן. וויל מען זיך באַניצן מיט אַ שמוגלער, שטעלט מען אײַן

דאָס לעבן און מע דאַרף אײַנצאָלן 500 זלאָטעס פֿון אַ פּערזאָן אין פּאַרויס. דאָס איז געווען אַ היפּשער באַטרעף פֿאַר אַ מיטלקלאַס־מענטש. מ׳האָט מיר איבערגעגעבן די אַדרעסן פֿון די קרובֿים אין פּוילן און איך האָב זיי איבערגעשיקט לאַנדינסקין קיין וואַרשע.

ס׳דערמאָנט זיך איצטער אַ רירנדיקער עפּיזאָד: אָט איז צו מיר געקומען אַ יונגער־מאַן, ער איז אַוועק פֿון פּוילן אומלעגאַל, ניט געוואָלט דינען אין דער פּוילישער אַרמיי. ער איז אַ שנײַדער, אַרבעט אין אַ קליין פֿאַבריקל אין פּאַריז, פֿאַרדינט אויף פּרנסה און האָט געשפּאָרט יעדן סענט צו קענען אַריבערברענגען זײַן פֿרוי מיטן טעכטערל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין קעלץ. זײַן פֿרוי האָט דאָס ניט דערלעבט, זי איז פּלוצלינג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט זײַן יתומהלע בײַ אַן אָרעמער מומע. דאָס קינד בענקט נאָכן טאַטן און ער, דער טאַטע, גייט אויס צו זײַן צוזאַמען מיט זײַן טעכטערל, וואָס איז שוין איצט פֿינף יאָר אַלט, האָט ער אונדז דערציילט מיט טרערן אין די אויגן.

ווען איך האָב אים געפֿרעגט ווער ס׳וועט אַכטונג געבן אויפֿן קינד, אויב ער אַרבעט, האָט ער געענטפֿערט:

— מיר זענען דאָך ניט אין פּוילן. אין פּאַריז, ווייסט איר דאָך, קען מען דאָס קינד אַרײַנגעבן אין אַ קינדער־גאָרטן, ניט צאָלן דערפֿאַר קיין פּרוטה. מע דאַרף בלויז אַהיימנעמען דאָס קינד אויף בײַ נאַכט און אין דעם וועלן אים זײַנע פֿרײַנד העלפֿן.

איך האָב אים צוגעזאָגט אָנצופֿרעגן לאַנדינסקין אין וואַרשע, צי ס׳איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט אַריבערצוברענגען דאָס קינד און מיט וואָסערע קאָסטן וועט דאָס זײַן פֿאַרבונדן. לאַנדינסקי האָט מיר גלײַך געענטפֿערט, אַז פֿאַר דער יתומה דאַרף איך גאָרניט רעכענען. שפּעטער, ווען ער האָט דאָס קינד געבראַכט קיין פּאַריז, האָט ער מיר דערציילט, אַז מע האָט צו אים געבראַכט דאָס מיידעלע אין אַזאַ הוילעך, אַז ס׳איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער איז אַרויס אין גאַס און פֿאַר זײַן געלט באַקליידט דאָס מיידעלע פֿאַרן אָפּפֿאָרן. דעם גליקלעכן טאַטן האָבן מיר וועגן דעם ניט דערציילט.

צוליב דער וואַקסנדיקער צאָל בעלנים צו פֿאַרלאָזן פּוילן האָט לאַנדינסקי אײַנגעאָרדנט אַן אָפֿיציעלן ביוראָ אין האָטעל „בריטאַניאַ" אויף נאַוואָליפּיע גאַס.

אין דעם זעלבן האָטעל האָט דעמאָלט געוווינט י. מ. ווייסענבערג. די פֿרײַע אָוונטן פֿלעגט לאַנדינסקי אָפֿט פֿאַרברענגען מיט אים, געפֿירט אינטערעסאַנטע שמועסן און אים פֿאָרגעלייענט זײַנע נײַ־געשאַפֿענע לידער. ווייסענבערגן זײַנען די לידער זייער געפֿעלן געוואָרן, ער האָט לאַנדינסקין געעצהט אַרויסצוגעבן אַ בוך און ער האָט אים צוגעזאָגט צו שרײַבן צו דעם

בוך אַ פֿאָרוואָרט. לאַנדינסקי האָט זיך אָבער ניט געאײַלט דאָס צו טאָן, פֿאַר אים איז וויכטיקער געווען אָפּצוגעבן זײַן צײַט די ייִדן, וואָס ער האָט אַלץ שטאַרקער געפֿילט, אַז ס׳דראָט זיי אַ סכּנה אומצוקומען פֿון די נאַ־צישע מערדערס.

אין לאַנדינסקיס ביוראָ האָט אים אין דער טעכנישער אַרבעט אַרויס־געהאָלפֿן לוסקע שציפּיאָר, מײַן שוועסטערס אַ טאָכטער (אומגעקומען אין 1943 צוזאַמען מיט אירע עלטערן אין וואַרשעווער געטאָ). דער פֿאַרנעם פֿון לאַנדינסקיס אַרבעט איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. ער איז געווען גע־צוווּנגען צוצוציִען צו דער אַרבעט אַן אַרויסהעלפֿער. מע האָט אים רעקאָ־מענדירט אַ יונגן מאַן מיטן נאָמען פּאָזנער. ער איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין די מיניסטעריומס, ווו ער האָט זייער אויסגענוצט צוליב זײַן עלעגאַנטן אויסזען און זײַן פּערפֿעקטן פּויליש רײדן. ער איז גיך געוואָרן ניט נאָר לאַנדינסקיס אַ גוט באַצאָלטער באַאַמטער, נאָר אויך אַן אָנפֿאַרטרויטער פֿרײַנד.

פּאָזנער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט לאַנדינסקיס אַרבעט און לאַנדינסקי האָט פֿאַר אים גאָרניט אויסבאַהאַלטן. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אין אַ גיכן טעמפּאָ, מינדסטנס איין מאָל אין חודש איז אַוועק אַ גרופּע פֿון כּלומרשטע „טוריסטן" פֿון וואַרשע דורך בעלגיע קיין פּאַריז, תּמיד באַגלייט פֿון לאַנדינסקין.

דער „געטרײַער" באַאַמטער האָט איין מאָל אײַנגערעדט לאַנדינסקין, אַז ער וויל אים שפּאָרן די פֿון מיטפֿאָרן יעדעס מאָל מיט דער גרופּע, ער איז גרייט אים צו פֿאַרטרעטן, און ער וועט נאָך לאַנדינסקין דאַנקבאַר זײַן פֿאַר געבן אים די מעגלעכקייט צו זען דעם וועלט־באַרימטן פּאַריז.

לאַנדינסקי פֿלעגט תּמיד זייער יושרדיק באַהאַנדלען זײַנע אָנגע־שטעלטע, סײַ אין דער פֿאָטאָגראַפֿישער אַגענטור אין פּאַריז, סײַ זײַנע פֿאַרטרעטערס פֿאַר דער דאָזיקער אַגענטור אין אַלע לענדער. האָט ער אויך אים גלײַך צו ליב געטאָן און אים געשיקט מיט דער גרופּע קיין פּאַריז.

מיר איז געווען אויפֿפֿאַלנדיק דער אינטערעס, וואָס דער יונגער־מאַן האָט אַרויסגעוויזן, אויספֿרעגנדיק מיך וועגן אַלע פּרטים פֿון מײַן אַרבעט אין פּאַריז און צוזאַמענהאַנג מיט די רײַזעס. ענדלעך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז ממש פֿאַרליבט אין פּאַריז, ער וואָלט געווען גליקלעך צו בלײַבן אין פּאַריז, פֿאַרטרעטן מײַן סעקרעטאַרין, וואָס וועט זיכער אויך זײַן צופֿרידן צו פֿאַרנעמען זײַן אָרט אין וואַרשע, אין לאַנדינסקיס ביוראָ. ער האָט אָבער גלײַך פֿון מיר באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפֿער און ער איז געווען געצוווּנגען צוריקצופֿאָרן קיין וואַרשע.

איך האָב געבעטן לאַנדינסקין מער ניט צו שיקן דעם שאַלאַטן־שמש

מיט דער גרופּע, ווײַל ער האָט בײַ מיר ניט נושא חן געווען. לאַנדינסקי האָט מיך געפּאָלגט און ווידער אַליין באַגלייט די גרופּע.

צו זײַן איבערראַשונג, ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אויפֿן פּאַריזער באַנ־הויף, האָבן די גרופּע אָפּגעוואַרט ניט נאָר, ווי תמיד, זייערע קרובֿים, נאָר אויך אַ מחנה פּאָליציי־לײַט. זיי האָבן די גרופּע אַרומגערינגלט און אַוועק־געפֿירט אין פּרעפֿעקטור. צום גליק, האָבן אונדזערע „טוריסטן״ געדענקט, וואָס מען האָט זיי אָנגעזאָגט צו טענהן, אין פֿאַל פֿון אַזאַ מין עת־צרה, און נאָך דעם ווי מע האָט קאָנטראָלירט זייערע דאָקומענטן, האָט מען אַלעמען באַפֿרײַט. לאַנדינסקי האָט שוין דעמאָלט אין דער היים ניט געשיקט, כאָטש מען האָט אים צווישן דער גרופּע ניט באַמערקט.

צו מאָרגנס אָבער האָט מען אונדז טעלעפֿאָנירט פֿון דער פּרעפֿעק־טור. מע האָט פֿאַרלאַנגט, אַז לאַנדינסקי זאָל זיך מעלדן צום שעף פֿון דעם פּרעפֿעקטור. איך האָב געזאָגט, אַז לאַנדינסקי איז אין פּוילן, אויב זיי װילן, קען איך אים קומען פֿאַרטרעטן.

דער שעף האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט וואָס מיר טוען. ער האָט מיר געוויזן די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם מאַן, וואָס האָט אונדז דערלײדיקט די וויזעס אין בעלגיע. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, געלייקנט און געטענהט, אַז כ׳קען ניט קיינעם מיט דעם נאָמען און אַז כ׳האָב דאָס פּנים קיין מאָל אויף מײַנע אויגן ניט געזען. ער האָט מיך ניט פֿאַרהאַלטן, ווײַל די אָנ־קלאַגע איז ניט געווען קעגן מיר, ער האָט אונדז אָבער שטרענג פֿאַרבאָטן ווײַטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

לאַנדינסקי איז טאַקע גלײַך אַוועק קיין וואַרשע, אָבער אויפֿגעבן דעם געדאַנק מער ניט ראַטעווען ייִדן פֿון פּוילן, ווי ער האָט געפּילט, אַז עס דערנענטערן זיך די גורלדיקע טעג פֿאַר זיי, האָט ער בשום אופֿן ניט גע־וואָלט.

ווער ס׳האָט אונדז אין פּאַריז געמסרט, האָבן מיר געגוי ניט געוווּסט. מיר האָבן חושד געווען אַ פּוילישע רײַזע־ביוראָ, וואָס איז אונדז מקנא געווען, ווײַל מיר האָבן שוין אַריבערגעבראַכט קיין פּאַריז עטלעכע הונדערט ייִדן און לאַנדינסקי איז געוואָרן אַ שם דבֿר. אַז אין דער מסירה האָט אויך פּאַזנער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, איז אונדז ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן. דערווײַל האָט עס אונדז צעשטערט אונדזער קאָנטאַקט מיט בעלגיע. דער פֿראַנצייזישער קאָנסולאַט אין בעלגיע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אונדזערן אַ צווייטן שליח וויזעס קיין פֿראַנקרײַך.

אין וואַרשע האָט זיך לאַנדינסקי באַקענט מיט אַן אָנגעזעענעם, הויכן באַאַמטן אין איינעם פֿון די דאָרטיקע רײַזע־ביוראָס, אַ געוועזענער קאָנסול אין טשילי. אַ חשיבֿותדיקער אינטעלעקטואַל מיט אַ וואַרעם ייִדיש האַרץ.

ער האָט סימפּאַטיזירט מיט לאַנדינסקיס מסירת־נפשדיקער אַרבעט לטובֿת ייִדן און ער האָט צוגעזאָגט צו באַזאָרגן פֿאַר אונדז וויזעס קיין טשילי מיט אַ פֿראַנצייזישער דורכפֿאָר־וויזע, דאָס מיינט, אַז די גרופּע וועט קענען אָפּשטײַגן אין פּאַריז לעגאַל, בלײַבן אָבער אין פּאַריז ניט מער ווי אַ טאָג, צוויי, אָנשטאָט ווי פֿריִער עטלעכע וואָכן. ער האָט אויך געשטעלט אַ באַדינגונג, אַז די גרופּע מוז פֿאָרן אויף אינדיווידועלע פּעסער און די טשילי־וויזע מוז ער צוריק באַקומען, גלײַך נאָך דעם, ווען די גרופּע וועט אָנקומען קיין פּאַריז.

דאָס מיניסטעריום האָט מסכּים געווען דאָס מאָל לאַנדינסקין צו געבן אינדיווידועלע פּעסער פֿאַר זײַן גרופּע, די פּעסער אָבער מוזן אומגעקערט ווערן אין מיניסטעריום נאָך דעם אָנקומען פֿון דער גרופּע אין פּאַריז.

ס׳איז פֿרילינג 1938. ס׳שטײַגט די שרעק פֿאַר דער מלחמה. די ייִדן צאַפּלען זיך וואָס גיכער צו אַנטלויפֿן פֿון פּוילן און זײַנען מסכּים אויף די נײַע באַדינגונגען.

און ווידער איז די גרופּע „טוריסטן״ בשלום אָנגעקומען קיין פּאַריז מיט לאַנדינסקין בראש. לאַנדינסקי האַלט דעם צוזאָג: רײַסט אַרויס דאָס בלעטל מיט דער טשילי־וויזע פֿון יעדן פּאַספּאָרט און שיקט דאָס צוריק קיין וואַרשע.

בינו לבינו טעלעפֿאָנירט מען אונדז פֿון וואַרשע. אַ פֿרײַנד וואָרנט לאַנדינסקין ניט צו פֿאָרן קיין וואַרשע, ווײַל ער וועט דאָרט ווערן אַרעסטירט. לאַנדינסקי לאַכט זיך אויס און פֿאַרזיכערט דעם פֿרײַנד, אַז ווען מע האָט ריינע הענט דאַרף מע ניט האָבן קיין מורא. ס׳איז ניטאָ קיין שום סיבה אים אין וואַרשע צו אַרעסטירן און מיך האָט ער געבעטן גיך אײַנצופּאַקן די זאַכן, ניט פֿאַרגעסן די פּעסער. איצט, האָט ער געזאָגט, וויל ער זײַן צוריק־רײַזע ניט אָפּלייגן און ער האָט זיך טאַקע דעם זעלבן אָוונט געלאָזט אין וועג אַרײַן.

צו מאָרגנס, איך וואַרט בײַם טעלעפֿאָן, לאַנדינסקי דאַרף מיר לאָזן וויסן, ווי תּמיד, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין וואַרשע. ס׳איז אָבער שטיל. ס׳קלינגט ניט מײַן טעלעפֿאָן. איך וואַרט איין שעה, נאָך אַ שעה, כ׳ווער אומרויִק, כ׳טעלעפֿאָניר קיין וואַרשע אין לאַנדינסקיס ביוראָ. ס׳איז אויך דאָרט שטיל, ווי אויפֿן בית־עולם. כ׳קלינג און קלינג, אָבער מער ווי דעם אָפּהילך פֿון מײַן קלינגען הער איך ניט.

מײַן האַרץ פֿאַלט מיר אײַן. די שלייפֿן האַקן, ווי מיט האַמערס. ס׳איז מיר ענג אין מוח. כ׳היב אָן גלייבן דעם וואַרשעווער פֿרײַנד, וואָס האָט לאַנדינסקין געוואָרנט ניט צו פֿאָרן קיין וואַרשע און געזאָגט, אַז זיכער איז מען נאָר מיטן טויט.

איך טעלעפֿאָניר קיין וואַרשע צו מײַן שוועסטער און ווער געוווּר פֿון איר סאַכסער לוטקע, אַז בעת לאַנדינסקי איז אַרויס פֿון דער באַן, האָבן אים אויפֿן וואַרשעווער באַנהויף אַרומגערינגלט אַ כאַפּטע פּאָליציאַנטן, צו־גענומען זײַן וואַליזע, אים אַוועקגעפֿירט און אָן שום דערקלערונגען פֿאַר־שפּאַרט אין תּפֿיסה. דאָס איז זי געוווּר געוואָרן פֿון די פּאָליציאַנטן, וואָס זײַנען געקומען אין זייער דירה דורכפֿירן אַ רעוויזיע. וואָס זיי האָבן גע־זוכט, האָט מען איר ניט געוואָלט זאָגן. אונדזער ביוראָ האָבן זיי פֿאַר־זיגלט און זי קען דאָרט ניט אַרײַן.

איך בין צעטומלט פֿון דער פֿינצטערער בשׂורה, כ׳וויל גלײַך פֿאָרן קיין וואַרשע. אונדזערע ייִדישע פֿרײַנד האַלטן מיך אָפּ. דער שׂכל איז מחייב, האָבן זיי געזאָגט, אַז כ׳דאַרף אָפּוואַרטן ביז ס׳וועט קלאָר ווערן די סיבה פֿון לאַנדינסקיס אַרעסט.

איך לאָז וויסן וועגן דעם אומגליק אונדזערע פּוילישע פֿרײַנד. צמעלאַ, אַ געוועזענער לעגיאָניסט, פּילסודסקיס אַ פֿאַנאַטישער חסיד, האָט מיר צוגעזאָגט צו פֿאָרן קיין וואַרשע אויסצוגעפֿינען וואָס דאָרט קומט פֿאָר. ער וויל ניט טאַפּן אין דער פֿינצטער. אויב לאַנדינסקי איז אומשולדיק, אין וואָס ער צווייפֿלט ניט, האָט ער מיר געזאָגט, דאַרף איך ניט זאָרגן, ער וועט אים גלײַך באַפֿרײַען.

איך האָב געהאַט צוטרוי צו דעם פּוילישן פֿרײַנד, איך האָב אויך גע־וווּסט, אַז פֿאַר אים זײַנען תּמיד אָפֿן די טירן פֿון אַלע מיניסטעריומס אין וואַרשע און כ׳האָב טאַקע באַשלאָסן צו וואַרטן אין פּאַריז אויף זײַנע ידיעות.

ס׳גייט אַוועק אַ וואָך און מיר איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, פֿאַר וואָס לאַנדינסקי שמאַכט אין דער תּפֿיסה. אונדזער פּוילישער פֿרײַנד האָט מיר ענדלעך געלאָזט וויסן, אַז לאַנדינסקי זיצט אונטער אַ שווערער אָנקלאָגע און אַז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אַ סייף אין אַ וואַרשעווער באַנק, האָט די פּאָליציי קאָנפֿיסקירט.

איך האָב געבעטן אונדזער פֿרײַנד איבערצוגעבן דעם ענין דעם גרעסטן פּוילישן אַדוואָקאַט אין וואַרשע.

מײַן משפּחה אין וואַרשע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז לאַנדינסקי שטורעמט די תּפֿיסה, ער וויל וויסן דעם חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען, פֿאַר וואָס מען האַלט אים אין תּפֿיסה. איך האָב געבעטן, אַז זיי זאָלן צוציִען צום פּוילישן אַדוואָקאַט דעם גרעסטן ייִדישן אַדוואָקאַט — ווילייקאָווסקי.

שפּעטער האָט מיר אונדזער פּוילישער פֿרײַנד אַנטפּלעקט דעם סוד. לאַנדינסקי זיצט אונטער געפֿערלעכע אָנקלאָגעס. ער זאָל האָבן געהאַנדלט מיט וואַליוטע אויף דער שוואַרצער גילדע אין וואַרשע, אַ ראיה: אין אונ־דזער סייף האָט מען געפֿונען אַלערליי אויסלענדישע וואַליוטעס; ער האָט אויך דערלויבט די מענטשן, וואָס ער האָט אַרויסגעפֿירט פֿון וואַרשע, מיט־

צונעמען וויפּל געלט איינער וויל, בעת ס׳איז נאָר געווען דערלויבט אַרויס־צופירן פֿון וואַרשע 200 זלאָטעס אַ פּערזאָן. די צווייטע שווערע אָנקלאָגע: מען האָט געפֿונען אין לאַנדינסקיס וואַליזע פּעסער, ווו ס׳איז געווען אַרויסגעריסן אַ בלעטל. די צוויי געפֿערלעכע אָנקלאָגעס, האָט מיר אונדזער פֿרײַנד געזאָגט, פֿירן אים פּערזענלעך אַרײַן אין אַ דילעמע, ס׳איז אין סתירה מיט דער מיינונג, וואָס ער האָט תמיד געהאַט וועגן דעם ״ייִדיש־פּוילישן פּאַטריאָט, און איך האָב שוין געפֿילט ספֿיקות אין זײַן שטים.

איך האָב אים באַדאַנקט און באַרויִקט. ס׳האָט זיך פֿאַר מיר אויס־געלײַטערט דער הימל. די וואַליוטעס, האָב איך געוווּסט, האָבן מיר אײַנ־געקויפֿט אין פּאַריז, ווו דאָס איז ניט געווען פֿאַרווערט. דער פֿראַנק איז כּסדר דעוואַלויִרט געוואָרן, האָבן מיר יעדעס מאָל, ווען מיר זײַנען געפֿאָרן קיין פּוילן, געביטן אונדזער אײַנגעשפּאָרט געלט, געמאָלדן די אויסלענדישע וואַליוטע בײַ דער פּוילישער גרענעץ און דאָס געהאַלטן אין אַ סייף אין אַ וואַרשעווער באַנק. דאָס געזעץ וועגן די 200 זלאָטעס פֿאַר יעדן ״עמי־גראַנט״ האָט לאַנדינסקי שטרענג אָפּגעהיט. איך בין געווען זיכער, אַז ס׳וועט זיך אַרויסווײַזן נאָך דער אויספֿאָרשונג, אַז ס׳איז געווען ניט מער ווי אַ בילבול, וואָס לאַנדינסקיס שׂונאים האָבן אויף אים אויסגעטראַכט. געשוויגן האָב איך בלויז וועגן דעם אַרויסגעריסענעם בלעטל אין די פּעסער, ווײַל כ׳האָב ניט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין צרות דעם אַמאָליקן קאָנסול פֿון טשילי.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן מער קיין גרופּעס פֿון פּוילן קיין פּאַריז ניט וועלן אַרויספֿירן און געמאָלדן די מענטשן, וואָס זײַנען בײַ אונדז געווען פֿאַרשריבן, ווי קאַנדידאַטן פֿאַר די ווײַטערדיקע גרופּעס, זיי זאָלן קומען צו מיר אָפּנעמען דאָס אײַנגעצאָלטע געלט. פֿון זיי בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז לאַנדינסקיס ״געטרײַער״ אָנגעשטעלטער פּאָזנער האָט אין פּאַריז פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז לאַנדינסקי איז אַרעסטירט, ווײַל ער האָט געמאַכט פֿאַלשע פּאַספּאָרטן און ער וועט שוין קיין לעבעדיקער פֿון דער תּפֿיסה ניט אַרויסקומען, דערפֿאַר וועט ער פֿירן די גרופּעס פֿון פּוילן קיין פּאַריז. ער האָט זיך באַצײַטנס באַזאָרגט מיט די אַדרעסן פֿון די אויפֿגענומענע ״עמיגראַנטן״ אין אונדזער וואַרשעווער ביוראָ און געקומען קיין פּאַריז זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט זייערע קרובֿים אין פֿראַנקרײַך.

ווען איך האָב וועגן דעם דערציילט אונדזערע פֿרײַנד אין פּאַריז, האָבן זיי מיר געזאָגט: ״אַז מען האָט אַ הונט, שיקט מען אים ניט אין יאַטקע אַרײַן״. און גערעכט זײַנען זיי געווען.

זעקס וואָכן האָט געדויערט די אויספֿאָרשונג, סײַ אויף דער פּוילישער גרענעץ, סײַ בײַ אונדזערע אַרויסגעפֿאָרענע ״עמיגראַנטן״. סוף־כּל־סוף איז די שווערע אָנקלאָגע וועגן לאַנדינסקיס האַנדלען מיט דער וואַליוטע אין

וואַרשע אָפּגעלייקנט געוואָרן. דער חטא פֿונעם אַרויסגעריסענעם בלעטל אין די פּעסער האָט נאָך אַלץ געהאַנגען איבער לאַנדינסקין, ווײַל ער האָט וועגן דעם געשוויגן, געליטן און געשוויגן. ביז ס׳האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט דער געוועזענער, נאָבעלער טשילי־קאָנסול. ער האָט זיך אַליין געמאָלדן אין געריכט און דערקלערט, אַז אויב מע וויל דערפֿאַר שטראָפֿן, קומט די שטראָף אים און ניט לאַנדינסקין. ערשט דעמאָלט האָט מען לאַנ־דינסקין באַפֿרײַט און אים אומגעקערט דאָס קאָנפֿיסקירטע געלט מיט אַן אַנטשולדיקונג. דערבײַ האָט מען לאַנדינסקין קאָנפֿראָנטירט מיטן מוסר — זײַן אָנפֿאַרטרויטן באַאַמטן, פּאָזנער.

אויף דעם ריכטערס פֿראַגע צי לאַנדינסקי וויל, אַז מע זאָל פּאָזנערן אַרעסטירן, מחמת ער האָט פֿאַלש געשווירן, האָט לאַנדינסקי געענטפֿערט: אַז מע זאָגט דעם אמת, דאַרף מע ניט שווערן און אַז ער, לאַנדינסקי, וויל קיין יידן ניט לאָזן אַרעסטירן, אַפֿילו ניט אַזעלכן היפּאָקריט ווי פּאָזנער, וואָס האָט אָנגענומען אַ פֿאַברעכערישע, מאַקיאַוועלישע טאַקטיק. זאָל ער בעסער זען בײַ אים דאָס גליק, איידער לאַנדינסקי זאָל זען בײַ אים זײַן אומגליק.

ס׳איז אָבער ניט באַשערט געווען לאַנדינסקין נהנה צו זײַן פֿון גליק. פֿון זײַנע בריוו צו מיר, נאָך זײַן באַפֿרײַונג, האָב איך געפֿילט, אַז די תּפֿיסה האָט שטאַרק געענדערט זײַן כאַראַקטער. לאַנדינסקי, דער לעבנס־לוסטיקער, ברויזיקער מיט וואולקאַנישער ענערגיע, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סקעפּטיקער. די אַטמאָספֿער אין תּפֿיסה און די איבערלעבונגען דאָרט האָבן אין אים אַרויסגערופֿן געפֿילן פֿון ספֿיקות. ער איז איצט אין קאָנפֿליקט מיט זײַנע אַמאָליקע אידעען וועגן אַ פֿאַברידערטער, געלײַטערטער פּויליש־ער רעפּובליק, זײַן אָפּטימיסטישער אײַנשטעל בנוגע דער פּויליש־ייִדישער אַחדות, האָט פֿאַרלוירן דעם יסוד, זײַן אידעע פֿון דערנענטערן דעם ייִד צום נישט־ייִד, וואָס האָט אים אַ מאָל אַזוי באַפֿליגלט, האָט באַנקראָטירט. אין תּפֿיסה האָט ער אויסגעפֿונען, אַז די מחיצה, וואָס טיילט אָפּ די פּאָליאַקן פֿון אונדז, ייִדן, וועט ניט באַזײַטיקט ווערן. ס׳וועט צו אַ פֿאַרשטענדיקונג צווישן אונדז קיין מאָל ניט קומען, מיר וועלן דעם פֿאַרוואָרצלטן אַנטי־סעמיטיזם ניט גובֿר זײַן — האָט ער מיר געשריבן. דאָס האַרץ זײַנס האָט נאָך מער געבלוטיקט אויף דעם גורל פֿון די ייִדן אין פּוילן.

לאַנדינסקיס שונאים און ניט־פֿאַרגינערס האָבן נאָך ניט געהאַט די פֿולשטענדיקע סאַטיספֿאַקציע. זיי האָבן געמיינט, אַז מען האָט לאַנדינסקין סוף כּל סוף אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער מדרגה. ווען זיי האָבן אים דערזען אַ באַפֿרײַטן, האָבן זיי אים ווײַטער פֿאַרוועבט אין אַ נעץ פֿון אַלערליי רכילותן, סײַ אין פּוילן, סײַ אין פֿראַנקרײַך, כאָטש זיי האָבן געזען, און אפֿשר ווײַל

זיי האָבן געזען, אַז ער איז אַרויס פֿון תּפֿיסה מיט אַ פֿאַרוואָלקנט געמיט און אַ צעבראָכן האַרץ.

לאַנדינסקי האָט באַשלאָסן ניט צו האָבן מיט זיי קיין שום מגע־ומשׂא, ער איז בלויז דורכגעדרונגען געווען מיט דעם געדאַנק וועגן דער נאָענטער מלחמה. דאָס האָט אים קיין רו ניט געגעבן. ער האָט פֿאַרויסגעזען, אַז די מלחמה וועט פֿלאַקערן ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין פֿראַנקרײַך. דערפֿאַר האָט ער געטראַכט, אַז ס'האָט מער ניט קיין זינען ווײַטער אַרויסצופֿירן ייִדן פֿון פּוילן קיין פֿראַנקרײַך און ער האָט ליקווידירט זײַן ביוראָ אין האָטעל „בריטאַניאַ".

דאָרט איז ער געווויר געוואָרן, אַז זײַן נאָענטער פֿרײַנד י. מ. ווייסענבערג איז אַ געפֿערלעך קראַנקער אַריבערגעפֿירט געוואָרן קיין „לעגיאָנאָווע", הינטער וואַרשע. ער פֿלעגט ווייסענבערגן דאָרט אָפֿט באַזוכן און בעת ער האָט אים געשילדערט זײַנע איבערלעבונגען אין תּפֿיסה, האָט מיר לאַנדינסקי שפּעטער דערציילט, האָבן זיי ביידע געוויינט.

ווייסענבערג, אַ מסוכּן קראַנקער, צוגעשמידט צום בעט, אָבער מיט אַ קלאָרן שׂכל, האָט לאַנדינסקין ווידער געטריבן אַרויסצוגעבן זײַן בוך לידער: „אין פּאַריז". דאָס פֿאָרוואָרט צו דעם בוך האָט ווײַסענבערג שוין אַליין ניט געקאָנט שרײַבן, האָט ער עס דיקטירט. אָט איז אַן אויסצוג פֿון ווייסענבערגס פֿאָרוואָרט:

„(...) אין אַ געשפּרעך מיט לאַנדינסקין וועגן גערעכטיקייט, האָט לאַנדינסקי אַזוי פּשוט גערעדט וועגן דעם פּראָבלעם און מיט אַזאַ גלויבן, ווי אַ קינד (אפֿשר טאַקע דערפֿאַר איז ער אַ קינדער־דיכטער), אַז איך האָב זיך געטראַכט: אָט האָב איך אַ בײַשפּיל פֿון אַן איבערלעבן. וואָרום וויסן איז עפּעס אַנדערש און איבערלעבן איז עפּעס אַנדערש.

אַ בוימײַסטער, למשל, טראָגט זיך אַרום מיט די טיר און פֿענצטערס. עס פֿעלט אים אַ קלייניקייט: דער פֿונדאַמענט און די ווענט, דאָס איז טעאָריע. דאָס אָבער וואָס מאַכט לאַנדינסקין אַזוי זיכער אין זײַנע גלויבונגען און פּראָבלעמען איז די איבערלעבונג. דעריבער זענען נישט נאָר זײַנע שטילע, לירישע לידער, נאָר אויך זײַנע פּראָטעסט־לידער אויפֿריכטיק, האַרציק, עכט, מיטרײַסנדיק. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט דער גאַנצער לאַנדינסקי.

איך האָב לאַנדינסקין קענען געלערנט אַלס אַ הויך־עטישן מענטש, און ווי צו די לאָבוסלעך פֿון געוויסע צײַטונגען, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו בילן קעגן לאַנדינסקין.

(...) איך שטעל זיך אין איין ריי מיט לאַנדינסקין, וואָס גיט יעצט אַרויס דאָס בוך **„אין פּאַריז"**.

לעגיאָנאָוואָ, יוני 1938"

לאַנדינסקי האָט וויסענבערגן געפֿאָלגט. זייענדיק פֿאַרנומען מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך, האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרגעסן. (דאָס בוך „אין פּאַריז" — לידער און פּאָעמען — 256 זײַטן, אילוסטרירט פֿון ראָמאַן קראַמשטיק און זשאַק שאַפּיראָ, איז געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע, האַרט פֿאַר דער מלחמה. די גאַנצע אויפֿלאַגע איז פֿאַרברענט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. געבליבן איז בלויז איין־און־איינציקער עקזעמפּלאַר, וואָס לאַנדינסקי האָט געגעבן במתּנה מנשה אַפּנהיים פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן אין 1939, מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן, קיין אַמעריקע. זיי זײַנען אַנגאַזשירט געוואָרן אויפֿצוטרעטן אין מאָריס שוואַרצעס טעאַטער — אַל דזשאָלסאָנס טעאַטער).

אָנהייב 1939 האָב איך איבערגעלאָזט אויף הפֿקר אונדזער דירה און די פֿאָטאָגראַפֿישע אַגענטור און געפֿאָרן קיין וואַרשע צו לאַנדינסקין, ווײַל זײַן געזונט־צושטאַנד האָט זיך גענומען פֿאַרערגערן. לויט דער עצה פֿון אַ דאָרטיקן כירורג, האָט לאַנדינסקי געמוזט דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע. מען האָט אים אויסגעשניטן אַ טומאָר, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן, בעת ער איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה.

אין שפּיטאָל האָט אים כּסדר פֿאַרפֿאָלגט דער געדאַנק אַרויסצוראַטעווען ייִדן פֿון פּוילן. ס'זײַנען אָפֿט געקומען אים באַזוכן פֿרײַנד און חבֿרים. איין מאָל, בעת אַ באַזוך פֿון זײַנע אַמאָליקע חבֿרים פֿון פּועלי־ציון האָט ער זיי געזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט אַרויס פֿון שפּיטאָל, האָט ער בדעה אַרויסצופֿירן ייִדן קיין ארץ־ישׂראל. ער האָט זיי געבעטן זיך דערווײַל צו פֿאַרשטענדיקן מיט דער הגנה אין שײַכות מיט דער נסיעה.

די חבֿרים האָבן געקענט לאַנדינסקין (אין דער פּאַרטיי פֿלעגט מען אים רופֿן איש עבֿרי). זיי זײַנען געווען גוט אינפֿאָרמירט וועגן לאַנדינסקיס דערפֿאָלגרײַכער „געדעקטער עמיגראַציע" פֿון פּוילן קיין פּאַריז, און האָבן געוווּסט, אַז לאַנדינסקי איז ניט קיין בעל־חלומות, אויב ער באַשליסט עפּעס, וועט ער דאָס מיט זײַן געוואָגטקייט און זײַנע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿעיִקייטן דורכפֿירן, האָבן זיי אים צוגעזאָגט בײַהילפֿיק צו זײַן אין דער אונטערנעמונג, ווען עס וועט זײַן אַקטועל, ווען ער וועט געזונט ווערן.

נאָכן פֿאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט לאַנדינסקי ווידער ניט גערוט. מיט אַלע זײַנע כּוחות האָט ער זיך גענומען דורכפֿירן דעם נײַ־פֿאַרטראַכטן פּלאַן.

קיין בעלנים צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, אַפֿילו אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן, האָט אין פּוילן ניט געפֿעלט. אין אונדזער נײַעם ביוראָ, אין אַ פּריוואַטער וווינונג אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, האָט די טיר זיך ניט פֿאַרמאַכט:

אָן אָנגעלויף פֿון יונגע מענטשן, וואָס ווילן אויסמײַדן די מלחמה, וואָס הענגט שוין אין דער לופֿטן.

האַרט פֿאַר דעם אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך אונדז אַ שיף מיט „גערעקטע עמיגראַנטן" פֿון פּוילן קיין ארץ־ישראל. דרײַ וואָכן האָט געדויערט די רײַזע, ביז זיי האָבן, באַגלייט פֿון יצחק לעוו, מיט דער הילף פֿון הגנה, זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל.

פֿונעם ריווח האָט לאַנדינסקי געגעבן אַ היפּשן בײַשטײַערער פֿאַרן זשורנאַל פֿון פּועלי־ציון.

ס'האָט זיך געבעסערט לאַנדינסקיס געזונט און ער האָט אויך אויפֿגעלעבט גײַסטיק. ער האָט באַשלאָסן אַנצוגיין מיט דער אַקציע אין וואַרשע און מיר האָבן געבעטן אונדזערע פֿרײַנד אין פּאַריז, וואָס אונטער זייער אויפֿזיכט האָב איך געלאָזן אונדזערע קינדער, אַז זיי זאָלן אונדז שיקן אונדזערע צוויי טעכטערלעך קיין וואַרשע.

אין חודש יוני 1939 זײַנען אונדזערע קינדער אָנגעקומען קיין וואַרשע, און אין סעפּטעמבער, אונטער אַ האָגל פֿון באָמבעס פֿון די נאַצישע עראָפּלאַנען, האָבן מיר זיך מיט זיי געשלעפּט איבער די פּוילישע, זאַמדיקע שליאַכן, אין אַ וואָגן אײַנגעשפּאַנט אין פֿערד, ווי אַ מאָל אין 1914, די יידישע „בעזשענצעס" פֿון פּוילישע שטעטלעך, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיט די באָלשעוויקעס
אין לעמבערג

„האַלאָ, האַלאָ! אוווּאַגאַ! אוווּאַגאַ!" אַן אַנלויף פֿון שונאס עראָ־פּלאַנען איבער דער שטאָט וואַרשע — וואַרענען די הילכערס, פֿאַרטומלען און הילן אײַן אין פּחד די וואַרשעווער באַפֿעלקערונג. ס'אַלאַרמירן די סי־רענעס און וואַרפֿן אָן אַן אימה, ווי דאָס שופר־בלאָזן אין די פֿאַרכטיקע טעג — די ימים־נוראָים.

מיט אַ ציטערדיקער שטים, ווי עס ציטערט איצט די לופֿט אין זײַן מלכות — פּוילן — אַנאָנסירט אין ראַדיאָ, בײַ נאַכט פֿון 6טן אויפֿן 7טן סעפּטעמבער 1939, סטאַזשינסקי, דער שטאָט־פּרעזידענט: „ווער עס וויל אויסמײַדן די ברוינע פּעסט, קען זיך ראַטעווען, פֿאַרלאָזן תּיכף וואַרשע".

בײַ דער שײַן פֿון אַ ליכטל — אַ בלעקאַוט, ס'איז פֿאַרבאָטן צו ניצן די עלעקטרישע ליכט, ניי איך אין אײַלעניש זעקלעך, אַ באַהעלטעניש פֿאַר אונדזער פֿאַרמעג, פֿאַר יעדן אײנעם פֿון אונדז, טאָמער וועט דער גזר־דין, אונדזער גלות־גורל, אונדז אויפֿן וועג צעשיידן.

דעם 7טן סעפּטעמבער פֿאַר טאָג, זײַנען מיר, מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, אַרויס פֿון אונדזער צײַטווײַליקער דירה און זיך געלאָזט גיין צו פֿוס קיין פּראַגע. מיר זײַנען בשלום אַריבער די בריק, וואָס איז פֿינף מינוט שפּעטער אויפֿגעריסן געוואָרן פֿון די נאַצישע פֿליִערס.

אין פּראַגע, וווּ די סכנה צעשמעטערט צו ווערן פֿון די שראַפּנעלן איז געווען נים קלענער ווי אין וואַרשע, האָבן מיר גלײַך גענומען זוכן וועגן אַרויסצוקריגן זיך אויך פֿון דאָרט. אײַנגעהאַנדלט אַ וואָגן מיט צוויי פֿערד, געדונגען אַ פֿורמאַן און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. געוואָלט זיך דערשלאָגן צו דער רומענישער גרענעץ און פֿון דאָרט אַהיים קיין פּאַריז.

אַ חושכדיקע נאַכט. מיר זיצן זאַלבע פֿינף: לאַנדינסקי, אונדזערע צוויי טעכטערלעך, איך און מײַן שוועסטערס זון, עדעק שציפּיאָר (דער אײנציקער, וואָס האָט זיך מיט אונדז געראַטעוועט פֿון היטלערס גהינום. מײַן מאַמע, מײַנע פֿינף שוועסטערס מיט זייערע מענער, קינדער און אייניקלעך, זײַנען אומגעקומען אויף קידוש־השם אין וואַרשעווער געטאָ).

זיצן מיר צוזאַמענגעפּרעסט, אײַנגעקאָרטשעט, די פּיס צוזאַמענגעפּלאָכטן, אויף אַ פֿור אַנגעלאָדעוועט מיט מאַנופֿאַקטור. דער בעל־עגלה האָט געמיינט, אַז ס'וועלן זיך איבערחזרן די גליקן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מען איז איבער נאַכט רײַך געוואָרן. אַלץ איז געווען סחורה, מע האָט גאָר נישט געדאַרפֿט זײַן קיין חכם צו פֿאַרוואַנדלען אַ גראָשן אין אַ זילבערן רענדל. ער האָט געוואָלט אַפּליִגן זײַן סחורה אין קאַלושין און פֿון דאָרט אונדז נאָך דעם דערפֿירן צו דער רומענישער גרענעץ. פֿאַר דעם וועלן מיר אים באַצאָלן טויזנט זלאָטעס.

מיר פֿאָרן. מיר פֿאָרן? ניין, מיר שלעפּן זיך. געשלעפּט זיך אויפֿן וועג צען טעג, ריכטיקער צען נעכט, ווײַל בײַ טאָג, וועלנדיק אויסמײַדן די באָמבעס, וואָס האָבן געהאָגלט פֿון הימל, זײַנען מיר געלעגן באַהאַלטן אין די דאָרפֿישע שטאַלן; בלויז בײַ נאַכט, ווען אויף די וועגן איז געווען חושך מצרים, האָט זיך די סטיכיע אײַנגעשטילט.

מיר פֿאָרן און דער פֿורמאַן שמײַסט די פֿערד שטייענדיק. זײַן הילכיקער, נערוועזער „וויאָ״ שנײַדט דורך די טויטע נאַכטשטילקייט, ווי מיט אַ מעסער. מײַן טעכטערל בעט זיך בײַם פֿורמאַן:

— שלאָגט ניט אַזוי די פֿערד, ס'טוט זיי דאָך ווי, זיי וועלן דאָך נישט האָבן קיין כּוח צו דערפֿירן אונדז אַהיים, קיין פּאַריז.

כ'פֿאַרמאַך די אויגן און כ'קער זיך אום צו זיך אַליין, צו מײַנע מידלשע יאָרן. רעמיניסצענצן, וואָס רופֿן אַרויס טרויעריקע מחשבֿות. אין שפּיגל פֿון נעכטן זע איך די קינדער אויף די שעניקעס אין „הזמיר״. אויך זיי האָבן אַזוי געבענקט נאָך זייער היים פֿון וועלכער מע האָט זיי אומברחמנותדיק אַרויסגעטריבן אין 1914. ס'ווײנט אין מיר דאָס האַרץ.

— פּאַריז, שמאַריז! — שרײַט דער פֿורמאַן — האָסט נישט געזען די טויטע מאַמע מיטן טויטן קינד בײַ איר פֿאַרטעך אויפֿן וועג קיין שעדלעץ? אויב מיר ווילן נישט געהרגעט ווערן פֿון די טײַוולאָנישע פֿליִערס, מוזן מיר זיך אײַלן.

און זײַן „וועשטאַ־וויאָ״, באַגלייט פֿון זײַן ברוטאַלן שמײַסן די פֿערד, הילכט ווידער אָפּ אין דער לופֿטן.

דערשלעפּט זיך ענדלעך קיין לוצק. דאָ האָבן אונדז ייִדן אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה: מיר קענען זיך שוין אָפּשטעלן, ניט וואַלגערן זיך מער אויף די סכּנותדיקע וועגן, מאָרגן וועלן דאָ קומען די סאָוועטישע חיילות און עס וועט ווערן ליכטיק אין לוצק. האָבן מיר אויסגעפֿאָלגט די עצה פֿון די גוטהאַרציקע ייִדן, בפֿרט אַז מיר האָבן שוין געדאַנקט גאָט פּטור צו ווערן

פֿון אונדזער פֿורמאַן, וואָס האָט, פֿילנדיק אַז מיר האָבן געלט, זיך נישט איין מאָל פֿאַרנומען מיט אַ מעסער אויף לאַנדינסקין, ווײַל ער האָט גוט געקענט די פּוילישע שליאַכן און אים כּסדר אַנגעוויזן, אין וועלכער ריכטונג ער זאָל אונדז פֿירן. דעם פֿורמאַן האָט עס נאָר געצויגן אין די וועלדער, וווּ ער וואָלט לײַכט געקאָנט דערגרייכן זײַן ציל און עס וואָלט פֿון אונדז נישט געבליבן קיין שׂריד ופּליט. צום גליק האָבן מיר דערזען אויפֿן וועג, צווישן דער פּוס־גייענדיקער מחנה־פּליטים, צוויי פּוילישע מיליטער־לײַט, דעזערטירערס פֿון דער אַרמיי. האָבן מיר זיי פֿאַרבעטן אויף אונדזער וואָגן. זיך צוזאַמענגעקוועטשט, געגעבן זיי אָרט צו זיצן לעבן אונדז. דער אָנבליק פֿון זייער געווער האָט אונדז אַלעמען מציל געווען פֿון אַ זיכערן טויט, צוליב דעם פֿורמאַנס דאָרשט נאָך געלט.

אין לוצק זײַנען מיר אַרײַן אין אַ האָטעל.

„נישטאָ קיין זכר פֿון קיין ליידיקן צימער", דערקלערט אונדז קאַטעגאָריש דער בעל־הבית, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער ייִד. מע רופֿט אים ר' חיים.

„געלט איז ניט קיין מניעה — זאָגט אים לאַנדינסקי — לאָזט בלויז ערגעץ ווו אַוועקלייגן די קינדער, מיר וועלן זיצן אויף די שטולן איבער נאַכט".

„נו, — טוט ר' חיים אַ גלעט צופֿרידן זײַן בלאָנדע באָרד, וואָס איז פֿײַן פֿאַרקעמט, מיט אַ גלײַכן שפּאַלט אין דער מיטן — אויב איר האָט די ממתּקים, טאָ זאָגט זשע אַזוי!" און ער פֿירט אונדז אַרײַן אין אַ גרויס, לופֿטיק צימער מיט צוויי פֿענצטערס.

אונדזער פֿרייד איז אין לשער. די קינדער וועלן זיך אויסגלײַכן די ביינער אין די געבעטע בעטן. מיר באַצאָלן אין פֿאָרויס פֿאַר אַ וואָך און טאָקע „לאָקשן" (דאָלאַרן), ווײַל קיין זלאָטעס נעמט ר' חיים נישט מער: „אויס פּוילן, אויס זלאָטעס!" — שמייכלט ער כיטרע.

צו מאָרגנס וועקט אונדז אויף פֿון אונדזער טיפֿן, מידן שלאָף אַ הילכיק געזאַנג פֿון דער גאַס: „מאָסקוואַ מאַיאַ, טי מאַיאַ ליובימאַיאַ" (מאָסקווע מײַנע, דו מײַן באַליבטע).

אומצייליקע רייען פֿון רוסישן מיליטער זעען מיר דורך די פֿענצטערס. מיט פֿאַרריסענע כאַכלאַצקע קעפּ, מיט אויפֿגעהויבענע ביקסן אין דער לופֿטן, מאַרשירן זיי אין שווערע שטיוול מיט הויכע כאַלעוועס; וועקן די איבערגעשראָקענע פּוילישע אײַנוווינערס מיט זייער טרומייטערן און באַראַבאַנעוען, ווי די זיגערס פֿון דער וועלט.

אָן אַ קלאַפּ אין טיר פֿאַלט צו אונדז אַרײַן, אַ שטראַלנדיקער פֿון פֿרייד, ר׳ חיים. אַ גדולה האָט אים באַטראָסקעט. ער פֿאַרבעט אונדז ברייטהאַרציק אַרײַן אין זײַן עסצימער צו האָבן מיט אים פֿרישטיק.

מיר זײַנען זיך מחיה: פֿרישע זעמעלעך מיט פּוטער, ראָגאַליקלעך מיט קעז, אייער, פֿרישע, שמעקנדיקע קאַווע. די קינדער באַלעקן זיך, קענען זיך גאָר נישט זאַט עסן, כּמעט צוויי וואָכן געהונגערט. דער לאַבן ברויט און די עטלעכע וואורשטלעך, וואָס מיר האָבן מיטגענומען אין וועג אַרײַן, זײַנען גיך פֿאַרשוווּנדן.

נאָך דעם פֿײַנעם פֿרישטיק פֿאַרפֿירט ר׳ חיים אַ שמועס מיט אונדז. לאַנדינסקי דריקט אויס זײַן איבעראַשונג: די רוסן זאָלן קומען צו הילף פּוילן, אַזעלכע פֿאַרביסענע שונאים זאָלן צוזאַמען וועלן קעמפֿן קעגן די נאַציִשע רוצחים, ס׳איז כּמעט אומגלייבלעך.

מיט אַ פּאָר אויסגעגלאַצטע, ווילדע אויגן נעמט ר׳ חיים שיטן פֿעך און שוועבל אויף די פּאָליאַקן: „אויס פּאַנעס, מע וועט זיך שוין דאָ מער ניט פּאַנעווען! ווי עך בין אַ ייִד, אַ געזונט אויף זייערע קעפּ, די רוסן, זיי וועלן שוין לערנען בלק מיט דער פּוילישער באַנדע״.

לאַנדינסקי טענהט ווײַטער: „די סיטואַציע איז פֿאָרט ניט קלאָר, עס לייגט זיך פּשוט ניט אויפֿן שׂכל אַז...״ ר׳ חיים קאָכט זיך, לאָזט אים ניט ריידן און פּלוצלינג טוט ער אַ זעץ מיט ביידע פֿויסטן אין טיש און צע־שרײַט זיך אויף רוסיש:

„יאַ באָלשעוויק, טוואַי דענגי דאַווײַ״. (כ׳בין אַ באָלשעוויק, גיב מיר דײַן געלט).

„גוט, — זאָגט לאַנדינסקי, קאָנטראָלירנדיק זײַן אויפֿרעגונג — אַוודאי וועל איך אײַך געבן נאָך געלט. איר גרייט צו אײַער חשבון און איך וועל גיין אַרויסבאַקומען מײַן געלט, וווּ איך האָב עס באַגראָבן״.

מיר לאָזן איבער דאָס ביסל זאַכן, וואָס מיר האָבן אין די רוקזעק, און בלויז מיט די שטיקלעך זייף, ווו עס זײַנען פֿאַרשטעקט אונדזערע גאָלדענע דאָלאַרן, און די זעקעלעך מיט דער פּאַפּירענער פֿרעמדער וואַליוטע, וואָס מיר טראָגן אַלע הינטער די אונטערוועש, לויפֿן מיר אין אײַלעניש צום באַנהויף. מיר ווילן פֿאָרן קיין לעמבערג.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געוואָרט אויף דעם אָנגעשטאָפּטן צוג מיט פּאַסאַזשירן־פּליטים. אַ יונגער־מאַן, וואָס פֿאָרט אָנגעהאָנגען פֿון אויסנווייניק אויף דער באַן, וואַרפֿט אַרײַן אונדזערע קינדער אין צוג אַרײַן און העלפֿט

אונדז זיך אַרײַנקוועטשן צווישן דעם פֿאַרנדיקן עולם. נאָך אַ מעת־לעת שלעפּן זיך אין דער שטיקנדיקער באַן זײַנען מיר אָנגעקומען קיין לעמבערג, ווי עס באַלעבאַטעווען שוין אויך די רוסן.

כמעט אַ האַלבע שטאָט איז חרוב. דאָ און דאָרט שטייען נאָך די הײַזער אײַנגעוויקלט אין פֿלאַמען. אויף די גאַסן: בערגלעך אַש אויסגעמישט מיט גלאָז פֿון צעטראַסקעטע שויבן, אָפּגעבראָכענע ציגל. עס קרישלען זיך נאָך איבערגעבליבענע שטיקער ווענט פֿון די באָמבאַרדירטע הײַזער. אומעטום פּלאַקאַטן די רויטע פֿאָן. פֿון די פֿענצטערס, פֿון די על־פּי־נס געבליבענע קראָמען, קוקט אויף אײַך דער פּאָרטרעט פֿון סטאַלינען. די קאַפֿעען זײַנען געפּאַקט מיט פּליטים, אַנטלאָפֿענע ייִדן און פּאָליאַקן פֿון וואַרשע און פֿון שטעטלעך אַרום וואַרשע. אַ פּאַניק, אַלע זײַנען צעחושט, צעטומלט.

צווישן דעם אָנגעלאָפֿענעם עולם טרעפֿן מיר אויך ייִדישע שרײַבערס. אונדזער פֿרײַנד יהושע פּערלע דערפֿרייט זיך מיט אונדז, פֿרעגט אַן עצה וואָס צו טאָן, צי זאָל ער בלײַבן דאָ, אָדער פֿאָרן ווײַטער קיין מינסק; אַלטער קאַציזנע גייט אויך אַרום אַ צעחושטער, אָבער אַ שווײַגנדיקער. אַנדערע טראַכטן גאָר וועגן גיין צוריק קיין וואַרשע, געלאָזן דאָרט אויף הפקר פֿרויען און קינדער.

מיר ווערן געוווירר, אַז די רוסן האָבן גאָר געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די נאַציס. מיר ענדערן נישט אונדזער באַשלוס, מיר מוזן פֿאָרן אַהיים קיין פּאַריז. ס׳טוט זיך אָבער נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך. אַרויספֿאָרן פֿון לעמבערג לעגאַל קאָן מען נאָר מיט אַן אַרויספֿאָר־וויזע פֿון די רוסן. אונדזערע אויסלענדישע פּעסער, וואָס זײַנען באַלייגט מיט וויזעס, די דאָקומענטן, וואָס באַווײַזן, אַז מיר זײַנען שטענדיקע אײַנוווינערס פֿון פּאַריז, זײַנען נישט גענוג. מיר דאַרפֿן וואַרטן, ביז מאָסקווע וועט שיקן קיין לעמבערג „נאָטשאַלסטווע״, וואָס וועט אויספֿאָרשן יעטווערן פּליט מיט אויסלענדישע דאָקומענטן, וואָס איז צופֿעליק פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער מלחמה אין פּוילן, זאָגן אונדז באַהאַוונטע ייִדן. בלײַבן מיר בכן אין לעמ־בערג, אַ ברירה האָבן מיר?

**
*

זעקס חדשים זײַנען שוין אַריבער זינט עס פֿלאַקערט די מלחמה און מיר שטעקן נאָך אַלץ אין לעמבערג.

אויף „זשעלאָנע״ גאַס נומער 12, אין אַ פֿײַנער זעקסשטאָקיקער גע־ביידע, ווו עס געפֿינט זיך איצט די נקוו״ד, איז פֿאַראַן אויפֿן ערשטן שטאָק

אן אַפּטייל פֿון אַרויסגעבן וויזעס די אויסלענדער פֿון אַלערליי לענדער, וואָס ווילן פֿאָרן אַהיים.

„פּראָפּוסק, טאָוואַרישטש" — זאָגט מען אונדז בײַ דער טיר פֿון אַרײַנגאַנג צו דער געבײַדע. אָן אַ „פּראָפּוסק" קאָן מען צום נאַטשאַלניק, טאָוואַרישטש וואָלקאָוו, ניט אָנקומען.

ווייסט איר, וואָס עס מיינט אַ „פּראָפּוסק"? אַ קלייניקייט, כּמעט אַ גאָרנישט. אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, מיט אַ געווײנטלעכן נומער, אויפֿגע־שריבן מיט אַ בלײַפֿעדער אײַער נאָמען און אַ מין האַלבער איניציאַל פֿון דער אונטערשריפֿט פֿון דעם, וואָס גיט אײַך דעם פּראָפּוסק. פֿאַר קיין שום געלט אָבער וועט איר אַזאַ שטיקעלע פּאַפּיר ניט קריגן צו קויפֿן. איר מוזט אַליין, אָדער עמעצער פֿון אײַער משפּחה, באַקומען דאָס דאָזיקע פּאַפּירל, אויב איר האָט, פֿאַרשטייט זיך, די נייטיקע דאָקומענטן צו באַווײַזן, אַז איר האָט עפּעס אַ שײַכות מיטן וווינרעכט אין אויסלאַנד. איר דאַרפֿט אויך זײַן אַ בעלן אויפֿצושטיין פֿרי, פֿאַר טאָג, כּדי ניט צו זײַן פֿון די לעצטע, וואָרעם פֿון די ערשטע וועט איר קיין מאָל ניט זײַן. האָט איר שוין, מיט מזל, דערלעבט צו באַקומען דעם פּראָפּוסק, דערקלערט מען אײַך:

— איצט איז דער נאַטשאַלניק פֿון דער וויזע־אָפּטיילונג, טאָוואַרישטש וואָלקאָוו, שטאַרק פֿאַרנומען, פֿריִער ווי צען בײַ נאַכט וועט ער פֿאַר אײַך קיין צײַט ניט האָבן.

דערווײַל האָט שוין אָנגערוקט דער ווינטער. אַ קנאַקעדיקער פֿראָסט אין גאַס, אַ בייזע קעלט אין דער אומגעהייצטער דירה, און דאָך ווי פֿרי איר זאָלט ניט קומען צו דער הינטערשטער טיר פֿון לעמבערגער נקור״ד נאָך אַ פּראָפּוסק, וועט איר אַלץ טרעפֿן מענטשן, וואָס שטייען שוין אין דער ריי אַ פּאָר שעה פֿאַר אײַך.

מע שטייט און מע פֿרירט. די נעז רויט ווי בוראַקעס, די אויערן ברענען ווי פֿײַער; די פֿיס אַרומגעוויקלט מיט צײַטונגען, שמאַטעס — שטיקער אײַז. מע קלאַפּט איין פֿוס אָן צווייטן, מע וועקט דאָס פֿאַרגלייווערטע בלוט.

בײַ נאַכט שטייט מען ווידער, מיט די פּראָפּוסקעס אין די הענט, אין דער ריי, און אַז מיר קומען שוין אָן צו דער טיר פֿון נאַטשאַלניק, הערט מען פֿון אים אַ לאַקאָנישן זאָג: „פּריכאַדיטיע זאַווטראַ" (קומט מאָרגן).

ס'האָט אונדז גענומען עטלעכע חדשים, איידער מיר האָבן צעקייט דעם כאַראַקטער פֿון דעם נאַטשאַלניק. געוואָלט האָט ער ווײַזן זײַן רעגירונג אין מאָסקווע, אַז ער איז אַ סטאַכאַנאָוויעץ מער ווי סטאַכאַנאָוו אַליין און וויל

באַשיצן זײַן לאַנד פֿון די אויסלענדער, די בורזשויזן, מער ווי מאַלאַטאָוו בכּבֿודו ובעצמו.

סוף־סוף האָט מען אונדז באַפֿוילן צו קומען בײַ נאַכט מיט אָנגעשריבענע אויטאָביאָגראַפֿיעס אין דער רוסישער שפּראַך. טאָוואַרישטש וואָלקאָוו וועט באַטראַכטן יעדן פֿאַל אינדיווידועל און געבן זײַן ענדגילטיקן באַשלוס.

אין אַ גרויסן, ברייטן צימער, הינטער אַ דעמבאָוון שרײַבטיש, באַדעקט מיט אַ גרינעם טוך, זיצט דער נאַטשאַלניק אין זײַן גרויען מונדיר, דאָס מיליטערישע היטל מיט די רויטע לאַמפּאַסן אויפֿן קאָפּ. פֿאַר אים ליגט דעמאָנסטראַטיוו אַ רעוואָלווער. לעבן אים זיצט אַ פֿרוי אויך אין אַ מיליטערישן מונדיר — אַ דיקע, מיט אַ ברייט, געזונט, דאָרפֿיש פּנים, אַ רויטער בערעט אויפֿן קאָפּ. זי איז, אַ פּנים, גרייט צו באַשיצן דעם נאַטשאַלניק אין פֿאַל פֿון אַן אָנגריף מצד די אויפֿגערעגטע פּליטים.

מיר, אַ צענדליק פּליטים, זיצן אין דערבײַיִקן צימער און וואַרטן אַרײַנגערופֿן צו ווערן צום פֿאַרהער. די טיר, וואָס פֿירט צום נאַטשאַלניק, שטײַט אָפֿן. מיר הערן די פֿראַגעס, דאָס חוזק פֿון דעם נאַטשאַלניק און די ציטערדיקע שטים פֿון יעדן אויפֿגענומענעם פּליט.

פֿרוי שטיינבערג, אַ שטענדיקע אײַנוווינערין אין בעלגיע, ווערט אַרײַנגערופֿן די ערשטע. זי פֿאַרריכט זיך איר ברייט־ראַנדיקן הוט, היפּשלעך צעקנייטשט הינטער דער פֿאַטשיילע, וואָס פֿאַרדעקט דעם הוט איבער די אויערן.

— וואָס זײַט איר אַזוי מאָדנע אָנגעטאָן? צי האָט איר ניט אין בריסל קיין בערעטן, אַזוי ווי בײַ אונדז, אַט ווי די חבֿרטע טראָגט? — ווײַזט ער אָן מיטן פֿינגער אויף זײַן היטערין, דער נאַטשאַלניק. — איר טראָגט אַזאַ ברייטן הוט, גאָר נישט פּראָלעטאַריש. פֿון וואָס פֿאַר אַ פֿאַמיליע שטאַמט איר?

פֿרוי שטיינבערג ענטפֿערט נאַיִוו: „איך האָב פֿאַרלאָזט בריסל אָנהייב זומער, דעמאָלט איז בײַ אונדז געווען אַזאַ מאָדע”.

— יאָ, יאָ, מיר קענען אײַך שוין מיט אײַערע מאָדעס. אין בריסל אַרבעט אַן אַרבעטער 18 שעה אין מעת־לעת, מע נאָגט אויס דעם מאַרך פֿון זײַנע ביינער. ווען האָסטו דאָרט אין בריסל?

„איך האָב אַלץ באַשריבן אין מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, זאָל איך לייענען?”

„מיר קענען אײַך שוין מיט אײַערע ביאָגראַפֿיעס. ענטפֿער: ווען האָסטו אין בריסל?”

„מײַן מאַן, איך שרײַב דאָ טאַקע...”

„וואָס? דײַן מאַן? דו האָסט ניט קיין מאַן, ס'איז ניט אמת! קיין שום מאַן וואָלט ניט לאָזן פֿאָרן זײַן יונגע פֿרוי אין דער וועלט אַרײַן מיט אַזאַ הוט! מיר וועלן דאָס שוין אויספֿאָרשן. „פּריכאָדיטיע זאַווטראַ" (קומט מאָרגן). אַן אַנדערער זאָל אַרײַן!"

פֿון באַנק הייבט זיך אויף אַ יונגע, הויך־וווּקסיקע, שיינע פֿרוי. איר געשיכטע ווייסן מיר אַלע. זי איז אַ פּאָלקע, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פֿראַנצויז. באַקומען אַ פֿראַנצייזישן פּאַס, אָבער טאָוואַרישטש וואָלקאָו וויל ניט אָנערקענען די חתונה.

„אַהאַ, דאָס זײַט איר? נו, וואָס?"

„איך האָב דיר געבראַכט מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע" — און מיט לאַנגע, אויסגעאיידלטע פֿינגערס דערלאַנגט זי אים אַ פֿײַן געוויקלט פּאַפּיר, פֿאַרבונדן מיט אַ רויט בענדל.

דערזען די מאַניקירטע נעגל, האָט דער נאַטשאַלניק אַ קוק געטאָן אויף דער האַנט פֿון זײַן היטערין, וואָס פֿאַרדעקט דעם רעוואָלווער אויפֿן טיש, און אַ זאָג געטאָן:

„סאַראַ מאָדנע פֿינגערס! דו האָסט קיין מאָל ניט געאַרבעט אין דײַן לעבן. ביסט אַ בורזשויקע, דו ווילסט פֿאָרן קיין אויסלאַנד באַריידן די סאָוועטן. נו, לאָמיר הערן, לייען דײַן שרײַבעכץ".

„איך בין געבוירן געוואָרן"...

„כאַ, כאַ, כאַ... זי איז געבוירן געוואָרן. און ווער איז ניט געבוירן געוואָרן? ווער עס לעבט, דער איז געבוירן געוואָרן, דײַן מאַמע איז ניט געבוירן געוואָרן? בײַ וועמען איז זי טאַקע געבוירן געוואָרן, בײַ דער פּוילישער שליאַכטע, מסתּמא, האַ? ניין, כּל־זמן דו ביסט אַ פּאָליאַטשקע, וועסטו ניט פֿאָרן!"

„איך בין דאָך שוין אַ פֿראַנצויזקע".

— ניין, אין פֿראַנקרײַך איז געווען אַ רעוואָלוציע. צי ווייסטו, וואָס עס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציע? זעסטו ווי מען זעט אויס אין אַ רעוואָלוציע? — ווײַזט ער אָן אויף זײַן דיקער היטערין — אַז מען האָט ניט צו עסן און צו טרינקען, האָט מען ניט אין זינען קיין מאַניקיר. אַזעלכע פֿינגערס און אַזעלכע נעגל? ניין, דו וועסט ניט פֿאָרן. קענסט מיך פֿאַרקלאָגן פֿאַר דײַן פֿראַנצייזישער אַמבאַסאַדע.

— חבֿר נאַטשאַלניק, איך וויל דיך פֿאַר קיינעם ניט פֿאַרקלאָגן. אַלץ,

וואָס איך בעט, איז אַ וויזע. דו האָסט דאָך אַליין געגעבן מײַן מאַן אַ וויזע. ער איז אַוועקגעפֿאָרן. האָסט דאָך אים צוגעזאָגט, אַז אין אַ חודש אַרום וועסטו מיר געבן די וויזע, און צוויי חדשים זײַנען שוין אַריבער...

— צוגעזאָגט? פֿאַליאַקן האָבן תמיד טענות! כ׳האָב צוגעזאָגט דײַן מאַן, טאָ זאָל ער קומען... וואָס זשע קומסטו? און אַזוי שפּעט, אין מיטן נאַכט. ווי שפּעט איז איצט?

„האַלב איינס, חבֿר נאַטשאַלניק״.

— הערסט אַ מעשׂה, האַלב איינס, אַליין, אַן אַ מאַן קומט זי. קום מאָרגן. ס׳איז צו שפּעט מיט דיר זיך איצט אויסצוטענהן. „פּריכאַדיטיע זאַווטראַ״. ווער נאָך?

עס גייט אַרײַן ווילענסקי, אַ געוועזענער זייער רײַכער לאָדזשער פֿאַב־ריקאַנט, אין אַ פֿוטער מיט אַ ברוינעם ווידרענעם קאָלנער, אין דער האַנט האַלט ער אַ ברוין ווידרען היטל, ער זעצט זיך אַוועק.

„דו ביסט אַ פּנים, זייער אָנגעמאַטערט, חבֿר ווילענסקי?״

„ניין, איך בין אַ גאַנצן אָוונט געזעסן און געוואַרט״.

— וואָס זשע האָסטו זיך אַזוי גיך אַוועקגעזעצט, האָסט ניט קיין צײַט צו וואַרטן, ביז איך וועל דיך בעטן זיצן? נו, אויב אַזוי וועל איך דיך בעטן שטיין. איז וואָס שרײַבסטו אין דײַן ביאָגראַפֿיע? אַ פּראָלעטאַריער, האַ? געבוירן, נעבעך, בײַ אָרעמע עלטערן, איאָ?

— אויב איר וועט זיך בעמען די מי צו לייענען, וועט איר אַלץ וויסן גענוי — ענטפֿערט אים שטאָלץ ווילענסקי.

— אַהאַ... לאָמיך נאָר פֿריִער באַטראַכטן דײַן פֿוטער. ווי לאַנג, מיינסטו, דאַרף מען אַרבעטן צו פֿאַרדינען אויף אַזאַ פֿוטער? עפּן נאָר די פּאָלעס. ווײַז, ווי אַזוי זעט עס אויס אינעווייניק. אַהאַ — האַ... סאָראָ ווייכע פֿעלעכלעך, שוואַרץ מיט ווײַס. ווו וואַקסן דאָס אַזעלכע חיהלעך? זי־כער ניט אין פּוילן. איז וואָס?ווילסטו טאַקע פֿאָרן קיין אויסלאַנד, ווו עס וואַקסן אַזעלכע חיהלעך?

ווילענסקי שווײַגט.

— ווײַז מיר נאָר פֿריִער דײַנע הענט. אַהאַ, אַזעלכע איידעלע הענט! זיי האָבן קיין מאָל קיין האַלץ אין אַ פֿראָסט ניט געהאַקט, קיין ראָד בײַ אַ מאַשין ניט געדרייט. טאָ זאָג זשע מיר, „פּאַן״ ווילענסקי, ווו ביסטו געווען הײַנט בײַ טאָג אַרום צוועלף אַ זייגער, בשעת אַלע האָבן געשאַרט

מיט די לאָפּעטעס די שנייען אין די גאַסן, לויטן אָפּיציעלן באַפעל? איך דערקען אָן דיר, אַז דו האָסט קיין שניי ניט געשאָרט. דו ביסט אַ מיליאָנער, ווילסטו פאָרן קיין אויסלאַנד. דײַן אויסלענדישער פּאַס זאָגט עדות, אַז דו פאָרסט זייער אָפּט: אַלטע וויזעס פון דער שווייץ, בערלין, פאַריז, לאָנדאָן.

ווילענסקי שווײַגט, אָבער ס׳פּנים איז בלייך, די פּיס אונטער דעם אָפּענעם פוטער ציטערן.

— אַנו, ווײַז דײַן ביאָגראַפיע, לאָמיר זען, ווי אַזוי דו ווילסט אונדז נאַרן, מיר קענען אײַך, פּוילישע בלאָפערס. — מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף זײַן לענגלעכן פּנים וויקלט וואָלקאָוו אויף דעם בויגן, מאַכט זיך כלומרשט לייענען די ביאָגראַפיע, מיט ביטול פאַרוויקלט ער באַלד צוריק דעם בויגן:

— ניין, זייער שלעכט געשריבן, אַזאַ ביאָגראַפיע קענען מיר ניט אָנ־נעמען...

— מיט וואָס איז זי שלעכט געשריבן?

— מיט אַ שרײַבמאַשין. דו שרײַבסט, אַז דו ביסט אַ בוכהאַלטער. נו, אויב דו ביסט אַ שלעכטער בוכהאַלטער, וואָס דאַרפסטו פאָרן קיין אויס־לאַנד? ביסטו יאָ אַ גוטער בוכהאַלטער, פאַר וואָס ווילסטו ניט בלײַבן מיט אונדז? מיר פאַרשטייען זיך אויף אַזעלכע גוטע בוכהאַלטערס. ווי שפּעט איז עס שוין? גענוג, דו פאָרסט ניט, דו זאָלסט זיך אַפילו שטעלן אויפן קאָפּ, וועסטו ניט פאָרן!

נאָך ווילענסקין קומען מיר: לאַנדינסקי און איך.

— נו, איר קומט כאָטש צוזאַמען, אַזוי פאַרשטיי איך — שנײַצט דער נאַטשאַלניק זײַן לענגלעכע נאָז מיט דער האַנט — נו, גיך, לאָמיר זען אײַער ביאָגראַפיע.

דער אָנהייב גייט דורך כשורה. פּלוצעם נעמט ער לייענען אויפן קול: „אין פאַריז האָבן מיר אַן אייגענע פאָטאָגראַפישע אַגענטור"... — אַהאַ, דו ביסט, הייסט עס, אַ פאָטאָגראַף און דערצו אַליין אַן אַגענט. אַהאַ... — זײַנע פּעך־שוואַרצע אויגן שיסן מיט פײַער. ער טוט אַ כאַפּ אונדזערע דאָ־קומענטן, אַ וווּנק מיטן אויג צו דער היטערין זײַנער, ווי איינער זאָגט: געכאַפּט דעם ריכטיקן לעשטש, זײַ פאַרזיכטיק!

זי פאַרשטייט וואָס ער מיינט. פאַר אונדז באַווײַזט זיך באַלד אויפן טיש אַ צווייטער רעוואָלווער. זי האַלט פעסט צו מיט אירעביידע הענט ביידע

רעוואָלווערן. דער נאַטשאַלניק הייסט אונדז וואַרטן, ער וועט באַלד זײַן צוריק מיט זײַן באַשלוס.

„מיר זײַנען אַרײַנגעפּאַלן" — מורמלט לאַנדינסקי צו מיר אויף פראַנ־צייזיש.

„איר רעדט אַ גוטן פראַנצייזיש" — נעמט אונדז פאַררעדן די ציין די דיקע היטערין.

„ווי לעבט זיך עס דעם אַרבעטער אין פּאַריז? וויפל שעהען אַ וואָך אַרבעט ער?"

„פערציק שעה אַ וואָך" — ענטפערט לאַנדינסקי געלאַסן.

„טאַקע, ניט מער? דאָס איז דאָך אוממעגלעך — פאַרשנורעוועט זי מאָדנע אירע דיקלעכע ליפּן — און וואָס עסן די אַרבעטער אין פּאַריז?"

„באַלד אין דער פרי עסן זיי כמעט גאָרנישט. אַ גלעזל קאַווע מיט אַ ראַגאַל, וואָס מען רופט אין פּאַריז: קרואַסאַן".

„יאָ, נעבעך, מע האָט אונדז טאַקע געזאָגט, אַז די אַרבעטערס אין אײ־ראָפּע הונגערן".

„ניין, הונגערן, הונגערן זיי ניט. צוועלף אַ זייגער האָבן אַלע צווײ שעה אויף מיטאָג".

„איר קיבעצט מיך. צווײ שעה אויף מיטאָג? פון וואָס באַשטייט זייער מיטאָג?"

לאַנדינסקי נעמט רויק אויסרעכענען: אַ פאַרשפּײַז, זופּ, פלייש, סאַלאַט, קעז. איך טרעט אים אויף די פיס, כ׳קנײַפּ אים אונטער דעם טיש. ער וויל אָבער ניט שווײַגן. ער איז ניט אַזוי אַלאַרמירט ווי איך. ער איז זיכער, אַז ער וועט שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויס פון נקוו״ד וויל ער זיך כאָטש מיט איר רייצן, נעמען איר די לעבער, דער היטערין. איך אָבער ציטער, ווי אַ פיש געפאַנגען אין אַ נעץ.

„איר וועט מיר נאָך אפשר זאָגן, אַז זיי פאַרטרינקען דעם גוטן מיטאָג מיט ווײַן?" — קריצט מיט די ציין די זעלנערקע און וואַרפט אונדז ביידן צו רוגזהדיקע בליקן.

„פאַרשטייט זיך, אַ פלאַש רויטן אָדער ווײַסן ווײַן האָט יעדער צום מיטאָג".

איך פיל דאָס בלוט גליווערט אין מײַנע אָדערן. אין גלות איז ער, דער

מאַן מײַנער, נאָר זײַן צונג וויל ער אין גלות ניט האַלטן. כ׳טו זיך אָן אַ כּוח, כ׳שמייכל צו דער היטערין: — אַזאַ מיטאָג, וואָס מײַן מאַן האָט דיר נאָר וואָס געשילדערט, האָבן די אַרבעטערס נאָר איין מאָל אַ יאָר, דעם 14טן יולי, דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער יום־טובֿ אין פֿראַנקרײַך.

— אָ, זאָג זשע אַזוי! דאָס קען איך גוט פֿאַרשטיין. — זי אָטעמט אָפּ אַ באַרויִקטע און נעמט אונדז דערקלערן, אַז דער טאָוואַרישטש וואָלקאָוו איז אַרויפֿגעגאַנגען ווײַזן אונדזערע דאָקומענטן דעם קאָנטראָלער, וואָס איז אַ מאָל אַליין געווען אין פּאַריז, רעדט פֿראַנצייזיש און וועט גוט פֿאַרשטיין אונדזער ביאָגראַפֿיע.

„איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן" — חזרט איבער לאַנדינסקי מיט אַ מאָדנער קאַלטבלוטיקייט. איך, אָבער, טראַכט: ווי איז מיר, וואָס וועט זײַן מיט די קינדער, ווער וועט פֿאַר זיי זאָרגן? און עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן, ביז עס באַווײַזט זיך דער טאָוואַרישטש וואָלקאָוו.

שטיל זעצט ער זיך אַוועק בײַ זײַן שרײַבטיש, קוקט אונדז אָן און מיט אַ טרוקענער, אויסגעצויגענער שטים מעסט ער די ווערטער: „טאַק וואָט", (איז אײַך) — מאַכט אַ פּויזע, ווי ער וואָלט וועלן פֿון אונדז די נשמות אַרויסציִען, ענדלעך זאָגט ער: — איך גיב אײַך צוריק אײַערע פּעסער און די האַרמאָניקעס (אַזוי האָט ער אָנגערופֿן אונדזערע „קאַרט ד׳אידענטיטע"). מיר ווילן אײַך גערן געבן אַ וויזע, אָבער ווו זאָלן מיר זי געבן? אײַערע פּעסער זײַנען מער ניט גילטיק. אויס פּוילן, אויס פּעסער! איר קענט זיי באַניצן... איר פֿאַרשטייט ווו איך מיין...

אַ באַרויִקטע נעם איך בעטן: — אויב אַזוי, טאָ גיב אונדז אַן עצה, וואָס זאָלן מיר טאָן?

— פֿרעגט בײַ אײַערע פּחדנישע „פּאַנעס", די פּוילישע פּירערס, וואָס האָבן אײַך צוזאַמען מיט גאַנץ פּוילן געלאָזט אויף הפֿקר, אַליין זיך גיך אָפּגעטראָגן קיין אויסלאַנד, אין זינען געהאַט בלויז זייער אייגן לעבן און פֿאַרמעג.

„נסים ונפֿלאות! — זאָגט לאַנדינסקי, אַראָפּלויפֿנדיק פֿון די שטיגן פֿון נקווה"ד — כ׳בין נאָך ניט בײַ זיי אויף דער שוואַרצער ליסטע".

צו מאָרגנס רופֿן מיר צונויף אַלע וואָלקאָווס נעבעכדיקע קרבנות. לאַנדינסקי דערקלערט זיי, אַז ס׳איז אַ ברכה־לבטלה, מיר פֿאַרשפּאָרן צו פּטרן אונדזער ענערגיע, מיר וועלן פֿון וואָלקאָוון קיין וויזעס ניט אַרויס־קריגן. אַזוי ווי מיר האָבן ניט וואָס צו פֿאַרלירן, האָבן מיר באַשלאָסן צו

באַשרײַבן אונדזער מצבֿ אין פֿאָרעם פֿון אַ בריוו, דאָס שיקן קיין מאָסקווע צו מאָלאָטאָוון און אַפֿילו צו סטאַלינען. די קאָפּיע פֿון דעם בריוו װעלן מיר אויך שיקן צום פֿראַנצייזישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע און אים בעטן ער זאָל פֿאַר אונדז אינטערווענירן בײַ דער סאָוועטישער מאַכט. מיר האָבן געעצהט אַלעמען צו טאָן דאָס זעלביקע.

מיט ענטוזיאַזם נעמען אַלע אויף דעם פֿאָרשלאָג. מיר גרייטן צו דעם נוסח פֿון בריוו אויף רוסיש און אַלע פֿאָלגן אונדזער עצה בײַצולייגן אַ בריוו צום געהעריקן אויסלענדישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און דער לעמבערגער נקוו״ד האָט פֿײַערלעך אויפֿגענומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויסצופֿאָרשן אונדזערע ענינים. טאָוואַרישטש וואָלקאָוו האָט זיך תּיכּף ומיד אַראָפּגעקײַקלט פֿון זײַן כּסא־הכּבֿוד. ער, דער פּלומרשטער סטאַכאַנאָוויעץ, איז דעגראַדירט געוואָרן, אָנשטאָט אַ נאַטשאַלניק איז ער געוואָרן אַ היטער בײַם אַרײַנגאַנג פֿון נקוו״ד.

ווען מיר זײַנען סוף־סוף, נאָך לאַנגער אינדיווידועלער אויספֿאָרשונג, אַרויס פֿריילעכע פֿון נקוו״ד און געזאָגט דעם טאָוואַרישטש וואָלקאָוו, וואָס האָט אונדז איצט הכנעהדיק באַגריסט בײַ דער טיר, אַז מיר פֿאָרן אַהיים, מיר האָבן שוין די וויזע, האָט ער מיט אַ ברייטן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— זעט איר, איך האָב דאָך אײַך געזאָגט: „אַז נאָס וסיאָ בודיעט, אי וויזאָ בודיעט״. (בײַ אונדז וועט אַלץ זײַן, ס׳וועט אויך זײַן אַ וויזע).

יאָ, אַ וויזע אַרויסצופֿאָרן האָבן מיר טאַקע באַקומען נאָך נײַן חדשים וואַרטן, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פֿון דער פֿראַנצייזישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, אָבער אַהיים קיין פּאַריז זײַנען מיר ניט דערפֿאָרן.

גלײַך נאָך דעם ווי דער פֿראַנצייזישער קאָנסולאַט אין מאָסקווע האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ טערקישער דורכפֿאָר־וויזע, האָט אונדז די סאָוועטישע „נאַטשאַלסטווע״ דערלויבט, אין אײַלעניש, צו פֿאָרן קיין אָדעס און פֿון דאָרט קיין טערקײַ. אין איסטאַמבול אָבער, ווו מיר זײַנען אָנגעקומען אין 1940, האָט מען אונדז איבערגעגעבן, אין דאָרטיקן פֿראַנצייזישן קאָנסולאַט, די טרויעריקע בשׂורה, אַז פֿראַנקרײַך קאַפּיטולירט.

דאָ הייבט זיך אָן פֿאַר אונדז אַ נײַע תּקופֿה פֿון וואָגלען אויפֿן גלות־וועג, איבער קאָנטינענטן און אָקעאַנען. ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן אין טערקײַ אויף דער אַמעריקאַנער וויזע, וואָס לאַנדינסקיס שוועסטערס קינדער, עדנאַ און אַל פֿײַערשטיין, האָבן פֿאַר אונדז אויסגעאַרבעט אין אַמע־

ריקע, האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט פֿאַלשע דאָקומענטן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז מיר זײַנען געשמדט, און מיר האָבן באַקומען פֿאַר אַ היפּשן „באַקשיש״, פֿאַרשטייט זיך, אַ וויזע קיין בראַזיל. די וויזע האָבן מיר ניט אויסגעניצט, ווײַל בינו לבינו האָבן אונדזערע קרובֿים פֿון אַמעריקע אונדז מודיע געווען, אַז זיי האָבן פֿאַר אונדז אַרויסגעשיקט די אַמעריקאַנער „עפֿידייוויטס״ קיין באָמבײַ.

דרײַ יאָר האָבן מיר געוואַנדערט איבער צען לענדער. אומעטום באַ־גלייט אונדז דער שוואַרצער שאָטן פֿון היטלערן ימח־שמו, אומעטום צאַנקט דאָס ליכט פֿון אַ פֿרײַ, רויִק לעבן. אַ פּלאַץ אויף די שיפֿן איז ניט בנמצא. די שיפֿן האָבן פֿאַרנומען די אַמעריקאַנער, וואָס אײַלן אַהיים כּדי אויס־צומײַדן די פֿינצטערע מלחמה, וואָס לויערט אין אַלע מיזרח־לענדער.

מיר וואַנדערן פֿון טערקײַ קיין איראַק, ישׂראל, איראַן, דורך הייסע, זאַמדיקע זאַווייען אין מדבריות קיין אינדיע; אויף שיפֿן: מאַדאַגאַסקאַר, פּאָרטוגייזישע קאָלאָניעס און ענדלעך פֿון קייפּטאַון (דרום־אַפֿריקע) אויף אַ פֿראַכטשיף, מיט צרות, אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

סאַראַ מין סחורה (אויפֿרײַס־מאַטעריאַלן) אונדזער שיף האָט געפֿירט האָבן מיר נישט געוווּסט, געפֿילט האָבן מיר, אָבער, אַז אויך דאָ דראָט אונדז אַ סכּנה אומצוקומען פֿון די פֿײַנטלעכע סובמאַרינען.

אויפֿן דעק פֿון אונדזער שיף איז שטאָק־פֿינצטער. אַ בלעקאַוט. די פֿענצטערלעך פֿון אַלע קאַבינעס זײַנען הערמעטיש פֿאַרמאַכט מיט מע־טאַלענע לאָדנס. קיין זכר פֿון ליכט זאָל, חלילה, ניט דורכדרינגען צום דעק. אַ בלעקאַוט אויך אין אונדזערע געמיטער.

צוויי וואָכן האָט געדויערט די נסיעה אין טויטשרעק אויפֿן אָקעאַן. צוויי גורלדיקע וואָכן איז אונדזער שיף געשווימען, זיך געשלאָגן, געקעמפֿט מיט די צעשוימטע, צעווילדעווערטע פֿאַליעס. אין אונדזערע אויערן רוישט זייער טונקעלער געפּליעסק, דאָס הודזיען פֿונעם גיגאַנטישן קעסל און דער אָנגעשטרענגטער צאַפּל פֿון די קאַנאָטן פֿון אונדזער שיף.

מיר האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט גיך אָנצוטאָן די גומענע רעטונגס־רינגען צו זײַן גרייט, אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה, צו שפּרינגען אין ים אַרײַן, אָדער אין די צוגעגרייטע רעטונגס־שיפֿלעך. אָפּגעקומען זײַנען מיר בלויז מיט שרעק. אין אויגוסט 1942 זײַנען מיר, אויסגעמאַטערטע סײַ פֿיזיש, סײַ גײַסטיק, אָנגעקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע.